צוערשט אויסצופּרובירן אין זומער, שפּילן פאַר ביליקע פּרייזן א.א. אַזוי שנעל אָבער ווי עס איז געקומען צו דער געלט־פראַגע, ווי אַזוי מען זאָל זיך איינטיילן מיט די מאַרקן [פּראָצענטער] און ווער זאָל זיין דער רעזשיסאָר, ווער מענעדזשער, ווער טאָן־געבער, האָט זיך אין יעדן אָנגעצונדן דאָס פייערל פון אייפערזוכט . . . און איך באַשולדיק קיינעם ניט, ס׳איז דאָך אַלעס בחברותא: — אונדזער געשעפט, אונדזער פאַרמעגן . . . האָט דאָך יעדער איינער די זעלבע רעכט, און אַזוי איז דער פּלאַן דורכגעפאַלן. אַ סך האָבן אונדז נאָך באַטראַכט פאַר משוגעים, פאַנטאַזיאָרן. . . . ביז נאָך 2 יאָר פאַנטאַזירן איז מיר ענדלעך געלונגען צו באַקומען דעם שענסטן טעאַטער, דעם בעסטן פון וועלכן איך האָב ווען געטראַכט. אַ קליין טעאַטער מיט אַ גרויסער, פּראַכטפולער בינע ווו מען וועט קאָנען אויפפירן שיינע, גוטע פּיעסן, און די הויפּטזאַך, די שטימונג זאָל זיין. דער טעאַטער האָט אַ היסטאָרישע באַטייטונג. דאָרטן האָבן געשפּילט די גרעסטע קינסטלער, און דערפאַר ווען עס איז אַרויס די נייעס, אַז איך האָב איבערגענומען דעם טעאַטער אויף 10 יאָר (מיט אַ פּריווילעגיע אויף נאָך 11) ווער איך איצט באַטראַכט פאַר אַ משוגענעם, פאַר אַ פאַנטאַזיאָר, ווייל עס הערשט די מיינונג, אַז אַזאַ טעאַטער קאָן ניט האָבן קיין קיום. זיי שרייען, אַז די וואָס שרייען גוטע פּיעסן, צאָלן ניט פאַר קיין טיקעטס [בילעטן], נאָר זיי בעטן אַ פּעס [פרייען אַריינגאַנג] און די מענעדזשערס פון די איצטיקע טעאַטערס זיינען גאָרניט אַזוי שטאַרק שולדיק ווי מאַנכע פאַרדאַמען זיי. די גרויסע טעאַטערס שטייען מיט אַן עקספּענס [אויסגאַבע] פון פיר־פינף טויזנט דאָלאַר אַ וואָך. איין דורכפאַל רוקט צוריק אויף וואָכן־לאַנג מיט אַ היבשן דעפיציט, און דערפאַר זוכט יעדער די געוווּנטשטע „באָמבע" מיט דעם „פאָנטש" [קנאַק] ווו מען זאָל וויינען און לאַכן, און ווען דער מענעדזשער קאָן אַריינקומען אין טעאַטער און זען ווי דער עולם זיצט און וויינט ווי יום כפור אין שול, דאַן גיט ער זיך אַ גלעט ביים בייכל און גייט אַהיים רויק שלאָפן, ווייל ער ווייסט, אַז ער וועט שבת קאָנען צאָלן ווידזשעס [שכירות] און מאַכן פּראָפיט. אַ חוץ דעם איז דאָ נאָך אַ גרויסע שטערונג פאַר גוטע פּיעסן פון ליטעראַרישער באַטייטונג. די טעאַטערס זיינען צו גרויס. זיי פאַרלירן זיך, אַ פינטל מיטן אויג איז ווייניק. אום אַלע צוויי טויזנט מענטשן זאָלן זען, מוז מען טאַקע גלאָצן מיט די אויגן. אַ שטילער קרעכץ ווערט פאַרלוירן. דאַן זאָגט דאָס פּובליקום און זאָגאַר דער קריטיקער, וועלכער ווערט מיטגעריסן ממש מיטן עולם, אַז דער אַקטיאָר אָדער די אַקטריסע האָט ניט קיין טעמפּעראַמענט, קיין נשמה, קיין ליידנשאַפט א.א.וו. ווייל מען דאַרף ווייזן, אַז מען האָט טעמפּעראַמענט, עסט מען איינגאַנצן אויף די סינעריס (אַ טעאַטער־אויסדרוק פאַר שרייען און מאַכן קולות...) אין אַלע ענגלישע טעאַטערס ווו מען פירט אויף גוטע פּיעסן, זאָגאָר שיינע אָפּערעטן, פירט מען זיי אויף אין אַ טעאַטער פון טויזנט אָדער 12 הונדערט „סיטס" [פּלעצער]. דער צושויער געפינט זיך דאַן אַזוי ווי אין דער היים, ווו ער קאָן געמיטלעך זען און הערן אַלעס, און זאָל זיך אַריינלעבן אין דעם, און דאָס גיט דעם שוישפּילער די געלעגנהייט בעסער צו שפּילן, ווייל ער פילט, אַז מען שענקט אים אויפמערקזאַמקייט.

און דערפאַר וויל איך, אַז דער גרויסער עולם זאָל האָבן אַ קליין טעאַטער ווו די שוישפּילער זאָלן מיטן גאַנצן האַרצן זיך איבערגעבן צו דער קונסט, ווו די מענעדזשמענט, דאָס פּראַכטפולע, באַקוועמע טעאַטער און אַלעס צוזאַמען זאָל אַרבעטן פאַר איין ציל; אויפהייבן די יידישע בינע פון די שרעקלעכע „פאָנטשעס" און די 15 „קוירטן קאָל" (אויפהייבן דעם פאָרהאַנג בעת מען אַפּלאָדירט די אַקטיאָרן) זאָלן פאַרשווינדן. זאָלן זיי וויסן, אַז איצט האָבן זיי די געלעגנהייט צו האָבן דאָס נאָך וואָס זיי שטרעבן. מיין פּאַרטנער, וועלכער האָט אַריינגעלייגט אַ גרויסן קאַפּיטאַל, איז איינגעגאַנגען אויף מיין באַדינג, אַז דער טעאַטער זאָל זיין איינציקע מאָסן אַנדערש ווי אַנדערע, ווייל גלאַט עפענען אַ טעאַטער איז גאָרניט אַזוי נייטיק, וואָרעם די איצטיקע מאַכן ניט אַזעלכע גלענצנדע געשעפטן (מיט דער אויסנאַם פון צוויי). אום צו מאַכן דעם טעאַטער פאַר אַ פינאַנסיעלן סוקסעס [דערפאָלג] מוז עס צוערשט זיין אַ מאָראַלישער סוקסעס, און אויף די פאָלגנדיקע פּונקטן, רעכן איך, אַז עס זאָל זיין אַ טאָפּלטער סוקסעס:

1) דער טעאַטער זאָל זיין אַ סאָרט הייליקטום ווו עס זאָל שטענדיק הערשן אַ יום־טובדיקע און אַרטיסטישע שטימונג.

2) אַ געזעלשאַפט פון יונגע קינסטלער, וועלכע זאָלן ליב האָבן און שטרעבן צו ברענגען דעם יידישן טעאַטער צו אַ שיינער שטופע.

3) שפּילן גוטע דראַמען, הערלעכע קאָמעדיען, געלונגענע פאַרסן און שיינע אָפּערעטן, און אויב אַ מעלאָדראַמע, מוז עס זיין מיט אינטערעס און לאָגיק.

4) יעדע פּיעסע אויפפירן ווי אַזוי זי פאַרדינט און ווו דער אויטאָר זאָל אויך האָבן אַ דעה, מאַכן גענוג פּראָבן כדי די שוישפּילער זאָלן האָבן צייט גענוג איינצושטודירן זייערע ראָלן. אויך וועט יעדע פּיעסע קריגן אַ גענעראַל־פּראָבע מיט קאָסטיומען און סינעריס. [דעקאָראַציעס].

5) די פּרעסע און דער טעאַטער זאָלן גיין האַנט אין האַנט, און אויב די פּרעסע, דאָס פאָלק און די טעאַטער־יוניאָנס וועלן מיר געבן די נייטיקע שטיצע, בין איך זיכער, אַז דער אוירווינג פּלעיס טעאַטער וועט זיין אַ שטאָלץ פאַר אונדזערע יידן אין ניו־יאָרק".

## פּערסאָנאַל פון סעזאָן 1919 - 1918 (לויט א׳ב)

פרויען: צילי אַדלער, אַנאַ אַפּעל, בערטאַ גערסטען, אַנאַ מעלצער, סאָניאַ נאַדאָלסקי, קלאַראַ ראָזענטאַל, מאַדאַם ראָזענטאַל.

מענער: יעקב בן־עמי, יחיאל גאָלדשמידט, מאַקס ווילנער, לודוויג זאַץ, לעאָן נאַדאָלסקי, דזשוליוס ערבער, באָריס ראָזענטאַל, מאָריס שוואַרץ.

**ווי אַזוי מאָריס שוואַרץ האָט צונויפגעשטעלט די טרופּע פאַר זיין טעאַטער דערציילט צילי אַדלער אין אירע זכרונות:**

„אָט מיט דעם „אני מאמין" און מיט זיין טיפן גלויבן אין זיינע גרויסע אַמביציעס איז שוואַרץ צוגעטראָטן צוזאַמענצושטעלן זיין טרופּע פאַר דעם אידעאַלן טעאַטער, וואָס ער האָט אַזוי שיין און אָנציענדיק אויסגעמאָלן אין זיין אַרטיקל. איך האָב געהאַט דאָס מזל צו זיין די ערשטע מיט וועמען ער האָט פאַרהאַנדלט. ער וויל מיך האָבן פאַר זיין „לידינג ליידי" [הויפּט פרויען־ראָליסטין] . . . די קאָמבינאַציע מאָריס שוואַרץ און צילי אַדלער וועט זיין אָנציענדיק סיי פאַרן עולם, סיי פאַר דער פּרעסע, סיי פאַר די יונגע בעסערע שוישפּילער, וואָס ער האָט בדעה צוצוציען צו זיין טעאַטער . . . ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל אומעטום אַנאָנסירט ווערן גלייך מיט אים, אַז קיינער וועט ניט ווערן אַנאָנסירט אַזוי גרויס ווי מיר ביידע. . . . אַרום אַ חודש שפּעטער איז ער געקומען צו מיר מיט אַ נייער בקשה: אַזוי ווי ער וויל צוציען די בעסטע יונגע כוחות, וואָס אונדזער טעאַטער פאַרמאָגט, וויל ער אויך אַנגאַזשירן בערטאַ גערסטין . . . מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט ער ווידער געבעטן

ביי מיר הילף. ער וויל האָבן לודוויג זאַצן אין זיין טרופּע, נאָר איך קאָן זאַצן באַווירקן. ... מיין זיכערקייט און פעסטער גלויבן אין דעם דערפאָלג פון „אונדזער טעאַטער" איז פיל פאַרשטאַרקט געוואָרן ווען שוואַרץ האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אויך אַנגאַזשירט יעקב בן־עמי ... אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט שוואַרצן, האָט ער [בן־עמי] געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז מינדעסטן איין מאָל אַ וואָך זאָל געשטעלט ווערן אַ ליטעראַרישע פּיעסע. מ׳האָט זיך שטאַרק געדונגען וועגן דעם פּונקט. שוואַרץ האָט מורא געהאַט, אַז אַזאַ צוזאָג קאָן באַשווערן דאָס טעאַטער. די רייד איז געווען וועגן שפּילן אַ ליטעראַרישע פּיעסע יעדן מיטוואָך. בן־עמי האָט עס טאַקע באַצייכנט אַלס „ליטעראַרישער מיטוואָך". האָט שוואַרץ אַרגומענטירט, אַז אים קאָן אויסקומען פאַרלירן געלט יענע אָוונטן, וויל ער, אַז בן־עמי זאָל אויך עפּעס צוטראָגן, אַראָפּלאָזן כאָטש 5 דאָלאַר פון זיינע שכירות. בן־עמי האָט צוגעשטימט.

אין סעזאָן 1917־1918 האָט מיין טאַטע [יעקב פּ. אַדלער] אין זיין גרענד טעאַטער אַרויסגעפירט און זייער אָפּט געלויבט פאַרן עולם כמעט אַן אומבאַקאַנטע שוישפּילערין. זי האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין כאַראַקטער־ראָלן און אַלס מוטער־ראַליסטין. דאָס איז אונדזער זייער טאַלענטפולע חנה אַפּעל. שוואַרץ האָט אויך זי אַנגאַזשירט."

**אָבער באַלד ווי עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אַנאָנסן, איז שוין אויסגעבראָכן אַ סכסוך אין טעאַטער צוליב דעם וואָס זאַך איז ניט געוואָרן אַנאָנסירט מיט די זעלבע אותיות ווי מאָריס שוואַרץ, צילי אַדלער און בערטאַ גערסטין. ער האָט געדראָט אַוועקצוגיין. צילי אַדלער, ווי די, וועלכע האָט אים אַריינגעפירט אין דער טרופּע, האָט אויך דאָס זעלבע געדראָט. סוף כל סוף האָט שוואַרץ נאָכגעגעבן און זאַך איז אַנאָנסירט געוואָרן צוגלייך ווי די דערמאָנטע דריי.**

**ווייטער שרייבט צילי אַדלער:**

„כאָטש די פּיעסע האָט ווייט ניט געשטימט מיט די האָפנונגען וואָס מ׳האָט געלייגט אויף דעם נייעם טעאַטער, איז אָבער כדאַי איבערצוגעבן די וואַרעמע באַציונג פון דער פּרעסע און דעם ערנסטן צוגאַנג פון די וויכטיקסטע טעאַטער־רעצענזענטן פון יענער צייט. ווי אַן אָנהייב פון אַ נייעם פּאַרזוך אין יידישן טעאַטער, אַ פּאַרזוך, וואָס האָט געענדערט זיין אויסזען פאַר אַ סך יאָרן און געפירט צו דער „צווייטער גאָלדענער עפּאָכע" אין אונדזער טעאַטער, איז עס גאָר וויכטיק זיך ברייט אָפּצושטעלן אויף דער אויפנאַמע, וואָס דער אוירווינג פּלעיס טעאַטער האָט געקראָגן אין דער יידישער פּרעסע.

עס איז שווער פעסטצושטעלן צי ליבינס פּיעסע „דער מענטש און זיין שאָטן" איז באמת געווען אַ טעאַטער־דערפאָלג, כאָטש עס איז מערסטנס געשפּייזט געוואָרן פון דער נייגיריקייט פון עולם צו זען דעם נייעם אוירווינג פּלעיס טעאַטער. עס איז דאַן געווען אַ גרויסער עולם יידישע טעאַטער־גייערס וועמען עס זיינען נמאס געוואָרן די אַלטע אויסגעדראָשענע וועגן פון יידישן טעאַטער, האָט דער עולם געגלייבט אין דעם נייעם פּאַרזוך, וואָס ווערט געמאַכט אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער און — מ׳איז געקומען."

## „דער מאַן און זיין שאָטן"

**אונטערן נאָמען „דער מאָדערנער יידישער טעאַטער". מאָריס שוואַרץ — דירעקטאָר עפֿנט זיך דאָס טעאַטער**

דעם 17טן אויגוסט 1918 מיט „דער מאַן און זיין שאָטן", ז. ליבינס נייע פאַנטאַזיע־דראַמע, אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרץ. מוזיק — יאָזעף ברוידי.



ז. ליבין

מחבר



מאָריס שוואַרץ

רעזשיסער

### הלל ראָגאָף שרייבט:

„ז. ליבינס פּיעסע הייסט „דער מאַן און זיין שאָטן" און ווערט באַצייכנט אַלס אַ פאַנטאַסטישע דראַמע, איז דער נאָמען אי די צונעמעניש קלוג און מיסטעריעז, אין דער אמתן אָבער איז די האַנדלונג פון דער פּיעסע אַ גאַנץ איינפאַכע, פיליכט אַ ביסל צו איינפאַך, צו באַקאַנט, מיינען מיר. ... די דראַמע האָט ניט קיין ספּעציעלן ליטעראַרישן ווערט. זי איז אָבער ווייט פון צו זיין אַ ביליקע מעלאָדראַמע. ליבין האָט אין איר געגעבן אַ נייע אויפפאַסונג פון דער אַלטער, אַלטער פּראָבלעמע; דער קאַמף צווישן פאַמיליע־פליכטן און ליידנשאַפטלעכער ליבע, ווען די צוויי כוחות שטויסן זיך צונויף אין דעם האַרץ פון אַ קינסטלער, די האַרץ, וועלכע איז עמפּינדלעך און ליידנשאַפטלעך און דורשט אימער נאָך נייע ערפאַרונגען און פרישע סענטימענטן.

דער וויאָליניסט וועלטמאַן לעבט גליקלעך מיט זיין פרוי און צוויי קליינע קינדער. פּלוצלינג פאַרליבט ער זיך אין אַ שיינער זינגערין ראָוז דיוויס. טראָץ די וואָרנונגען פון זיין פריינט, לאָיער עוויגער, און די ליידן פון זיין פאַמיליע, פאָלגט ער דעם רוף פון דער ליידנשאַפט און גייט אַוועק צו זיין געליבטער. און דאַן פּאַסירט דאָס, וואָס עס פּאַסירט אימער אויף דער בינע אין אַזוינע פעלער. די שיינע פאַרפירערין שלעפּט אים אַרונטער צום אָפּגרונט. זיין אייגענע שוועסטער, מיסעס טשיזשיק, וועלכע האָט אים פריער צוגערעדט ער זאָל אַוועקגיין פון דער היים, נאַרט ביי אים אויס זיין געלט און נאָכדעם ווי זי בויט אויף דערמיט אַ גוטע ביזנעס, אַ רייכע קאַפּעהויז, טרייבט זי אים אַרויס. ער פאַרלירט זיין טאַלענט, זיין יוגנט, זיין געזונט און די געליבטע זיינע קערט זיך אָפּ פון אים. זי געפינט אַן אַנדערן, אויך אַ וויאָליניסט, אָבער אַ פרישן, רייכן יונגעמאַן, וועלכער האָט ערשט אַ פוראָר געמאַכט אין דער מוזיקאַלישער וועלט. מר. נייער איז זיין נאָמען. אַ צעבראָכענער, פאַרעלטערטער, פאַריאָמערטער, פול מיט זורגה און געוויסנביסע גייט וועלטמאַן צוריק צו זיין אַלטער היים. די פרוי וויל אים אַלץ פאַרגעבן און צוריק אַריינעמען, אָבער די אונטערגעוואַקסענע קינדער, וועלכע געדענקען די ליידן און יסורים, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אין די אַלטע יאָרן ווען ער האָט ערגעץ געהוליעט מיט זיין געליבטער, ערלויבן ניט דאָס זאָל געשען. זיי טרייבן אים פון שטוב אַרויס און פאַר אים בלייבט בלויז איין וועג אָפן, דער וועג צום טויט.

ליבין האָט זיך צו דער טעמע אין דיזער פּיעסע באַצויגן גאַנץ ערנסט. ער האָט געמיינט אָנצושרייבן אַ ליטעראַרישע זאַך, און די פּיעסע איז טאַקע פריי פון מעלאָדראַמאַטישע עפעקטן, פון סתירות אָדער נסים אָדער צוטרעפעניש. די אַנטוויקלונג און דער גאַנצער גאַנג פון דער דראַמע זיינען דאַ. דאָס וואָס עס פעלט אין איר אָבער יע, איז כאַראַקטער־שטריכן, שילדערונג און איבערצייגונג אין די פּאַסירונגען. טראָץ דעם וואָס דער קינסטלער וועלטמאַן איז כמעט שטענדיק אויף דער בינע, איז זיין כאַראַקטער אונדז ניט קלאָר. . . . עס איז אויך שווער צו פאַרשטיין וואָס פאַרע פרוי די געליבטע איז און וואָס פאַרע סחורה די שוועסטער זיינע איז . . .וואָלט ליבין דיזע אַלע כאַראַקטערע בעסער געשילדערט, בעסער אויסגעאַרבעט אין זיין אייגענער פאָרשטעלונגס־קראַפט, וואָלט פון דער פּיעסע געקאָנט אַרויסקומען אַ גוטע שטיקל ליטעראַרישע אַרבעט. ליידער האָט ער עס ניט געטאָן, און די פעלערן פילן זיך אַלע ווײַלע. . . די פאַנטאַסטישע טייל פון דער דראַמע, אָדער איינפאַכער געזאָגט, די סימבאָלישע, באַשטייט פון אַ פּראָלאָג און עפּילאָג און פון קליינע סצענען, אַמענדע פון יעדן אַקט ווו דעם העלדס שאָטן ערשיינט און מוסרט אים.

. . . וואָס אַנבעלאַנגט דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן, מוז פריער געזאָגט ווערן אַ וואָרט וועגן דעם אַלגעמיינעם איינדרוק וואָס דער אַנסאַמבל מאַכט. עס איז ווירקלעך צום ערשטן מאָל וואָס מען זעט אויף דער בינע אַ קאָמפּאַני געקליבענע יונגע קינסטלער, איינע און איינע, יעדע צוגעפּאַסט צו זיין ראָלע, יעדער איינגעשטודירט אין זיין ראָלע. די רעזשי איז אַן אויסגעצייכנטע. מיט איינע אָדער צוויי אויסנאַמען שפּילט יעדער ניט בלויז אויפריכטיק און ערנסט, נאָר אויך אינטעליגענט. דעם גרעסטן „היט" מאַכט לודוויג זאַץ אין אַ קליינע ראָלע, וועלכע איז כמעט ווי צוגעטשעפּעט צו דער פּיעסע . . . ווען ער איז אויף דער בינע, קאָן מען קיין אַנדערן ניט זען און ניט הערן סיידן זאַץ באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל. זיין גרים, זיינע באַוועגונגען, זיין אַרומשפּאַצירן הין און צוריק, זיין אויסשפּראַכע און זיין ווערגן זיך מיט די ווערטער ווען ער ווערט אויפגערעגט. זעלטן ווען מען האָט אַזוינס אויף דער יידישער בינע געזעען. זאַץ מאַרשירט גאַנץ שנעל צום סאַמע אויבן אָן צווישן כאַראַקטער־קאָמיקער אויף דער יידישער מינע. שיין, טאַלענטפול און אויפריכטיק פירט סיליע אַדלער דורך איר ראָלע אַלס דעם אַרטיסטס פרוי. אין איר שפּילן איז כמעט קיין פּגימה ניטאָ. שוואַרץ אַליין אין דער ראָלע פון וועלטמאַן איז צו טעאַטראַליש, צופיל פּאָזעס, צו אָנגעצויגן. פאַרגעסט ער זיך אויף אַ ווײַלע, אַז ער איז דער סטאַר און שפּילט ווי אַן איינפאַכער אַקטיאָר, איז ער גוט. אָבער ווען ער כאַפּט זיך ווער ער איז און פאַנגט אָן ווייזן קונצן, פאַלט ער אַרונטער. בן־עמי פירט דורך די פּאָר סצענען ווו ער ערשיינט אַלס לאָיער אויסגעצייכנט, שטיל, איינגעהאַלטן, נאַטירלעך. אַלס שאָטן האָט ער קיין געלעגנהייט צו שפּילן. ער איז דאַן בלויז אַ דעקלאַמאַטאָר. צו זאָגן אויף אַן אַקטיאָר, אַז ער קען דעקלאַמירן, איז ניט קיין גרויסער קאָמפּלימענט. די ראָלע פון דער געליבטער ראָזע דייוויס ווערט געשפּילט פון מאַדאַם גערסטען. צי דערפאַר, וואָס זי האָט די ראָלע ניט גוט אויפגעפּאַסט, צי דערפאַר וואָס איר באַגריף פון שפּילן איז אַזאַ — פון אָנפאַנג ביזן סוף איבערטרייבט זי שרעקלעך . . . זי שטערט מיט איר שפּילן די רויִקייט, נאַטירלעכקייט פון די אַנדערע אַקטיאָרן. אמת שלעכט שפּילט מאַדאַם מעלצער . . . זי מאַכט פון איר ראָלע אַ בורלעסק. שוואַרץ האָט עס ניט געטאָרט דערלויבן. יחיאל גאָלדשמידט . . . איז גוט אין זיין אַלגעמיינער האַלטונג,





מאָריס שוואַרץ אַלס דער אַרטיסט וועלטמאַן און ציליע אַדלער אַלס זיין פרוי

אָבער זיין קול פּאַסט זיך ניט פאַר אַזאַ ראָלע . . . מאַקס ווילנער . . איז ניט שלעכט. קלאַראַ ראָזענטאַל . . . איז רוי און מעכאַניש. מר. ראָזענטאַל . . . וואָלט זיין קליינע ראָלע אפשר דורכגעפירט ניט שלעכט ווען די מאַדאַם גערסטען וואָלט אים ניט געשטערט מיט איר איבערגעטריבענער ליידנשאַפט."

## י. ענטין רייסט שטאַרק אַראָפּ די פּיעסע:

„. . . מען האָט אונדז צוגעזאָגט עפּעס בעסערעס און מיר זיינען געקומען און געקומען גערן. . . . אָבער דער הער שוואַרץ האָט געהאַט אַ שלעכטן אויסוואַל. די ערעפענונגס־פּיעסע ז. ליבינס „פאַנטאַזיע־דראַמע" — „דער מאַן און זיין שאָטן", האַרמאָניִרט אין קיין הינזיכט ניט מיט ה' שוואַרצס גוטע צוזאָגונגען. זי האָט אין זיך אייגנטלעך גאָרניט אַפילו פאַר דעם פּראָסטן חי וקימדיקן טעאַטער־באַזוכער. דעם עולמס געהויבענע שטימונג האָט גלייך פון אָנפאַנג דייטלעך גענומען פאַלן . . . אין אָנהייב צווייטן אַקט איז מען

שוין געווען ניט ווייניק אַנטוישט. ביים לעצטן פאַרהאַנג איז מען אָנשטאָט מיט פרייד שוין פול געווען מיט קאַצן־יאָמער, און ניט בלויז אין דער פיעסע אַליין איז מען אַנטוישט געווען, נאָר אויך אינם שפּילן. אַפילו דער ניט־פאַכמאַן האָט געמוזט זען, אַז די רעזשי פון דער פיעסע איז געווען אַ שוואַכע, אַז הינטער די קוליסן האָט געפעלט דאָס קלוגע אַרטיסטישע אויג, דאָס לעבנדע וואָרט, די פירנדע האַנט. ניט קוקנדיק וואָס דאָס טעאַטער פאַרמאָגט איינע פון די בעסטע פון אונדזערע יונגע אַרטיסטן, איז דאָס שפּילן — ווער רעדט נאָך דאָס צוזאַמענשפּילן — אַרויס גאַנץ מיטלמעסיק.

„דער מאַן און זיין שאָטן" איז איינער פון יענע פיעסעלעך וועגן וועלכע עס ווילט זיך אַפילו ניט ריידן. עס איז אַזאַ שוואַך, כאַראַקטערלאָז ווערקל, אַז מען קאָן אויף דעם אַפילו ניט אין כעס ווערן ... די באַאַרבעטונג פון סוזשעט, ווי זייער אָפט ביי ליבינען, איז מאַכטלאָז, ניט דראַמאַטיש. פאַקטיש, אָן אַן אמתער דראַמאַטישער סיטואַציאָן. די גאַנצע פיעסע באַשטייט אייגנטלעך נאָר פון צוויי אַקטן, וועלכע ליבין קריכט ווי עס איז דורך מיט דער הילף דאָ פון מעלאָדראַמע, דאָ פון סענטימענטאַליטעטן און דאָ גאָר פון טעכנישע עפעקטן. ניט נאָר זיינען קיין כאַראַקטערע ניטאָ, נאָר עס פעלט אַפילו ליבינס געוויינלעכער סימפּאַטישער הומאָר. האָבנדיק אייגנטלעך בלויז צוויי אַקטן, האָט ליבין געפּרוּווט פאַרטיק ווערן מיט זיין טעמע און צופלעכטן זיין מוסר־השכל מיט דער הילף פון סימבאָליזם. ... אַזאַ פּאָעזיע און סימבאָליזם מוזן שיין, קלאַנגפול און טיפזיניק זיין. פאַר דעם אַלעם טויג זיך ליבין אָבער נאָך ווייניקער אויס איידער פאַר אַ געזונט לעבנס־בילד, און דער סוף איז, אַז מיר האָבן בלויז רויקייט און אומעט, וועלכע ווערן אויף אַ האָר ניט אויסגעקויפט מיט קיין געדאַנק־טיפקייט און פּאָעטישער שיינקייט. דער איבערגאַנג פון ווירקלעכקייט צו טרוים איז רוי און אומגעלומפּערט. די זינד איז ניט רייצנד. די שפּראַך פון שאָטן איז מאָנאָטאָן און פּראָזאיש אָרעם. בלויז דער ערשטער אַקט, ווו עס ווערט צוגעגרייט די שיידונג פון מאַן און פרוי און ווו דאָס פאַנטאַסטיש־סימבאָלישע קומט ניט אַריין, מאַכט אַ נישט קשהדיקן איינדרוק און זאָגט וואָס צו, אָבער ביים צווייטן אַקט נעמען זיך שוין אויס ביים פאַרפאַסער די קרעפטן. אָנשטאָט סצענעס האָבן מיר דאָ שוין זייטיקע „אַטראַקשאָנס", אַ קאַריקאַטור און סענטימענטאַליטעט. דער דריטער אַקט ווערט שוין אויסגעפילט מיט באַנאַלער מעלאָדראַמע פון דעם פריער ניט־געראָטענעם „סימבאָליזם".

מר. שוואַרץ ... ציט ניט קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און מאַכט בכלל אַן אומבאַשטימטן איינדרוק. מר. שוואַרץ איז זיכער אימשטאַנד פיל בעסערעס צו געבן, אָבער די איצטיקע ראָלע איז אָן כאַראַקטער. זי איז אויך ניט אַקוראַט אין זיין זשאַנר. מען דאַרף אָבער צום טייל אויך אין אַכט נעמען זיין אָנשטרענגונג און נערוועזיטעט. אין דער נאַכט פון דער עפענונג. דאָס בעסטע שפּילן פון אָוונט איז געווען סילי אַדלער אַלס די פרוי. דעם ערשטן אַקט פירט זי דורך ניט שלעכט. די סצענקע ווי זי לייענט איבער דעם מאַנס בריוועלע וועגן דעם באַפאָרשטייענדיקן גט — זאָגאַר גאַנץ גוט. אין לעצטן אַקט אימיטירט זי ניטקשהדיק די אַלטיטשקע פרוי, וואָס זי שטעלט פאָר, אָבער ערטערווייז פאַלט זי אַריין אין דעקלאַמאַציע און דאָ און דאָרט הערט מען ביי איר אַ פרעמדן טאָן — דער מאַדאַם ליפּצינס. מאַדאַם גערסטען אַלס די פאַרפירערין איז דאָ אַ סך ווייניקער אויסגעהאַלטן איידער אין די דריי יוגנטלעכע ראָלן, וואָס האָבן צו איר צוגעצויגן פיל אויפמערקזאַמקייט אין די לעצטע צוויי טעאַטער־סעזאָנען. זי איז שוואַך אַלס פאַרפירערין אין פּראָלאָג און ערשטן אַקט, איז אָבער פיל שטאַרקער אַלס די פאַלשע פרוי אין צווייטן אַקט. זי ברענגט ניט שלעכט אַרויס איר נערוועזיטעט און אָנפאַנג־היסטעריע, נאַרנדיק איר מאַן. איר טאָן קלינגט אָבער פאַלש און עטוואָס מעלאָדראַמאַטיש, באַזונדערס ווען זי שטעלט זיך אים אָפן אַקעגן. זאַק פירט אין דער פיעסע דורך די ראָל פון אַ קלוגן און שלימזלדיקן פאַנטאָפל־מאַן מיט גרויס פעיקייט און רייכער ערפינדונג. ער איז פלינק און אימער אַמוזאַנט. ער איז אָבער אויך אָפט שרעקלעך קאַריקאַטורנע ... בן־עמי ... איז אַפילו אָרעם אין זיין זשעסטיקולאַציע און אימיטירט שוואַך זיין „האַר", דעם מאַן.

... מר. שוואַרצעס ערשטע פיעסע איז אַ זיכערער דורכפאַל. ער האָט געהאַט אַ שלעכטן אויסוואַל. דאָך אַזעלכעס פאַסירט מיט פיל ערפאַרענערע פון אים, און מען דאַרף אין אַכט נעמען ווי שווער יעדער אָנפאַנג איז. מר. שוואַרץ דאַרף ביי זיך ניט אַראָפּפאַלן. זאָל ער זיך נאָר ערנסט באַמיען בעסערע פיעסן צו געבן און בעסער זיי אויפפירן. קיין ספק, אַז דאָס ערנסטערע יידישע פובליקום וועט זיין מיט אים. דאָס ערנסטערע יידישע פובליקום האָט בטחון אין זיינע באַמיונגען. מיט דער גוטער טרופּע, וואָס ער האָט, קאָן ער זיכער פיל אויפטאָן."

**דר. י. וואָרטסמאַן שרייבט:**

„אויב איר האָט אַ פרוי און צוויי קינדער, זאָלט איר זיי ניט אַוועקוואַרפן און אַוועקגיין מיט אַ געליבטער ... סוף כל סוף וועט אייער געליבטע אייך פאַרלאָזן ... און ווען איר וועט אַלט און צעבראָכן צוריקקערן אַהיים, וועלן אייערע קינדער ניט וועלן פון אייך וויסן. אָט דאָס איז דער מוסר־השכל פון ליבינס נייעסטע שאַפונג „דער מאַן און זיין שאָטן" ... מאָריס שוואַרץ האָט קיין שלעכטערן אויסוואַל ניט געקאָנט מאַכן מיט וואָס אָנצוהייבן דעם סעזאָן אין זיין טעאַטער, און כאָטש מיר וואָלטן אים וועלן העלפן, דאָך קאָנען מיר. ... ניט געפינען קיין לויב־ווערטער פאַר אָט דער שאַפונג. קרעדיט קומט אָבער שוואַרצן פאַר זיין מי און רצון צו געבן עפּעס בעסערס ... דער פּראָלאָג איז דורכגעפירט אמת פּראַכטפול. מען האָט געזען אַ געטרייע האַנט און אַן ערנסטן ווילן. ... געשפּילט ווערט די פיעסע זייער מיטלמעסיק. שוואַרץ איז געווען זייער נערוועז די גאַנצע צייט .. ציליע אַדלער אַלס זיין פרוי האָט אַ זייער קליינע ראָלע ... ווי תמיד האָט זי אויך דאָסמאָל גוט געשפּילט. עני מעלצער ... איז אין אָנהייב געווען זייער גוט, דערנאָך איז זי אַראָפּ פון וועג. בערטאַ גערסטען האָט זיך דאָסמאָל ניט זייער אויסגעצייכנט ... בן־עמי אַלס לאַיער האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אָבער אַלס „שאָטן" איז ער געווען — אַ שאָטן, פּונקט ווי גאָלדשמידט איז געווען אַ „וועכטער דער עוויקייט" ... באָריס ראָזענטאַל האָט באַוויזן, אַז ער האָט טאַלענט און ל. זאַק אַלס דער „העד וועיטער" האָט ווידער איבערצייגט זיינע פאַרערער, אַז זיי האָבן זיך אין אים ניט אָפּגענאַרט. מאַקס ווילנער, קלאַראַ ראָזענטאַל, לעאָן נאַדאָלסקי און די קינדער רות שוואַרץ און דזשייקאָבסאָן האָבן זייערע אויפגאַבן גאַנץ גוט דערפילט ... זאָל נאָר אָבער מאָריס שוואַרץ ביי זיך ניט אַראָפּפאַלן, וועט ער ערנסט זוכן, וועט ער סוף כל סוף געפינען זיין וועג".

**י. פ. שרייבט:**

וועגן מאָריס שוואַרצעס אירווינג פּל. טעאַטער קומט אויס צו הערן אַ סך שפּעקולאַציעס און גרויסע ערוואַרטונגען פון איין זייט און אויך ניט ווייניק „קיבעץ" וועגן זיין קאָמפּאַניע פון „יונגע"

...מיר ווילן דאָ ניט שפּעקולירן וועגן דער פינאַנסיעלער זייט פון שוואַרצס אונטערנעמונג. קאָן מען אָבער ניט פאַרבייגיין דעם „קיבעץ״, וואָס שוואַרץ קריגט פאַר זיין „יונגע״ קאָמפּאַניע, וועלכע איז זייער ניט גרויסמוטיק, און שוואַרץ דאַרף זיך ווייניק קימערן וועגן דעם. אויב מיר האָבן קיין טעות ניט, איז דאָס דוקא די שטאַרקסטע זייט פון שוואַרצס טעאַטער, און דאָס קאָן אים ביי־שטיין אַפילו ווען זיינע פּיעסן זאָלן זיין מיטלמעסיקע. עס איז אמת, אַז די מייסטע יונגע, וואָס שפּילן אין זיין טעאַטער, זיינען שוין געזען געוואָרן אין אַנדערע טעאַטערס, אָבער דאַמאָלס זיינען זיי גע־ווען ווי טראָפּנס אין ים. איצט ווען דיזע יונגע ווי לודוויג זאַץ, בערטאַ גערסטען, ציליע אַדלער, יעקב בן־עמי, יחיאל גאָלדשמידט זיינען אַלע אויף איין בינע, וועט מען קאָנען זען אויב די האָפנונגען וואָס מען האָט אויף זיי געבויט, זיינען באַרעכטיקט. זיכער איז עס, אַז פרישקייט און יונגקייט איז קיינמאָל ניט געווען קיין חסרון. ...און דערצו נאָך זיינען די אַלע אויסגערעכנטע שוישפּילער פּליי־סיקע מענטשן, וועלכע האַלטן ניט אונטער זייער כבוד צו לערנען און שטודירן. מיר ווילן אַלזאָ זען אפשר ווילן זיי אין גיכן קאָנען קיבעצן די קיבעצערס...״

**און אין אַ רעצענזיע וועגן דער פּיעסע שרייבט דער זעלביקער י. פּ. [יעקב פישמאַן]:**

„...„דער מאַן און זיין שאָטן״ ... שטעלט ניט צופרידן, ניט דאָס פּובליקום און אויך ניט די קריטיק. כאָטש פיל אַרבעט איז אין איר אַריינגעלייגט געוואָרן און די שטיק ווערט געשפּילט פון אַ געקליבענער טרופּע פון אונדזערע יונגערע און פאַראַנטוואָרטלעכע שוישפּילער ...די שטיק קאָן גאָרניט אָנגערופן ווערן קיין דראַמע, זאָנדערן [נאָר] אַ ריי פון עפּי־זאָדן, וועלכע דער פּראָפעסער האָט אַפילו ניט געמאַכט קיין פּאַרזוך [באַמי] צוזאַמענצו־בינדן און צו אַנטוויקלען שטופנווייז ביז אַ קלימאַקס ווי אַ דראַמע פאָדערט עס.


בערטאַ גערסטען אַלס ראָוז דייווים

די רעזשי פון דער שטיק איז אויך ניט אַמבעסטן. דער סימבאָלישער טייל ווערט שוואַך דורכגעפירט ....ניט ווי עס פאָדערט זיך ביי אַ פאַנטאַזיע, וואָס דאַרף פאָרשטעלן אַ חלום ....וואָס אַמבאַטרעפט דעם שפּילן, האָט מר. שוואַרץ דעם בעסטן מאַטעריאַל, און אויב דיזע באַגאַבטע שוישפּילער האָ־בן זיך דאָ געפילט הילפלאָז, איז עס זיכער ניט זייער שולד. שוואַרץ אַליין ...האָט ניט געלאָזן קיין שטאַרקן איינדרוק. ציליע אַדלער ...האָט דורכ־געפירט איר ראָלע מיט איר גוויינלעכער פאַרשטענדעניש און טרייהייט. אין דער בית עולם סצענע האָט איר שפּילן צופיל דערמאָנט איר ראָלע אין שלום אַשס „אַ שנירל פּערל״.



בערטאַ גערסטען האָט געגעבן דעם געוווּנטשן, רייצנדיקן איינ־דרוק אין דעם פּראָלאָג, אָבער אין דער דראַמאַטישער סצענע האָט זי אַביסל איבערגעכאַפּט דעם טאָן ...דער טאַלענטפולער לודוויג זאַץ טיפּיצירט דאָ אַן אונגאַרישן וועיטער, און כאָטש ער אַמוזירט מיט זיין מאַגנעטיזם ...זעט זיך דאָ צופיל אַרויס דער שאַרזש ...בן־עמי שפּילט דעם שאָטן אַזוי גוט ווי מען קאָן עס פאָדערן פון אים, אָבער אויך אין דער ראָלע קומט דער פּראָפעסער קורץ אין האָט ניט גענוג פאַנטאַזיע, און אַפילו בן־עמי קאָן די ראָלע ניט ערגענצן״.

**אוריאל מוזיק (אַלטער עפּשטיין) שרייבט:**

„...אַז דאָס לעצטע ווערק פון ז. ליבין. איז ניט קיין געראָטע־נע, בין איך געווען איבערצייגט פון די טעאַטער־רעצענזיעס און קריטיקן, וועלכע איך האָב געלייענט אין אונדזער טעגלעכער פּרעסע ...גיין זען די זאַך, ווי זי ווערט אויפגעפירט, זען וואָס די אַקטיאָרן און אַקטריסעס טוען אין דעם אויף, איז אויך ניט נייטיק געווען, ווייל עס איז קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן די מיינונג, אַז כמעט קיינער טוט עס ניט גוט גענוג ...בין איך געזעסן אין דער היים און געוואַרט ביז די דאָזיקע שרעקלעך שלעכטע דראַמע וועט אַראָפּגענומען ווערן ...אָבער עס האָט פּאַסירט, אַז די פּיעסע „דער מאַן און זיין שאָטן״ האָט גענומען האָבן דערפאָלג. דער עולם קומט און מען טראַכט ניט וועגן אויפפירן אַן אַנדער זאַך ...איך בין אַוועק זען „דער מאַן און זיין שאָטן״ ...און האָב פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט זען ...וואָס האָט געקאָנט מאַכן אַזוי בייז, למשל, מיין פריינט דר. וואָרטסמאַן ...אויף מיר האָט גראָד די לעצטע שאַפונג [ליבינס] געמאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי דער מחבר וואָלט זיך דאָ געוואָלט אויפהייבן אויף אַ העכערער מדרגה ...דאָס מיינט ניט, אַז „דער מאַן און זיין שאָטן״ איז אַ מייסטערווערק ...אָבער דאָס איז פאַרט אַ פּרוּוו צו געבן עפּעס ווערטפולעס ...דאָס איז אַ פּיעסע מיט סיטואַציע, מיט אַן אָנדייטונג אויף אַן אידעע ...מען האָט אָפּטמאָל אמתן פאַרגניגן צוליב דער שיינער אויסשטאַטונג און דער דורכפירונג ...וועגן דעם שפּילן: מאָריס שוואַרץ אַלס וועלטמאַן איז ניט טיף, ניט איבערצייגנד גענוג. אין אים שפּיגלט זיך ניט אָפּ דער גרויסער קאַמף פון אַ מענטש מיט אַזעלכע שטורמישע געפילן ...ער איז צו פאַרגליווערט, צו אָפיציעל, אויבערפלאַכלעך. איינדרוקספול איז בן־עמי, „דער שאָטן״. עטוואָס פּאַטאַלעס, דריקנדעס פילט זיך אין דעם. עס מאַכט אָפּט אַ ציטער טאָן דאָס לייב ...צילע אַדלער איז אין די ערשטע צוויי אַקטן צו פּאַסיוו ...דערפאַר אין דריטן אַקט ...איז זי גאַנץ גוט און איבערצייגנד. אויך איז זי זייער גוט אַלס אַלטיטשקע ... זייער חנוודיק. בערטאַ גערסטין אַלס ראָוז איז גענוג שיין. עס לאָזט זיך גלייבן, אַז דער מוזיקער קאָן היגעריסן ווערן פון איר, אָבער אין ערשטן אַקט איז זי צו דעקלאַמאַטאָריש און אָנגעצויגן ...אָבער שפּעטער ...איז זי זייער גוט. מען זעט ווי אַ יונגער וועזן האָט אויפגעברויזט פון ליידנשאַפט. זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק פייער ...זאַץ אין דער ראָלע פון „טשיזעק״ איז אי גוט, אי שלעכט. גוט איז ער, ווייל וואָס ער זאָל ניט טאָן, קומט עס אַרויס חנודיק און שטאַרק ...אָבער ער אַרבעט צו פיל. עפּעס קוקט אויס ווי ער וואָלט געגעבן אַ קאָנ־צערט אין קאָמישע שטיק ...עני מעלצער אַלס „מאַדאַם טשיזעק״ איז אי רויק, אי גוט. זי האָט פון גאָרניט דאָך עפּעס געמאַכט. דער טויטן־וועכטער, געשפּילט פון גאָלדשמידן, איז איינדרוקספול. הער ווילנער און מיס ראָזענטאַל אַלס די קינדער זיינען אָנגע־נעם ...״

### ד. ב. (ש. יאַנאָווסקי) שרייבט:

„... דעם העכסטן גראַד פון ערנסטקייט און גוטן ווילן געפינען מיר אין דעם נאָר־וואָס געעפנטן „אירווינג פּל. טעאַטער", וועלכער פאַרדאַנקט זיין עקזיסטענץ צו דער אַמביציע פון דעם פאַרהעלטניסמעסיק נאָך יונגען אַקטיאָר מאָריס שוואַרץ. ער האָט אַ גוטע קאָמפּאַניע, וועלכע, ווי ער אַליין, באַשטייען מייסטנס פון יונגע אַמביציעזע קינסטלער, פאַר וועמען דער טעאַטער איז ניט בלויז אַ קוואַל פאַר פּרנסה, נאָר פאַר וועמען דאָס שפּילן טעאַטער און ווייזן וואָס זיי קאָנען, איז אַן און פאַר זיך אַ גרויסער צוועק. דער נייער טעאַטער איז פול מיט פאַרשפּרעכונגען, כאָטש דער אויסוואַל פון דער ערשטער פּיעסע איז ניט קיין געלונגענער ... ניין, דער אויסוואַל איז ניט קיין געלונגענער, אָבער מיר האָפן צו זען אין דעם נייעם טעאַטער אמת גוטע פּיעסן, אויפגעפירט אַזוי עס זאָל זיך האָבן געלוינט די גרויסע אָנשטרענגונג, וואָס דער יונגער קינסטלער מאָריס שוואַרץ האָט אָן צווייפל געמאַכט פאַר זיין נייער אונטערנעמונג. ער וועט געוויס ניט נעמען פאַר אומגוט ... וואָס מיר האָבן געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן אים אונדזער ערנסטע מיינונג: די טעאַטערע, וואָס זיינען ביז איצט געווען, זיינען פולשטענדיק גענוג פאַר דעם אַלגעמיינעם יידישן טעאַטער־גייער ... אויב עס איז יאָ נייטיק געווען אַ נייער טעאַטער איז עס אַזעלכער אין וועלכן עס זאָל הערשן אַן עטוואָס נייער גייסט, אין וועלכן עס זאָל געשפּילט ווערן מיט מער ערנסט, אין וועלכן די פּיעסן זאָלן זיין כאָטש אַ ביסעלע בעסער, ריינערע, גייסטרייכערע ... דער אירווינג פּל. טעאַטער איז אַ גאַנץ שיינער און עס איז אויך ניט קיין זייער גרויסער. ער נייטיקט זיך ניט אין דער גרויסער מאַסע. כדי ער זאָל האָבן אַ קיום, דאַרף ער אַפּעלירן צו דעם בעסערן טייל טעאַטער־עולם. מיר האָפן, אַז דאָס וועט דער נייער טעאַטער אויפטאָן און וועט אויף אַזאַ אופן באַרעכטיקן און פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ".

### מאָריס שוואַרץ שרייבט אין זיינע ערינערונגען:

„עס איז זיכער איינע פון ליבינס בעסטע פּיעסן און וואָלט אין אַן אַנדער טעאַטער נעווען אַ גרויסער ערפאָלג. נאָר אַזוי ווי די גאַנצע פּרעסע האָט געוואַרט אויף אַן אַנדער ווענדונג וואָס אַנבעלאַנג דעם רעפּערטואַר פון דעם נייעם טעאַטער, האָט די פּיעסע ניט געמאַכט דעם געווינטשטן דערפאָלג. ...די מוזיק פאַר דער פּיעסע איז געווען אַ געלונגענע. לודוויג זאַץ האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ קאָמישן קעלנער און זיך שטאַרק אויסגעצייכנט. פון דעם קעלנער און נאָך אַזעלכע ראָלן זיינע, האָבן קאָמיקער שפּעטער געמאַכט זייער רעפּוטאַציע. אויך האָט בערטאַ גערסטין געשפּילט אַ ראָלע אין וועלכער זי האָט אויסגעזען אויסערגעוויינלעך שיין. זי האָט געשפּילט דעם שאָטן און איך דעם מאַן, דעם מוזיקער. צילע אַדלער האָט געשפּילט די אומגליקלעכע פרוי פון דעם אומגליקלעכן מאַן.

די פּיעסע האָט ניט אויסגענומען צוליב דעם וואָס אַלע זיינען געווען אַנטוישט. אַנטוישט, ניט ווייל די פּיעסע איז געווען אַ שוואַכע, נאָר. ... דער איצטיקער וועג אויף וועלכן איך האָב זיך געלאָזט מיט מיין טרופּע יונגע קינסטלער איז געווען אַן אַנדערער ווי דער וואָס איך האָב זיך געקליבן צו גיין. ... די שטענדיקע שונאים פון יעדן וועלכער וויל אויפטאָן עפּעס אַנדערש, עפּעס נייעס, האָבן זיך געגלעט די בייכלעך. אין ראָיאַל קאַפע און אין אַקטיאָרן קלוב האָט מען זיך געשושקעט, אַז היינט־מאָרגען מאַכט זיך שוין צו דער טעאַטער".



### אין אַ נאָטיץ אין „טאָג" ווערט געזאָגט:

„די ערשטע מיטוואָכעדיקע ליטעראַרישע פאָרשטעלונגען אין מ. שוואַרצס „אירווינג פּלעיס טעאַטער" איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג אין אַלע הינזיכטן, דער גרויסער עולם האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די ראַפינירטע דיאַלאָגן פון ב. שאָוס געוואָגטע פּיעסע און די פיינסטע שטילע סצענען האָבן דעם עולם געהאַלטן אויסערגעוויינלעך געשפּאַנט. דאָס ווערטע פּובליקום איז דאָ גאָרנישט געווען צו דערקענען.

געשפּילט געוואָרן איז די פּיעסע אין אַלגעמיין זייער שיין. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די לעדיס [פרויען]: מיס בערטאַ גערסטען און מאַד. אַפּעל. אייגנטלעך איז דער ערפאָלג פון דער פּיעסע זיי ביידען הויפּטזאַכלעך צו פאַרדאַנקען. אין דעם שפּילן פון די הערן: מ. שוואַרץ, בן־עמי, ב. ראָזענטאַל און י. גאָלדשמידט האָט זיך אַרויסגעפּילט אַ ניט־זיכערקייט, אַ געוויסער גראָד דילעטאַנטיזם, איבערהויפּט אין דעם שפּילן פון י. גאָלדשמידט. די גאָר לעצטע סצענקע אין סוף פון דריטן אַקט ווערט פון מ. שוואַרצן זייער שיין און אויסדרוקספול דורכגעפירט.

איך גלייב, אַז די פּיעסע דאַרף נאָך אַמאָל, און מער אַלס איין מאָל, געשפּילט ווערן, און איך בין זיכער, אַז מיט יעדעס מאָל שפּילן וועט די אומזיכערקייט פאַרשווינדן. עס איז יעדנפאַלס ווערט צו זען, אַז מיר האָבן נאָך אַ געוויסן פּובליקום, וואָס נעמט אויף מיט דאַנק אַ בעסערע פּיעסע און עס איז באמת אַ פאַרגעניגן געווען צו זען, אַז דער עולם האָט זיך מיט דעם שפּילן שטאַרק פאַרינטערעסירט, און מען האָט ממש געזען, אַז די פּיעסע מאַכט פילע נאָכצודענקן וועגן פילע פּראָבלעמען.

אַלס ערשטע פאָרשטעלונג פון אַזאַ סאָרט ערנסטער פּיעסע איז זי געווען אַ זייער גרויסער ערפאָלג, און די בלומען, וואָס מאַנכע האָבן באַקומען, זיינען געווען אמת פאַרדינטע."

### לואיס הירש שרייבט אין „אַמעריקען וויקלי דזשואיש ניוס" [לויט צילע אַדלער]:

„אין איין יידישן טעאַטער וועט אונדז פעלן דאָס יאָר די לאַנג־יאָריקע בכבודיקע אינסטיטוציע, דעם סופליאָרס שטימע. אָט־אָ די זינד קעגן דער טראַדיציע האָט זיך דערלויבט דער אירווינג פּלעיס טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון מאָריס שוואַרץ, וואָס האָט זיך געעפנט לעצטן דאָנערשטיק. איז מען דאָך אַזויפיל יאָרן געוווינט געווען אין יידישן טעאַטער צו הערן פריער די רויע ווערטער פון סופליאָר און ערשט דערנאָך די געהאַקטע רייד פון שוישפּילער.

שוואַרץ האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ הערלעכער טרופּע און זיי האָבן באַוויזן שוין ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג צו קענען זייערע ראָלן, איז דאָס פאַרן עולם געווען אַזאַ איבעראַשונג, אַז זיי זיינען פאַרגאַפטע געזעסן שטיל און אויפמערקזאַם דורך דער גאַנצער פאָרשטעלונג. איז עס אויך עפּעס וואָס איז ניי אין יידישן טעאַטער. דאָס איז דער כוח פון אַ נייעם פאַרזוך, ווערט טאַקע געלייגט אַ סך האָפנונג אויף דעם טעאַטער און מען קאָן ערוואַרטן אַן ערנסטע באַציונג סיי פון דער פּרעסע, סיי פון עולם. אמת, אַז קיין סטאַרס זיינען דאָרט ניטאָ, אָבער אַלע זיינען נייגעריק, ענטוזיאַסטיש און אָנגעטאָפּטשעוועט מיט רייַנעם, קינסטלערישן שוישפּילערישן טאַלענט, און זיי זוכן צו שאַפן אַ נייעם וועג אין יידישן טעאַטער".

## „פרוי וואָרענס פּראָפעסיע"



בערנאַרד שאו
מחבר

**דעם 25סטן סעפּטעמבער 1918 איז א"ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט געוואָרן „פּרוי וואַרענס פּראָפּעסיע" פון בערנאַרד שאָו.**

**בעת וועגן דער פּיעסע און דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן איז די יידישע קריטיק געטיילט אין אירע מיינונגען, זיינען אָבער אַלע איינשטימיק, אַז די הויפּט־ראַל „מרס. וואָרען" האָט ניט געפונען קיין גוטע פאַרקערפּערין אין מרס. אַפּעל.**

**י. ענטין שרייבט:**

„...איך זע איבערהויפּט ניט איין פאַרוואָס שוואַרץ האָט דעם כבוד פון עפּענען די ליטעראַטור־אָוונטן ניט צוגעטיילט קיין יידישן דראַמאַטורג ... מחשבותן, אין פאַרבינדונג מיט דער איבערזעצונג ... ווילט זיך מיר שוואַרצן וואָרענען אַ צווייטן מאָל זיך צו באַראַטן מיט מענטשן, וואָס האָבן פיל־ווינציק געשמעקט ליטעראַטור און האָבן כאָטש אַ שטיקל ידיעה אין איבערזעצן ליטעראַרישע ווערק. די איבערזעצונג פון דער „פּראָפּעסיע פון מרס. וואָרען" איז איינע פון זיי עקלהאַפטסטע, וואָס האָבן ווען געקלונגען אויף דער יידישער בינע. פיל אויסדרוקן זיינען גאָר קיין יידיש ניט געווען ... און וואָס איז אַמערגסטן פאַר דער פאָרשטעלונג: פיל וויצן זיינען פאַרטעמפּט, פאַרפּלאַטשקעט געוואָרן, אַזוי, אַז דער צוהערער האָט זיי ניט דערכאַפּט.

... דאָס בעסטע אין מיינע אויגן איז געווען מר. שוואַרצס פּערזאָנאָפיצירן פון מרס. וואָרענס פריינט און שותף קראָפטס. מר. שוואַרץ האָט דעם דאָזיקן טיפּ פאָרגעשטעלט ריכטיק, אָן איבערטרייבונג. קראָפטס איז דער „אינטריגאַנט" פון דער פּיעסע און פאַר איינעם, וואָס האָט זיין שולונג געקראָגן אויף אונדזער שרייענדיקער בינע, וואָלט ניט אומנאַטירלעך געווען אַזאַ מין קראָפטס פאָרצושטעלן שרייענדיק, אים נאָך שוואַרצער צו מאַכן ווי ער איז, אים צו שאַרזשירן. גליקלעכערווייזע האָט זיך מר. שוואַרץ דערפון גאַנץ גוט אויסגעהיט. זיין קראָפטס איז געווען האַרט, ציניש, אַבשוילעך. ער איז אָבער דאָך אַרויסגעקומען אַ לעבעדיקער מענטש. מר. שוואַרץ האָט אים דורכגעפירט „ביזנעסמעסיק", באַרעכנט, אָבער דאָך ניט אָן פייער און ענערגיע, און אויב דער אָריגינאַל האָט אַרויסגערופן אַן עקל, איז עס דאָך ניט פאַר דאָס אויסערלעכע אין דעם מענטשן, נאָר דאָס אינערלעכע. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער, וואָס מר. שוואַרץ איז געווען דורכויס אויסגעהאַלטן. זיין קראָפטס איז געווען דער זעלבער פון אָנפאַנג ביזן אויסלאָז, אַ קראָפטס פון איין שטיק. מר. שוואַרץ איז קיין איינמאָל פון טאָן ניט אַראָפּ ... דאָס קאָן אָבער ניט געזאָגט ווערן אויף די מייסטע אַנדערע באַטייליקטע אין דער פּיעסע. אָט איז, למשל, די טאַלענטפולע מרס. אַפּעל, וועלכע האָט געשפּילט פאַר דער מרס. וואָרען. זי האָט גוט אַנגעהויבן, אַרויספאָרנדיק פון אַ באַשטימטער אויפפאַסונג, פון אַ געוויסן פּלאַן. אָבער נאָך די ערשטע פּאָר סצענעס האָט זי פאַרגעסן איר אויפפאַסונג, פאַרלאָרן איר פּלאַן. מרס. וואָרען איז ניט בלויז אַ פרעכע, אַ ציניש, אַ פאַרגניגן־זוכנדע פרוי. זי איז אַ פרוי מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. זי איז אויך אַ קלוגע פרוי, וועלכע האָט אַ סך איבערגעלעבט און באַזיצט די קראַפט צו מאַכן אַן איינדרוק אַפילו דאַן ווען זי פאַרטיידיקט אַ מאָראַל פון וועלכער מען מוז זיך אָפּרוקן מיט עקל. מרס. אַפּעל האָט אַרויסגעבראַכט איר העלדינס פרעכהייט, ציניזם און כאַראַקטער־שטאַרקייט, אָבער ניט איר קלוגהייט, איר אינטעלעקטואַליטעט און איר קאָנען פאַרטיידיקן דאָס איריקע. דער מרס. וואָרענס ווידוי אין צווייטן אַקט פון דער פּיעסע, איר לעבנס־געשיכטע איז אין דער מרס. אַפּעלס פאָרשטעלונג אַרויסגעקומען אַזוי שוואַך און טויט, אַז דער עולם האָט זיך דערביי זייער און זייער שטאַרק געלאַנגווייליקט ... אויך איז מרס. אַפּעל געווען ווייניק רירנד, ווייניק איבערצייגנדיק אין דעם לעצטן אַקט. די מרס. וואָרענס איז דאָ אמת טראַגיש. זי איז מוטערלעך, אָנקלאָגנדיק פאַרביסן און אַנטשלאָסן. מרס. אַפּעל האָט די מייסטע פון דיזע געפילן שוואַכלעך אַרויסגעבראַכט. עס איז אפשר אינגאַנצן אַ טעות, וואָס מרס. אַפּעל נעמט זיך פאַר אַזעלכע ראָלן ווי די מרס. וואָרען.

... די ראָלע פון דער יונגער מיידל וויוואַ, וואָס איז די הויפּט־פערזאָן אין שאָוס פּיעסע, האָט געשפּילט די מאַדאַם גערסטען, און איך גיב צו, אַז איך פיל מיך ניט איבריקס זיכער אַרויסצוזאָגנדיק מיין מיינונג וועגן איר שפּילן. די ראָלע איז זייער אַ גרויסע, ניט בלויז אין ווערטער, נאָר טאַקע אויך אין אומפאַנג. עס איז אַ פאַרשיידנאַרטיקע, פיל־זייטיקע ראָלע. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווי ווייט איך ווייס, אין דער מאַדאַם גערסטענס ערפאַרונג, אַז זי שפּילט אַזאַ כאַראַקטער און אַזאַ גרויסע ראָלע. דערצו איז זי געווען קראַנק. נעמנדיק אָבער דאָס שפּילן ווי עס איז געווען, מוז קאָנסטאַטירט ווערן, ווי ווייט מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף איינדרוקן, דאָס מאַדאַם גערסטען האָט דאָס ציל פאַרפעלט. זי איז געווען שטאַרק מאָמענטנווייז. זי האָט ניט זעלטן אויסגעדריקט פאַרשטענדניש. זי האָט זיך זייער אָפּט גוט געהאַלטן. ערטערווייז איז איר וויוואַ געווען פּונקט אַזוי אינטעלעקטועל, שטאַרק אַנטשלאָסן, פאַרהאַרטעוועט, פּונקט אויף אַזוי פיל „די נייע פרוי", ווי עס האָט באַדאַרפט צו זיין און זיכער איז מאַדאַם גערסטען זייער אָפּט געווען אָנגענעם און אָנציענד און מען האָט זי ווירקלעך געזען אין אַ נייע ליכט, אַזוי, אַז די אַלע, וואָס האָבן זי אין פריערדיקן רעפּערטואַר געזען, האָבן ניט אַן גרונט געקאָנט זיין איבעראַשט. אָבער אינגאַנצן גענומען איז מאַדאַם גערסטענס שפּילן געווען שוואַכלעך, ניט זיכער, ניט קלאָר גענוג און גאַנץ זיכער ניט אויסגעהאַלטן. דאָס ערגסטע איז, וואָס זי האָט ניט געשאַפן די אילוזיע פון אַ לעבעדיקן מענטשן, פון אַ גאַנצער, גוטאָפּגעטאָקטער פיגור. עס איז געווען געשפּילט, אָבער ניט דערשפּילט, גערעדט, אָבער אָפט שטאַמלענדיק ... און מר. בן־עמי אַלס דעם פּאַסטאָרס זון, פרענק, איז געווען ניט געראַטן, כאָטש געשפּילט האָט ער דורכויס גאַנץ פלייסיק. מר. בן־עמי האָט דאָ געליטן אויס צוויי סבות: ערשטנס, האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיין אַלטער געוווינהייט צו שפּילן דעם רוסישן אינטעליגענט, וואָס דאָס הייסט אייגנטלעך, אַז מען זאָל עס גוט אַנאַליזירן, דאָס ער שפּילט זיך אַליין, אָבער פאָרשטעלן דעם פרעך־וויליקן, כאַראַקטעריסטיש־ענגלישן וויציקן פּראָווינציאַל אַלס רוסישן אינטעליגענט, איז, פאַרשטייט זיך, זייער און זייער פאַלש. אַ צווייטע סיבה איז וואָס בן־עמי איז ניט שטאַרק געאייגנט פאַר דאָס קאָמישע, בשעת פרענק איז דורכויס הומאָר און שפּאַס. פיל פון פרענקס וויצן האָבן אייגנטלעך ניט געגרייכט זיין ציל. מר. ראָזענטאַל אַלס דער אַרכיטעקט פאַרדינט אַ גוט וואָרט, אָבער בלויז איינס. ער האָט פון דעם כאַראַקטער עפּעס געמאַכט. ער האָט ווירקלעך פאָרגעשטעלט דעם זיס־ווייכן מענטשן פון דער פּיעסע, אָבער ער האָט ניט אַרויסגעבראַכט דעם קינסטלער, דעם ראָמאַנטיקער, דעם פּאָעט און אַפילו זיס־ווייך איז ער אויך ניט געווען

גענוג. זאָגאַר זיין גרים איז ניט שיין געווען. מר. גאָלדסמיט אַלס דער פּאַסטאָר איז געווען ערטרעגלעך״.

**הלל ראגאָף שרייבט:**

„. . . דיזע פּיעסע איז באַקאַנט צו טעאַטער־גייער אין אַלע אייראָפּעישע לענדער. ווען מען האָט איר מיט אַ יאָר צען צוריק צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אויף דער אַמעריקאַנער בינע. האָט גאַנץ ניו־יאָרק געקאָכט. די פרומע לייט האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלד, אַז די דראַמע איז אוממאָראַליש. . . . מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער איז דער חרם פון איר אַראָפּגענומען געוואָרן און זייט דאַן האָט מען איר געשפּילט אין פאַרשיידענע בראָדווייער טעאַטערע. . . . מעסט מען „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע״ מיט דער דראַמאַטישער מאָס, איז לייכט אין איר צו געפינען אַ היבש ביסל פעלער. די פּערזאָנען זיינען ניט קיין לעבעדיקע, די סיטואַציאָנען ניט אמת. יעדער כאַראַקטער, וואָס טרעט אַרויף אויף דער בינע, שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין קרענק, אַ משונהדיקע בריאה. דערפאַר אָבער זיינען די געשפּרעכן פול מיט שאַרפזין, מיט וויץ, מיט שיינע געדאַנקן און שיינע פראַזן. . . . אין אַלגעמיין גערעדט ווערט איצט די פּיעסע גאַנץ גוט געשפּילט פון שוואַרצס קאָמפּאַני . . . פאַר דעם קומט אַ קאָמפּלימענט דעם רעזשיסער מאָריס שוואַרץ. קוקט מען זיך אַ ביסל נענטער צו די פאַרשיידענע פּערזאָנען, ווי זיי ווערן געשפּילט, איז שוין ניט אַזוי פריילעך. מרס. עני אַפּעל אין דער ראָלע פון מרס. וואָרען, די הויפּט־ראָלע אין דער פּיעסע, איז ווייט פון פולקום. אין די דראַמאַטישע מאָמענטן ווען זי טענהט זיך אויס מיט איר טאָכטער, פאַרלירט זי דעם טאָן אינגאַנצן און ווערט פאַרוואַנדלט פון אַן אַריסטאָקראַטישע פּראָסטיטוטקע אין אַ פּראָסטער יידישער מאַמע. אין די שטילע מאָמענטן איז זי אָבער גוט. איר אויסזען און האַלטונג, איר פיגור און גרים זיינען אויסגעצייכנט צו דער ראָל, וואָס זי שפּילט. מיס גערסטען אין דער ראָלע פון דער טאָכטער איז שוין בעסער. די ראָלע איז זייער אַ שוואַכע, ווייל אין איר האָט שאָו געזוכט פאַרצושטעלן אַ טיפּ פון אַ מאָדערנע פרוי, וועלכע מען געפינט בלויז צווישן די רייכע, אַ טיפּ מיט וועלכע יידישע אַקטיאָרן זיינען פערזענלעך געוויס ווייניק וואָס באַקענט. מיס גערסטען האָט זיך ביז אַ געוויסן גראַד אָנגעשטויסן אויף דעם טיפּ, און אויף אַזוי ווייט ווי זי פאַרשטייט אים, שטעלט זי אים גוט פאָר. איר קאָקעטישער אונטערשפּרינגען און געמאַכטער שמייכל, וועלכע שיינען ביי איר צו זיין אַ געוווינהייט, שעדיקן פיל. איר שפּילן וואָלט פיל געווונען ווען זי וואָלט זיך פון זיי אינגאַנצן באַפרייען. אינטעליגענט און אויפריכטיק פירט דורך זיין ראָלע מאָריס שוואַרץ. ער שפּילט דעם אָפּגעלעבטן הולטיי גראַף. צייטנווייז בלויז קלינגט זיין שטימע צו שטאַרק, צו קרעפטיק פאַר דער ראָלע. איבערהויפּט איז דאָס דער פאַל אין די שטורעמדיקע סצענעס. גאָלדשמידט האָט זיין ראָלע פון פּאַסטאָר געשפּילט רויִק און פאַרשטענדלעך. ער האָט אָבער ניט אַרויסגעבראַכט דעם היפּאָקריט. אין דער פּערזאָן ווי גאָלדשמידט שטעלט פאָר, איז דער גלח מער אַ לעמעשקע ווי אַ צבועק. שאָו האָט אָבער אַנדערש געמיינט״.

**ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] שרייבט:**

„. . . מיר האָבן זיך געטראַכט וויבאַלד דער אויסוואַל פון דער פּיעסע איז אַזאַ געראָטענער, וואָרעם שאָוס „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע״ איז אַ פּיעסע, וואָס האָט אַ גאַנץ שיינעם, אינטערעסאַנטן פּלאַט, אייניקע זייער גוט־געשילדערטע כאַראַקטערע און איז פול מיט בריליאַנטענע דיאַלאָגן אויף וועלכע שאָו איז אַזאַ מייסטער, קאָן דאָך גאָר אַנדערש ניט זיין אויב די אַקטיאָרן וועלן נאָר זאָגן



גוטע עברי, וואָס הייסט אויף טעאַטער־לשון „פּראָזע״, אַז עס זאָל זיין אַן ערפאָלג. איז אָבער דאָס וויכטיקסטע אין שאָוס פּיעסע — דאָס עברי זאָגן — געווען פאַר אונדז אַ היבשע אַנטוישונג. הונדערטער בריליאַנטענע שטעלן אין דער פּיעסע זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, ווייל — משונהדיק ווי עס קאָן אויסזען — דער מענעדזשמענט האָט זיך ערלויבט צו רעטושירן בערנאַרד שאָו און האָט אים פּשוט געקירצט, און דערצו נאָך איז די איבערזעצונג אַליין, באַזונדערס אין דעם גאַנצן ערשטן אַקט, אַ שרעקלעך פאַרקריפּלטע, אַזוי דאָס זי קלינגט זייער ענלעך צו דער טעאַטער־עברי מיט וועלכער מיר זיינען אַזוי באַקאַנט. און דער פאַרדרוס אונדזערער איז נאָך גרעסער, ווייל מיר ווייסן, אַז די מענעדזשמענט פון טעאַטער האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטע יידישע איבערזעצונג, אַן איבערזעצונג מיט אַן אמת זאַפטיקן יידיש, נאָר די אַקטיאָרן אַליין האָבן די איבערזעצונג געפּיקסט דאָס אַ גוטער טייל פון דעם ערשטן אַקט איז פאַרלאָרן געגאַנגען. עטוואָס, וואָס האָט שטאַרק געשטערט דעם צושויער צום פאַרשטענדניש פון דער גאַנצער איבריקער פּיעסע, און אָט דערפאַר קאָנען מיר ניט טאָן דאָס וואָס מיר האָבן געהאַט בדעה צו ענקאָרוזשירן די קינסטלער פון אוירווינג פּלייס טעאַטער. גיכער פילן מיר גאָר ווי צו בייזערן זיך אויף זיי: ממה נפשך, ווילט איר איינמאָל אַ וואָך שפּילן אַ גוטע פּיעסע, טאָ טוט עס געוויסנהאַפט און זעט צו באַפרידיקן דעם קונסט־געשמאַק פון דעם סאַמע בעסטן טעאַטער־גייער. קאַנט איר אָבער ניט אָדער ווילט איר כאָטש ניט איינמאָל אַ וואָך זיך באַפרייען פון אַלע אייערע אָנגענומענע טעאַטער־קונצן, איז אומזיסט אייער מי מיט דער אויפפירונג פון אַזעלכע פּיעסן ווי שאָוס. איר וועט דערמיט פאַרטרייבן ביידע עלעמענטן, סיי די וועלכע גייען זען די קוני־לעמל־פּיעסן, ווייל זיי וועט אַ פאַרקריפּלטע שאָו־פּיעסע ניט געפעלן, און נאָך ווייניקער וועט איר אויסנעמען ביי די וועלכע זיינען מבינים אויף עפּעס רעכטס״.

**יאַנאָווסקי שטעלט זיך דערנאָך אָפּ וועגן דאָס עצם שפּילן אַזאַ פּיעסע:**

„כדי זי זאָל האָבן די נייטיקע ווירקונג און כדי זי זאָל ניט ווירקן זאָגאַר שעדלעך אויף מאַנכע אומצייטיקע מוחות, אַזוי, אַז מאַנכע זאָלן אַרויס פון טעאַטער מיט דעם איינדרוק, אַז בערנאַרד שאָו האָט זיי געגעבן אַ היתר אויף אויסגעלאַסנקייט און פאַראַכטן יעדע אָנשטרענגונג צו ערלעכער אַרבעט, דאַרף, ערשטנס, די פּיעסע ווערן פאַרשטאַנען אויסגעצייכנט פון די אַקטיאָרן, און זיי, פון זייער זייט, דאַרפן זיין אימשטאַנד צו פאַרשטיין אָט דעם עיקר־געדאַנק. דערפאַר איז דער דיאַלאָג אין דער שאָו־פּיעסע פון אַזאַ וויכטיקייט. קיין איינציקער וואָרט דאַרף ניט גיין פאַרלאָרן. איז דאָס ניט דער פאַל, איז פיל גלייכער, אַז מען זאָל לאָזן די שאָו־פּיעסן צו רו, אַז מען זאָל שפּילן ווייטער דעם יידישן רעפּערטואַר.

געוויס, וואָלטן מיר געגלייבט, אַז אונדזערע יידישע אַקטיאָרן זיינען נאָך ניט גענוג אויף צו שפּילן אין אַזאַ פּיעסע ווי שאָוס „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע״, וואָלטן מיר גאָר אַזויפיל ניט געטענהט מיט זיי. . . . וואָלטן מיר ניט געגלייבט, יאָ, געוווסט, אַז עס זיינען דאָ טויזנטער פון אונדזער יידיש טעאַטער־עולם, וואָס זיינען דוקא זייער גערן און זייער פעיִק צו זען אַזעלכע פּיעסן, וואָלטן מיר געזאָגט צו די קינסטלער: „טייערע פריינט, אומזיסט אייער טרחה, ניטאָ פאַר דעם קיין עולם״. דער פאַרדרוס אָבער אונדזערער איז דאָס ביידע איז דאָ. אי מיר האָבן קינסטלער, וואָס זיינען פעיִק צו שפּילן אַזעלכע פּיעסן. דאָס האָבן באַוויזן מרס. גערסטען מיט איר גוטן

שפילן, שוואַרץ און גאָלדסמידט און זאָגאָר ביז אַ געוויסן גראַד מרס. אַפּעל און בן־עמי, און ס׳איז דאָ אַן עולם, וואָס האָט מיט אַזאַ געשפּאַנטקייט זיך צוגעהערט צו דער פּיעסע. . . . אָבער דער אומגליק איז דאָס די אַקטיאָרן און די מענעדזשערס קאָנען ניט און ווילן ניט כאָטש איינמאָל אין וואָך זיך אומקערן מיטן רוקן צו זייער טעאַטער־זשאַרגאָן . . . מיר האָבן מורא, אַז באַוווּסט אדער אומבאַוווּסט גלייבן נאָך אַלץ די אַקטיאָרן צו שטיין העכער סיי פאַר דעם פּאַרפאָסער, סיי פאַר דעם איבערזעצער און סיי פאַר דעם עולם פאַר וועמען זיי שפּילן. אָט דער געפיל וועגן וועלכן די אַקטיאָרן זיינען זיך אפשר אַליין ניט באַוווּסט, האָט ביז צו אַ שטאַרקן גראַד איבערגעפירט דעם ערפאָלג פון דער פּיעסע. אָבער קיין מיסערפאָלג איז עס בשום אופן ניט געווען. דאָס ביסעלע עברי פון בערנאַרד שאָו, וואָס האָט זיך צעטראָגן צום עולם, האָט געהאַט איר שטאַרקע ווירקונג, נאָר זי האָט געקאָנט זיין פיל, פיל גרעסער, און וועט אויך זיין פיל, פיל גרעסער אויב דאָס מענעדזשמענט און די קינסטלער וועלן מאַכן אַן אָנשטרענגונג צו פאַריכטן דאָס וואָס זיי האָבן פאַרגרייזט ביי דער ערשטער פּראָבע״.

### ב. גאָרין שרייבט:

„. . . בערנאַרד שאָו איז ניט קיין שרייבער פאַר דער גרויסער מאַסע. ער שרייבט פאַר געקליבענע טעאַטער־באַזוכער, פאַר מפונקים [פיינשמעקער], און זיינע אַ דראַמע צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין דראַמאַטישע סיטואַציע, נאָר מיט דער פיינער סאַטירע צו וועלכער זי פאָדערט מבינות. און די, וואָס זיינען געוווינט מיט די גאַנגבאַרע שטיקער, וואָס מען זעט אויף דער יידישער בינע, דאַרפן קוקן ווי אַ האָן אין בני אדם אויף בערנאַרד שאָוס אַ דראַמע, און ווי גרויס איז דעריבער געווען די איבעראַשונג פון די אַלע יענע, וואָס זיינען איבערצייגט, אַז דאָס יידישע פּובליקום פאָדערט דורכויס דעם געוויסן סאָרט גאַנגבאַרע שטיקער פון יידישן טעאַטער, ווען אַ גרויסער עולם איז געקומען אין אוירווינג פּלייס טעאַטער זען בערנאַרד שאָוס דראַמע „מרס. וואָרענס פּראָפעשאָן״. די גרעסטע איבעראַשונג האָט אַרויסגערופן דער מענעדזשער גופא, מאָריס שוואַרץ ווען אין זיין רעדע צווישן די אַקטן האָט ער זיך מודה געווען, אַז בשעת מען האָט געמאַכט די פּראָבעס, האָבן אַלע אַקטיאָרן געציטערט, אַז עס וועט בלאָזן אַ קאַלטער ווינט אין טעאַטער ביי דער פאָרשטעלונג. זיי האָבן געזען בשעת די פּראָבעס, אַז אַלץ, וואָס די אַקטיאָרן האָבן צו טאָן, איז צו זיצן געמיטלעך און שמועסן „אָזוי ווי ביי זיך אין דער היים״, ווי מר. שוואַרץ האָט זיך אויסגעדריקט. און מען האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז די וואָס וועלן שוין יאָ קומען אין טעאַטער, זאָלן זיך ניט אויפהייבן אין מיטן שפּילן און אויסבטלענען אַלע בייזע חלומות אויפן מענעדזשער און די אַקטיאָרן.

און ניט נאָר איז געקומען אַ גרויסער עולם, נאָר קיינער האָט קיין בייזע חלומות ניט אויסגעבטלט אויף די אַקטיאָרן. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס אויף דער שטיק און האָבן זיך ניט געשעמט צו זאָגן, אַז זי געפעלט זיי ניט, נאָר דאָס פּאַסירט ביי יעדער פאָרשטעלונג, ביי יעדער פּיעסע. עס איז זייער זעלטן, אַז אַ שטיק זאָל אויסנעמען ביי אַלעמען און עס זיינען שטענדיק פאַראַן אַזעלכע, וואָס בלייבן אומצופרידן מיט אַ פּיעסע, אָבער מען רעכנט זיך ניט מיט איינצלנע. דער גרויסער עולם, וואָס איז געקומען אין אוירווינג פּלייס טעאַטער, איז ניט אַריינגעפאַלן ווי אַ יון איז סוכה. ער האָט געוווּסט ווער בערנאַרד שאָו איז און וואָס פאַרע אונטערהאַלטונג מען דאַרף פון



אים ערוואַרטן. און דער פאַקט וואָס ביי אַ מיטנוואָכעדיקע פאָרשטעלונג ווען דער טעאַטער איז געוויינלעך מער ווי האַלב ליידיק, אויב מען שפּילט ניט קיין בענעפיט, איז צו „מרס. וואָרענס פּראָפעשאָן״ געקומען דוקא אַ גרויסער עולם, ווייזט, ווי מען דאַרף ניט בעסער, אַז מיר האָבן אַ פּובליקום פאַר בעסערע דראַמען.

געוויינלעך איז מיט אַזעלכע בעסערע דראַמען די צרה, וואָס זיי פאָדערן דעם בעסטן סאָרט שפּילן, און די פרעמדקייט פון דעם לעבן, וואָס ווערט אין זיי געשילדערט, שטערט אונדזערע אַקטיאָרן צו ווייזן אַ פיינקייט, וואָס איז נייטיק פאַר אַזעלכע פּיעסן. נאָר דאָס גליק מיט „מרס. וואָרענס פּראָפעשאָן״ איז, וואָס די כאַראַקטערן זיינען מער אָדער ווייניקער אַזעלכע, וואָס באַלאַנגען ניט צו קיין באַשטימטע נאַציאָן, צו קיין באַשטימטן פאָלק און האָט געגעבן די אַקטיאָרן די מעגלעכקייט צו קאָנען בעסער אַריינלעבן זיך אין זיי, און טאַקע די אַקטיאָרן האָבן געגעבן אַ גאַנץ גוטע פאָרשטעלונג.

בן־עמי איז אינגאַנצן אַריין אין זיין ראָל און האָט דורכגעפירט אַן אינטערעסאַנטן כאַראַקטער. ער האָט געשפּילט די ראָל פון דעם גלחס זון, אַ יונגעמאַן אָן גלויבן, מיט אַ לייכטער סאַטירע קעגן אַלעמען און אַלץ, און זיין האַלטונג, זיין טאָן האָבן דורכויס האַרמאָנירט מיטן כאַראַקטער, אפשר נאָר אין דער ערשטער סצענע האָט ער זיך צופיל געדרייט מיטן קערפּער, מעשה צעפּיעשטשעטער בן־יחיד, אַ געוווינהייט זיינע, וואָס ווייזט זיך אַרויס ווען נאָר ער שפּילט אַן אינטעליגענטן יונגעמאַן, און אפשר איז אויך ניט אַרויסגעקומען פונקט דער ענגלישער יונגערמאַן, נאָר ער האָט אַרויסגעבראַכט אַן אויסגעהאַלטענעם אינטערעסאַנטן כאַראַקטער. די ראָל פון דעם גלח האָט געשפּילט גאָלדסמיט און האָט איר דורכגעפירט מיט טאַקט. ראָזענטאַל האָט געשפּילט די ראָל פון דעם אַרכיטעקטאָר זייער בלאַס. שוואַרץ האָט געשפּילט די ראָל פון דעם לאָרד, מרס. וואָרענס פּאַרטנער, און ער האָט געוויזן, אַז אין אוירווינג פּלייס טעאַטער איז די פּאָליסי גאָר אַן אַנדערע ווי אין די איבריקע יידישע טעאַטערס. די ראָל זיינע איז אַן אומדאַנקבאַרע און ניט קיין וויכטיקע, און אין קיין אַנדערן יידישן טעאַטער וואָלט דער סטאַר אַזאַ ראָל ניט אויסגעקליבן און ער פאַרדינט גרויס קרעדיט וואָס ער האָט ניט אויסגענוצט זיין מאַכט פון דעם לידינג מען [פּרעמיער־אַקטיאָר] און בעל־הבית פון טעאַטער און באַגנוגנט זיך מיט אַ קלענערע און אומדאַנקבאַרע ראָל און איינגעטיילט די מער באַמערקבאַרע ראָל פון דעם גלחס זון צו דעם יינגערן אַקטיאָר. דערצו דאַרף מען נאָך האָבן אין זינען, אַז שוואַרץ איז נאָך זיינע יאָרן און פיגור אַ פּאַסנדער ליבהאָבער פאַר דער בינע.

די ראָל פון פריילין וואָרען האָט געשפּילט מרס. גערסטען. קיינער האָט זיך ניט געריכט, אַז זי וועט דעם אָוונט שפּילן, און מיט אַ פּאָר שטונדן איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, האָט שוין אַן אַנדערע שוישפּילערין געלערנט די דאָזיקע ראָל, נאָר אין דער לעצטער מינוט איז מרס. גערסטען געקומען אין טעאַטער אַ שטאַרק קראַנקע. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ צושטאַנד איז שווער צו שפּילן, נאָר זי האָט איר ראָל אונטער אַזעלכע אומגינסטיקע אומשטאַנדן דורכגעפירט גאַנץ גוט. בלויז נאָר אין אָנהייב ווען זי רעדט מיטן אַרכיטעקט פּרעד און ער לאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן איר מוטער, איז זי געווען שוואַך און אינטעלעקטועל ניט רירעוודיק, און גאָר פאַלש איז געווען איר אויפפאַסונג ביים סאַמע סוף דריטן אַקט ווען זי טרעט אָפּ פון דער בינע. זי גייט אַוועק מיט אַן אימפּעט ווי אין אַ שרעקלעכער אויפרודערונג, וואָס מאַכט דעם איינ־

דרוק, אַז זי לויפט זיך טרינקען אָדער עפּעס אַ מעשה זיך אָנטאָן. אין סך־הכל זאָגט זי דערביי, אַז זי פאָרט קיין לאָנדאָן, און דאָס איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך, אַז מען זאָל דאַרפן אָפּטרעטן פון דער בינע מיט אַזאַ אָפּלויף. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז ווען זי זאָל ניט זיין קראַנק, וואָלט די ראָל ביי איר אַרויסגעקומען אַ סך בעסער.

די הויפּט־ראָל אין דער פּיעסע איז פון מרס. וואָרען, און די דאָזיקע ראָל האָט געשפּילט מרס. אַפּעל. זי האָט לחלוטין ניט אַרויס־געבראַכט די מרס. וואָרען, וואָס ווערט געשילדערט אין דער פּיעסע. מרס. וואָרען איז אַ פרוי פון דעמי מאָנד, דער האַלב־וועלט ... זי האָט אַ פאַרקער מיט דער גרעסטער אַריסטאָקראַטיע און דאָס לייגט אַ געוויסן שטעמפּל אויף איר באַנעמונג און האַלטונג. מרס. אַפּעל



חנה אַפּעל אַלס מרס. וואָרען
מאָריס שוואַרץ אַלס קראָפּטס

האָט אַזאַ פרוי ניט אַרויסגעבראַכט, און אויף איר מער ווי אויף אַלעמען האָט זיך אָפּגערופן די שטראָף פון שפּילן אַ פרעמדע פּיעסע, פון אַ פרעמדן לעבן, און די שטראָף האָט איר געטראָפן שטאַרקער ווייל זי האָט דאָ די הויפּט ראָל. פאָריקן סעזאָן האָט זיך מרס. אַפּעל אויסגעצייכנט אין אַ פּאָר ראָלן און האָט געוויזן פאַרשטענדניש און טאַלענט, נאָר דאָס איז ניט געווען גענוג פאַר אַ ראָל פון מרס. וואָ־





רען, און דאָס ווייזט אַ מין גרינגשאַצונג פאַר דעם בעסערן געש־מאַק פון דעם בעסערן יידישן פּובליקום. ווען דאָס מענעדזשמענט האָט זיך געקליבן שטעלן אַ ליטעראַרישע פּיעסע, האָט עס זיך געדאַרפט רעכנען מיט זיינע קרעפטן. איך האָב אַ סך, אַ סך מאָל געוואָרנט אונדזערע מענעדזשערס און סטאַרס, אַז זיי זאָלן זיך היטן פאַר פרעמדע, בעסערע פּיעסן, ווייל ווען עס קומט צו אַ פרעמדן לעבן, זיינען זיי ניט אין דער היים און קריכן אויף גלייכע ווענט. מען מוז זיך שטענדיק רעכענען מיט די כוחות, אַז ניט, איז זייער גרינג דורכצופאַלן.

**[גאָרין דערציילט, אַז מיט אַ יאָר צוריק האָט מען די זעלבע פּיעסע אויפגעפירט אין אַמעריקאַנער ענגלישן טעאַ־טער און כאָטש די טרופּע האָט יאָרן־לאַנג געשפּילט און אַרויסגעגעבן סטאַרס, האָט מען פאַר דער ראָל פון מרס. וואָרען ספּעציעל אַנגאַזשירט די אַקטריסע מרס. מערי שאָ, וועלכע איז באַקאַנט אין דער ראָל].**

נאָר, ווי געזאָגט, איז די פּיעסע בכלל דורכגעפירט געוואָרן גאַנץ גלאַט און די קאָמפּאַניע אין אירווינג פּלייס טעאַטער האָט געוויזן פעיקייטן דורכצופירן פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן מיט טאַקט און געשמאַק ווען די פּיעסן זיינען זיי נאָך די כוחות. די איבער־זעצונג פון „מרס. וואָרענס פּראָפעשאָן" איז ניט געווען קיין גע־הויבענע."

**[אַז מאָריס שוואַרץ האָט געהאַט אַ נייגונג צו איבער־זעצטע פּיעסן פון אַזוי־גערופענעם אייראָפּעישן רעפּערטו־אַר, קאָן מען זען דערפון, וואָס נאָך איידער ער איז גע־וואָרן דירעקטאָר פון אַ טרופּע, נאָר נאָך געשפּילט ביי אַנדערע דירעקטאָרן, האָט ער דאָרט, צו זיינע ערן־אָוונטן געשטעלט כמעט נאָר איבערזעצטע פּיעסן. אַ פּנים, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז זיינע טעאַטער־אָנהענגער באַשטייען פון דער יידישער אינטעליגענץ, און פאַר זיי איז מער ניחא אַן איבערזעצטע פּיעסע ווי אַ פּיעסע פון דעמאָלט אָרעמען אָריגינעלן בעסערן יידישן רעפּערטואַר.**

**דאָך איז ניט צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַלס ערשטע אי־בערזעצטע פּיעסע אין זיין אייגענעם טעאַטער האָט ער אויסגעקליבן גראָד „פרוי וואָרענס פּראָפעסיע" אין וועל־כער די הויפּט־ראָלע האָט אַ פרוי, ניט ער. סיידן, אַז ער האָט געבויט אויף צוויי זאַכן: אויפן גרויסן נאָמען, וואָס בערנאַרד שאָו האָט געהאַט צווישן דער יידישער און ניט־יידישער אינטעליגענץ, און וואָס די פּיעסע „פרוי וואָרענס פּראָפעסיע" האָט בעת דער אויפפירונג אויף דער ענגלי־שער בינע אין ניו־יאָרק מיט עטלעכע יאָר פריער אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע סענסאַציע און אַ גרויסן טומל, און שוואַרץ האָט געגלייבט, אַז דער אינטערעס צו דער פּיעסע איז נאָך אַלץ דאָ און דער טומל וועט זיך, אין אַ געוויסער מאָס, נאָך איצט איבערחזרן אַ יידישע איבערזע־צונג פון דער פּיעסע איז געווען געדרוקט אין דער ניו־יאָר־קער „פרייע אַרבעטער שטימע". אויך זלמן זילבערצווייג האָט געמאַכט אַן איבערזעצונג פאַר דער „ווילנער טרופּע", וועלכע האָט זיך געגרייט אויפצופירן די פּיעסע מיט לאה נעמי.]**

**עטלעכע יאָר שפּעטער איז די אויפֿפירונג ווידער באַנייט געוואָרן און וועגן דער פּיעסע, איר אויפפירונג און דאָס שפּילן שרייבט ל. קעסנער:**

„פון „וועלף“ איבער „פּעטער דער גרויסער“ ביז „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע“ איז כמעט אַזאַ ווייטער שפּרונג ווי פון „שדים ווייסן וואָס“ ביז „וועלף“, אָבער דער „קונסט־טעאַטער“ האָט עס געוואַגט. דער „קונסט־טעאַטער“ וואַגט אַ סך געוואַגטע זאַכן, און דאָס איז זיין מעלה. איך וואָלט אַפילו געזאָגט: זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. דער סוד פון ערפאָלג פון אַ טעאַטער מיט אַ באַשרענקטן פּובליקום (איך מיין באשרענקט אין צאָל) ליגט אין דער וואַריאַציע פון זיין רעפּערטואַר, אין דער בונטקייט פון זיין קונסט־גאַלערעע, אין שנעלן איבערבייט פון זיין סצענישן און פאַרשטעלערישן קאָלאָריט, אין די איבעראַשונגען און חידושים וואָס ער גיט אונדז פון צייט צו צייט, אין קורצע דיסטאַנצן. לאַנגע „ראָן“־[לויפן, ווערן געשפילט] פּיעסן זיינען געמאַכט פאַר אַ מאַסן־פּובליקום, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס און איז אייביק צופרידן מיט דאָס וואָס שטעלט צופרידן זיין אייביק גלייכן „פּלעזשור“־חוש.

פון „פּעטער דער גרויסער“ ביז „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע“ איז אַזאַ ווייטער מהלך ווי פון אַ קאַצאַפּ פון פּעטער וועליקיס צייטן ביז אַן ענגלישמאַן פון היינטיקן לאָנדאָן. דאָרט — פּרימיטיווקייט, גראָבע, ברודיקע, אכזריותדיקע, אָבער שטאַרקע און געזונטע נאַטור. דאָ — נעאָ־דעקאַדענץ, פון איבער־קולטור צעפרעסענע צייט, לומפּן מיט פילאָזאָפישע סיסטעמען, פרויען־הענדלער מיט אַ זעלבסט־געמאַכטע לאָגיק, וואָס איז צוגעפּאַסט צו זייער „פּראָפעסיע“, אָבער אין דער זעלבער צייט ליגט אין דיזער צינישער לאָגיק אַזויפיל מוראדיקער סאָציאַלער אמת, אַז מיר זיצן און שוידערן פון ערשטוינונג צוקוקנדיק ווי אַזוי ווי פון אַבסורד איז אויך אונדזער צייט געוואָרן אַ פאַקט, ווערנד דער פאַקט איז אין תוך ניט מער ווי אַן אַבסורד, אַ קאָנווענציאָנעלער ליגן, וואָס האָט דורך אַ פערווערזע סאָציאַלע מאָראַל געקראָגן בירגער־רעכט אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

„מרס. וואָרענס פּראָפעסיע“ איז אין דראַמאַטישן זין דאָס בעסטע פון שאָוס דראַמאַטישע פאַרזוכן. ווי אַלע שאָוס בינען־שטיק, ליידט אויך דאָס שטיק פון לאַנגע דיאַלאָגן, וואָס ווערן אָפּט רעגולערע מאָנאָלאָגן, און אויך אין דעם שטיק פעלט ניט די „אידעע“, דער משל מיטן נמשל, וואָס פּרעזענטירט זיך צו אָפּט דורך בליציקע שיין־רעדנעריי, דורך פּאַראַבעל און היפּערבעל, און שטערט גאָרניט זעלטן די האַנדלונג און איר נאַטירלעכן אַנטוויקלונגס־גאַנג. אָבער שאָו איז ווי די פרויען וועגן וועלכע מעפיסטאָ זאָגט אין „פאַוסט“: „ווו איר פאַקט זיי, זיינען זיי אינטערעסאַנט“, און אין „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע“ גיט אונדז שאָו ניט נאָר בינטלעך קלוגע אַפאָריזמען, סאָציאַליסטישע ציניזמען (ווו איר קאָנט ניט אונטערשיידן צווישן שאָו דעם סאָציאַליסט און שאָו דעם ציניקער) און טונקעלע מיט גאַל און האַרץ געזעטיקטע אַנאַלאָגיעס צווישן גוט און שלעכט, ריין און אומריין. אויבן און אונטן — אין „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע“ גיט אונדז שאָו אויך האַנדלונג, אַן אויסערלעכע רעגל־רעכט דורכגעפירטע האַנדלונג און אַן אינערלעכע האַנדלונג, וועלכע איז ניט ווייניקער טיף אינטענסיוו און אַנאַליטיש, זעלבסט־צעשניידנדיק ווי למשל אין איבסענס „גייסטער“. אַלע העלדן פון „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע“ ליידן, ווער פון דער צייט, ווער



פון דער געזעלשאַפט, ווער פון איבער־קולטור, ווער פון אונטער־קולטור, ווער פון אייגענער געפאַלנקייט, ווער פון העראָיזם, ווער פון קונסט־גייסט, אָבער ליידן ליידן אַלע און שרייען שרייט קיינער ניט, אַפילו ווען עס ווילט זיך שרייען (דאָס וואָלטן די פרויען אין שטיק געמעגט נעמען אין אַכט), מען איז דאָך עפּעס „מאָדערנע“ מענטשן, קרענקלעך־בלאַזירט, ציניש אַנגעהויכט, „אינדעפּענדענט“ [אומאָפּהענגיק] און „אַלץ ווייסנדיק“. אַ היינטיקער מענטש טאָר ניט שרייען. צו וועמען? ווער וועט אים הערן? ווער וועט אים גלייבן אין אַ וועלט פון דורכויסיקן אומגלויבן? שרייט מען ניט, נאָר מ׳לאַכט, מ׳שמייכלט, מ׳זאָגט קלוגע וויצן, מ׳שפּייט זיך מיט דער גרעסטער העפלעכקייט איינער דעם צווייטן אין פּנים, אָבער מ׳ליידט, און ווי מ׳ליידט פון דער מענטשלעכקייט, קאָן קיין מענטש ניט אַנטלויפן. יעדער איינער האָט אַ מאָמענט ווען עס ווילט זיך אים שרייען גוואַלד איבער אַלע גאַסן, אָבער מיט די ליפּן טאָר מען עס ניט טאָן. שרייט מען מיט דער אָרעמער נשמה, וואָס סקריפּעט ווי אַ טרוקענע פּאָדעשווע. שרייט מען מיט די נערוון, מיט די אויגן, מיט די אַקסלען, מיט די מויל־ווינקלען, מיט די לאַך־מוסקולן. אַ ציטערדיקער זעלבסט־שמערץ פיין דורכגעמישט מיט שאָוישן וועלט־שמערץ, וויברירט אונטער אַלע הויטן פון דיזע זעקס „רעפּרעזענטאַנטן“ פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. זיי קרומען זיך און שלענגלען זיך ווי ווערעם, וואָס זיינען נאָך גענוג מענטשלעך צו ליידן פון זייער ווערעמדיקייט, אָבער זיי זיינען שוין צופיל ווערעם צו קאָנען זיך אויפהייבן צו מענטשן־ווירדע. און אין דעם ווערעמדיקן קנויל זיינען דריי מענטשן, בעסער געזאָגט האַלב און פערטל מענטשן, ווייל וויווי, די קאָלעדזש־געבילדעטע, איז שוין אויך ניט קיין גאַנצער מענטש. זי איז שוין אויך אַ קולטור־פלאַנץ, אַ קונסט־בלום מיט אַ זעלבסט־מערדערישן אינטעלעקט, וואָס פאַרניכטעט, אַנאַליזירנדיק, אייגענע און פרעמדע געפילן, ווי דאָס מעסער פון אַן אַנאַטאָם, און פרענק גאָלדנער, „דאָס צעלאָזענע יינגל“, דער „בעד באָי“ [שלעכט יינגל] פון דער מאָדערנער גרויס שטאָט, איז ער דען אַ מענטש? דייטלעך איז זיין האַס צו זיין אייגענעם פאָטער. אמת, גערעכטער האַס, אָבער איז עס אויך אַ נאַטירלעכער האַס? קאָן אַ מענטש אַזוי האַסן? ניין, אַזוי פאַראַכטן זיין אייגענעם פאָטער? און זיין ליבע צו וויווין. דיזע גרויסשטאָט־ליבע, אַן עכטע ליבע נאָר מיט אַ „סילווער ליינינג“ [זילבערנעם אונטערשלאָג], מיט אַ דייטלעכער כונה צו קאָנען שפּעטער פּוסטעוואַפּאַסטעווען אויפן חשבון פון זיין ווייבס פּראַצע, איז דאָס די נאַטירלעכע מענטשלעכע ליבע?, און דער קינסטלער פּרעד, דער ווייכער, אָפּשליפענער עסטעט פון צופיל רייבן זיך אָן די האַרטע קאַנטן פון לעבן. דער עפּיקורעער מיט דער באַקוועמער וועלט־אָנשויונג, אַז פון אַ „קונסט שטאַנדפּונקט“ זיינען די גרעסטע העסלעכקייטן שיין. איז דאָס אַ גאַנצער מענטש, מיט פולסן, מיט אינסטינקטן, מיט אַ האַרץ און וואַרעם בלוט אין האַרצן?

אַ וואונדערלעכן הינטערקוליסן־ווינקל פון לעבן האָט שאָו אויפגעדעקט אין „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע“, אַ טונקל־גרויער קעלער־ווינקל פון היפּער־מאָדערנעם סאַלאָן־לעבן ווערט דורכגעלויכטן מיט בליץ־ראַקעטן, מיט פלעק און רעפלעקס־ליכטער, און פון דיזער באַלייכטונג ווערן די געשטאַלטן נאָך טונקעלער, די פּנימער נאָך בלייכער, די פרעכע דערשלאָגנקייט נאָך פרעכער און דערשלאָגענער. די קאָנטורן פון וועלטאונטערגאַנג נאָך בולטער און אין דער זעלבער צייט ווייטער און פאַרשוווּמענער. ווי

קריעט מען אַרויס פון דעם פאַרכישופטן קרייז? אויף דעם גיט אונדז דער דיכטער קיין ענטפער ניט, ווייל ס'איז דאָך קלאָר, אַז וויוויס „גרויסע טאַט", איר אָפּזאָגן זיך פון דער וועלט, איז קיין ענטפער ניט אויף דער גרויסער פראַגע ווי ראַטעוועט מען די היינטיקע וועלט פון זיך אַליין? שאו אַליין גלייבט ניט אין דעם ענטפער, וואָס ער גיט אונדז. דאָס זעט מען פון דעם בלוטיקן ציניזם מיט וועלכן ער שליסט זיין דראַמע: אַלע לומפּן בלייבן וואָס געווען, גליקלעך אין זייער ווערעמדיקייט, נאָר דער איינציקער „איש המעלה" [דערהויבענער מענטש], וויווי, בלייבט אַ טויטע, צוגעשמידט אויף אייביק צו דער שרייבמאַשין...

ווי איז די דראַמע געשפּילט געוואָרן אין „קונסט־טעאַטער"? גוט אויף אַזוי ווייט ווי די כוחות האָבן געקלעקט. און די כוחות האָבן דערווייל (איך האָב געזען די ערשטע פאָרשטעלונג) געקלעקט העכסטנס ביז — קאָרעקטקייט. קיין טעות האָט מען ניט געמאַכט. אַרויס פון זיין ראָלע איז קיינער ניט אויף דאָס מינדסטע. אָבער אַריין אין זיין ראָלע איז אויך נאָך קיינער ניט געווען איבערן האַלדז. מען האָט געשפּילט מיטלמעסיק גוט, קונסט־טעאַטראַליש ווירדיק און געשיקט, אָבער מיט אַ היבשן דיסטאַנץ ביז צו פולקומענהייט. זיי וועלן זיך מסתמא נאָך איינשפּילן. עס איז ניט אַזוי גרינג אַרויסצושפּרינגען פון מערעשקאָווסקיס אַ פרום פּראַוואָסלאַוונע קלויסטער־דראַמע און גלייך אַריין אין שאוס אַ סאַציאַלע וועלט־שמערץ און וועלט־שפּאָט דראַמע. אַנטשידן אַמבעסטן האָט זיך אין זיין ראָלע געפילט מאָריס שוואַרץ. ער האָט דעם אַלטן אַריסטאָקראַטישן לומפּ־דזשענטלמאַן געגעבן די ריכטיקע מאַסקע (אַ ביסל פראַנצויזיש, אָבער ס'האָט ניט געשטערט) און די ריכטיקע אויסטייטשונג. ער האָט אונדז געגעבן אַן אויסוואָרף פאַר עקסעלענס, אַ געמיש פון ווירדע און עקלהאַפטיקייט. אַ שוידערלעכן עקזעמפּליאַר פון פאַרלאָר־דעגענעראַט און לומפּאַריסטאָקראַט. אין זיין צורה און אין הילוך האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. פון די דאַמען האָט בערטאַ גערסטען אַלס וויווי געשפּילט אויף אַ סך פיינע סטרונעס און פיין געשפּילט. בערטאַ וואַקסט נאָך, אַנטוויקלט זיך נאָך. פון ראָלע צו ראָלע מאַכט זי פּראָגרעס און דעקט אויף נייע זייטן פון איר אַרטיסטישן וועזן. נאָר אויפן הויכן „צעשפּילט זי צייטנווייז אַ ביסל צו פיל. ספּעציעל אין דיזער ראָלע האָט זיך דאָס געמערקט. דיזע ראָלע פאַרלאַנגט באַזונדערע ראַפינירטקייט און דיסציפּלין אין קלאַנג און אויסדרוק, אַקוראַט ווי זי האָט עס אַזוי שיין באַוויזן אין דער שלוס סצענע.

אַננאַ אַפּעל אַלס מרס. וואָרען האָט מיר ניט אינספּירירט, כאָטש זי האָט ערלעך און אָן „אַ ברעיק" [איבעררייס] דורכגעשפּילט איר ראָלע. עס האָט אין איר „מרס. וואָרען" געפעלט דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אַ קאָסמאָפּאָליטישער „דעמי מאָנד"־דאַמע. עס האָט געפעלט דאָס פלאַקערדיקע, דאָס פאַרפירערישע, די נערוועזיטעט פון „רייכע איבערלעבונגען", נאָר דאָס פּראָסט זינלעכע, דאָס נאַטירלעך יצר הרעדיקע האָט זי געגעבן אין דער געהעריקער מאָס. שאוס אַ פרויען־טיפּ איז ניט גרינג צו שפּילן. מען דאַרף זיך אין אים גוט אַריינטראַכטן. אַריינאיבן און אַריינלעבן.

אברהם טייטעלבוים אַלס דער „קינסטלערישער" פלעד איז געווען אַ סימפּאַטישע געשטאַלט אויף דער בינע. פריילעך, שיין מיט אַן עסטעטישן „עיר" אין זיין גאַנצן אַרום און אַרום, דאָס „העכערע וועזן" צווישן שקצים און רמשים, צווישן קריכנדיקע ווערעם, אַ וואָרעם, וואָס גייט גלייך ווי אַ מענטש. אויך טענענהאַלץ האָט זיין „צעלאָזענעם יינגל" פרענק צייטנווייז אַ ביסל צופיל אָפּגעלאָזט די לייצעס, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער זיך גאָרנישט שלעכט אידענטיפיצירט מיט זיין ראָלע, אויף ווי ווייט אַ ייד פון אונדזערע יידן קאָן זיך אידענטיפיצירן מיט אַ זון פון אַן ענגלישן גלח. אין טענענהאָלצס שפּיל מערקט זיך פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים אַ באַטייטנטע ענדערונג צום בעסערן. ער ווערט וואַזשנער, דיסציפּלינירטער, באַציונגס־רייכער. צום שלוס אַ פּאָר ווערטער וועגן אַברהם טייטעלבוימס רעוורענד. צופיל קנייטשלעך, צופיל אָנשטעלערישע דבקות. עס באַקומט זיך אָפּט דעם טאָן פון בטלנישע קוועטשעריי און צייטנווייז דערמאָנט עס אויך אין זיין דייטשן שפּיאָן פון „די וועלף".

אין גאַנצן גענומען, אַ סופער פיין אינטערעסאַנט קונסט־ווערק אין אַ מער ווי דורכשניטלעכע געלונגענע דורכפירונג פאַר וועלכע דאָס „קונסט־טעאַטער" האָט זיך פאַרדינט אַ שטאַרקן יישר־כוח."

## „ביילקע מאַראַנעטאַ"


ב. באָטווינִיק
מחבר

דעם 26סטן סעפּטעמבער 1918 ווערט אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ „ביילע מאַראַנעטאַ", פון ב. באָטווינִיק, וואָס איז שוין דעם 12טן סעפּטעמבער 1913 אויפגעפירט געוואָרן אין „ראָיאַל טעאַטער" מיט מאָריס שוואַרץ און מאַלווינאַ לאָבעל אין די הויפּטראָלן.

מיר ברענגען דאָ אב. קאַהאַנס רעצענזיע וועגן יענער אויפפירונג אין וועלכער שוואַרץ האָט מיטגעשפּילט.

די זעלבע פּיעסע איז דעם 19טן יאַנואַר 1921 ווידער געגעבן געוואָרן אין „אירווינג פּלעיס טעאַטער" א"נ „טייוולישע ליבע".

**אַב. קאַהאַן שרייבט:**

„הונדערטער דראַמעס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע, אָבער זייער ווייניק פון זיי זיינען דראַמעס. אַ פּיעסע מיט אַן אמתן דראַמאַטישן הויפּט־פּונקט און מיט דראַמאַטישער אַנטוויקלונג פון אַקט צו אַקט, איז ביי אונדז אַ גרויסע זעלטענהייט. אַפילו דאָס רוב פון אונדזערע בעסערע טעאַטערשטיק זיינען קיין דראַמעס ניט. זיי זיינען צוזאַמענגעקלעבט, צוזאַמענגעשטשאָבעט. זיי האָבן אפשר אין זיך אינטערעסאַנטע שטעלן זיי זיינען אפשר פול מיט קלוגע ווערטער, מיט וויציקע ווערטער, מיט שטאַרקע סצענעס, מיט סצענעס, וואָס רופן אַרויס טרערן אָדער געלעכטער, אָבער דראַמעס אין דעם אמתן זינען זיינען זיי געוויינלעך ניט. עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען ביי אונדז, פּיעסן, וואָס זיינען געבויט נאַטירלעך, אויף אַ נאַטירלעכן דראַמאַטישן פונדאַמענט, אָבער די צאָל פון דיזע אויסנאַמען איז קליין. צו דיזע קליינע צאָל מוז צוגערעכנט ווערן באָטווינִיקס „ביילקע מאַראַנעטאַ", וועלכע ווערט איצט געשפּילט אין מאַדאַם לאָבעלס ראָיאַל טעאַטער. די פּיעסע האָט מאַסן גרויסע פעלערן, גאַנצע שטיקער אין איר זיינען „מוזיק־האָל" ליטעראַטור. עס איז אָבער אַ

דראַמע. די פּיעסע ווערט שטאַרק קריטיקירט, און מיר גלייבן, אַז די קריטיקן זיינען ערנסטע, ניט קיין צו להכעיסדיקע. מיר גלייבן אָבער אויך, אַז די קריטיקער האָבן זיך אַליין פֿאַרבלענדט די אויגן מיט דעם, וואָס זיי מישן צוזאַמען צוויי באַזונדערע זאַכן. איר גייט, למשל, איבערן גאַס און איר באַגעגנט אַ מענטשן אין אַ צעריסענעם ראָק מיט אַ שמוציקן צעדרייטן קראַגן, מיט אַ טראַנטעוואַטן נעקטיי [קראַוואַט] און מיט אַ צעקלאָגטן קאַ־פּעלוש. גלייך דערביי זעט איר אין אַ פֿענסטער פֿון אַ קלאָהט־הינג סטאָר [מלבושים־געשעפֿט] אַ הילצערנע פֿיגור פֿון אַן אויסגעפּוצטן פֿראַנט. דער סוט [אַנצוג] איז אַ שפּאָגל נייער און אַ שיינער. דער נעקטיי איז נאָך דער לעצטער מאָדע, דער קראַגן איז שניי־ווייס און דער הוט איז ניי, ריין און שיין. דער ערשטער אין די שמוציקע טראַנטעס איז אָבער פֿאָרט אַ מענטש, און דער צווייטער, אין די שיינע פֿראַנטאָווע קליידער, איז דאָך ניט מער ווי אַ פּלאָקן, אַ שטיק האָלץ. פֿילע פֿון די יידישע דראַמעס, וועלכע ווערן אָנגענומען אַלס ליטעראַטור, זיי־נען ניט מער ווי פּלעקער. זיי זיינען אויסגעפּוצט מיט שיינע ווערטער, מיט רייכע סצענעס, אָבער קיין דראַמעס זיינען זיי ניט. באָטוויניקס פּיעסע האָט מאַסן פֿעלערן, אָבער אַ דראַמע איז זי און אַ שטאַרקע דראַמע, די האַרץ פֿון דראַמאַטישן אינ־טערעס אין איר איז אַ לעבעדיקע שלאָגנדיקע האַרץ. דעם טרעמפּ קאָנט איר אַרומוואַשן, אויספּוצן אים, אָנטאָן אים אין בעסערע קליידער, וועט ער זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. אָבער דעם אויסגעפּוצטן פּלאָקן, וואָס שטייט אין פֿענסטער פֿון קלאָטהינג סטאָר, האָט איר נישט וואָס צו וואַשן און וואָס צו פּוצן. ער איז ריין און אויסגעפּוצט. ער איז אָבער קיין לעבעדיקע באַשעפֿעניש. זיין הילצערנע האַרץ שלאָגט ניט. די וואָס קריטיקירן שאַרף באָטוויניקס פּיעסע אַלס אַ גאַנצע, מאַכן אָט דיזן טעות. די צע־ריסענע קליידער נעמען זיי אָן פֿאַר דעם מענטשן. זיי מיינען, אַז דער מענטש איז אַ צעריסענער. ווען מיר וואָלטן פֿאַר זיך געהאַט אַ פּיעסע אָן אמת דראַמאַטישן קאַמף, נאָר אַזאַ, וואָס וואָלט געווען אויסגעפּוצט מיט שיינע עפֿעקטן און קלוגע ווערטער, וואָלטן דיזע קריטיקער איר מסתמא געלויבט. דאַן וואָלט דער טעות געווען אַ פֿאַרקערטער: דעם פּלאָקן וואָלטן זיי אָנגענומען פֿאַר אַ לעבעדיקן מענטשן.

זיצנדיק אין טעאַטער האָבן מיר זיך אינטערעסירט אין פּוב־ליקום. מיר האָבן געוואָלט זען ווי די פּיעסע ווערט אויפֿגענומען. מיר האָבן געזען, אַז דער עולם איז אומגעהייער פֿאַרטיפֿט און פֿאַרינטערעסירט. דאָס הייסט, די דראַמע האָט אויף די צושויער שטאַרק געווירקט. ליידער אָבער זיינען געווען פֿילע אויף וועלכע די ווירקונג איז געווען אַ פֿאַרפּלאָנטערטע: דאָרטן וווּ ס׳האָט זיך געפֿאָדערט צו וויינען, האָבן זיי גראַדע געלאַכט, און דאָרט וווּ מען האָט באַדאַרפֿט לאַכן, האָבן זיי גראַדע געוויינט. די דראַ־מאַטישע ערציונג וואָס אונדזער טעאַטער־פּובליקום באַקומט איז נעבעך זייער אַ טרויעריקע. זייערע באַגריפֿן זיינען אינגאַנצן צעטומלט. .... עס איז אַן אמת דראַמאַטישער אינהאַלט און עס איז גענומען פֿון אונדזער אמתן לעבן. עס ווערט פֿאָרגעשטעלט ווי אַ יידישע מיידל ליבט זיך איין אין אַן איטאַליענישן יונגער־מאַן מיט וועלכן זי אַרבעט אין איין שאַפּ. דאָס איז פֿאַרבונדן מיט איינע פֿון די כאַראַקטעריסטישע ערשיינונגען אין דעם לעבן אויף דער איסט סייד וווּ מאַסן יידישע אימיגראַנטן קומען אין באַרירונג מיט מאַסן איטאַליענישע אימיגראַנטן.



דער איטאַליענער פֿון באָטוויניקס פּיעסע הייסט מאַראָנעטאַ. ער איז אַ סימפּאַטישער, וואַרם־האַרציקער יונג און ער ליבט זיך איין אין דער יידישער מיידל מיט דעם גאַנצן פֿייער פֿון זיין איטאַליענישן בלוט און זי אין אים אויך. אירע פֿאַרצייטיקע יידישע עלטערן זיינען נשתומם, דערשראָקן. זיי ווילן נאַטירלעך ניט וויסן פֿון אַזאַ שידוך. זי און איר געליבטער גיבן זיי נאָך אויף אַזויפֿיל דאָס ער איז זיך מגייר. ער ווערט אַ ייד און היט אָפּ דאָס דאַוונען, לייגן תּפֿילין, אָבער דאָס שטעלט זיי אויך ניט צופֿרידן. קורץ, ביילקע מוז פֿאַרלאָזן אירע עלטערן און הייראַטן דעם איטאַליענער אָן זייער ווילן. נאָך דער חתונה פֿאַנגט זיך אָן דער אומגליק. דער איטאַליענער לעבן איז איר ווילד פֿרעמד. עס בענקט זיך איר צו דער יידישער הויז מיט די יידי־שע מענטשן. זי איז נידערגעשלאָגן און פֿון דער נידערגעשלאָגנ־קייט קומט איר אַלעס אויס נאָך ערגער ווי ס׳איז אין אמתן. דער איטאַליענער ווידער קאָן איר ניט פֿאַרשטיין. ער לאַשטשעט זיך צו איר, ער צערטלט איר. ער גיט איר נאָך אירע קאַפּריזן. זי בלייבט אָבער אַלץ בייז, אָנגעבלאָזן. דאָס ערגערט אים. ער טענהט צו איר, בעט זיך ביי איר. מיט זיין היציקער נאַטור הייבט ער אָן זי צו דריקן און צו רייסן. דאָס גיסט נאָך צו בוימל צו דעם פֿייער פֿון איר אומצופֿרידנקייט.

קורץ, דער צוזאַמענלעבן איז ביי זיי ניט קיין נאַטירלעכער. זייער גליק איז געבויט אויף אַ שוואַכן פֿונדאַמענט און די דראַמע איז אומפֿאַרמיידלעך.

אין דער געשיכטע איז אַריינגעמישט ביילקעס חתן וועלכן זי פֿאַרלאָזט ווען זי פֿאַרליבט זיך אין דעם איטאַליענער. דער איטאַליענער איז אימער אייפֿערזיכטיק צו אים, און דאָס פֿאַר־שטאַרקט נאָך מער די דראַמע. זיין אייפֿערזוכט פֿאַרביטערט איר נאָך מער איר לעבן ביז ענדלעך זי גייט אַוועק פֿון הויז און קערט זיך אום צו אירע עלטערן. דער איטאַליענער קומט זיך ביי איר בעטן זי זאָל גיין צו אים אַהיים. זי וויל ניט. ער ווערט ווילד פֿון אייפֿערזוכט דענקנדיק, אַז זי קערט זיך אום צו איר יידישן חתן און ער דערשטעכט איר.

צום ערשטן מאָל זעען מיר אויף דער יידישער בינע ווי מען דערשטעכט אַ מענטשן און עס פֿילט זיך, אַז עס דאַרף זיין אַזוי, אַז אַנדערש קאָן ניט זיין. געוויינלעך דערשיסט מען אָדער מען דערשטעכט ביי אונדז אויף דער בינע בלויז ווייל דער פֿאַרפֿאַ־סער וויל פֿון אים [דעם העלד] פּטור ווערן. ער ווייס ניט וואָס מיט אים ווייטער צו טאָן און ער מוז אים אָפּרוימען פֿון וועג. אין „ביילקע מאַראָנעטאַ“ איז די טראַגעדיע אַ נאַטירלעכער העכסטער פּונקט פֿון דער דראַמע. אַזוי ווי דער פֿונדאַמענט איז אַן אמתער, זיינען זייער פֿילע פֿון די איינצלהייטן אמתע. זיי קו־מען אַרויס פֿון זיך אַליין. צום ביישפּיל. פֿון ביילקעס פֿאָטער און מוטער, די סצענעס, וואָס קומען פֿאָר צווישן איר און זיי. דאָס אַלעס איז מייסטנס נאַטירלעך, פֿול מיט לעבן, פֿול מיט אינטערעס. דער צוזעער איז געשפּאַנט און די געשפּאַנטקייט איז פֿון דעם סאָרט וועלכער ווערט אַרויסגערופֿן פֿון לעבן גופֿא.

די הויפּט־ראָלע איז נאַטירלעך די ראָלע פֿון דעם איטאַליע־נער, און דיזע ראָלע איז אויפֿגעשריבן אויסגעצייכנט. ביילקעס ראָלע איז פֿיל שוואַכער, אָבער דאָס איז ניט פֿון די שוואַכע ראָלן וווּ דער פֿאַרפֿאַסער ווייס איינפֿאַך ניט וואָס ער וויל און וואָס עס בעט זיך. ניין, איר זעט וואָס ער וויל און וואָס עס פֿאָדערט זיך, נאָר די איינצלהייטן זיינען שלעכט אויסגעאַרבעט.

ניט ריכטיק פאַרשטאַנען, ניט גוט באַטראַכט. ביילקעס פּסיכאָלאָגיע איז אויפגעמאָלן אַזוי ווי מוטנע פאַרב און מיט אַ ציטערדיקע האַנט. ס׳איז אַ צערונצלטע, ניט־קלאָרע געשטאַלט, אָבער די געשטאַלט איז פאָרט פאַראַן.

אַלס אַ ביישפּיל פון די ערגסטע פעלערן, וואָס די פּיעסע אַנטהאַלט אין זיך, ווילן מיר אָנווייזן אויף די פאָלגנדע: דער ערשטער חתן קומט ביילקען באַזוכן אין איר הויז ווען זי איז שוין פאַרהייראַט פאַר מאַראָנעטאַן. דאָס איז אַן אומעגלעכע זאַך. דאָס וואָלט הייסן שפּרינגען אין פייער. דער איטאַליענער איז דאָך אַזוי אייפערזיכטיק צו אים. ער וואָלט איר געקאָנט אָפּהיטן אויפן גאַס ווען זי גייט אַרויס פון שטוב און דאַן צו איר ריידן. איר זעט וואָס דאָ איז דעם פאַרפאַסער נייטיק, אַז מאַראָנעטאַ זאָל דעם יונגעמאַן געפינען ריידנדיק מיט זיין פרוי. דערביי ווערט אין אים צעפלאַקערט זיין אייפערזוכט, אָבער דאָס אַלץ האָט דאָך אויך געקאָנט פּאַסירן אויפן גאַס און ס׳איז גאָרניט נייטיק געווען ער זאָל אים דורך אַ צופאַל באַגעגענען (צופעלע זיינען גאַנץ ביליקע, גאַנץ ניט־ליטעראַרישע מיטלען). אויס אייפערזוכט וואָלט מאַראָנעטאַ נאָכשפּיאָנירט זיין פרוי און אויף דיזן אַרט וואָלט ער זיי געכאַפּט צוזאַמען אויפן גאַס. דאָס אַלץ וואָלט געווען אַזוי נאַטירלעך, אי דעם פאַרפאַסערס צוועק וואָלט געווען ערייכט. אַזוי אָבער איז די גאַנצע סצענע אַזאַ אומעגלעכע, אַז ס׳שטעכט פּשוט אין די אויגן. אַלס נאָך אַ ביישפּיל ווע׳ן מיר אָנווייזן אויף דער ראָלע פון דעם שכן אליהו, אַ ייד, וואָס איז אינגאַנצן פאַרקאָכט אין אַריינקריגן מעמבערס [מיטגלידער] פאַר זיין סאָסייעטי [אָרגאַניזאַציע]. דער טיפּ איז אַן און פאַר זיך גאָרניט שלעכט. ער איז אָבער אַזוי גוואַלדיק איבערזאַלצן, אַזוי אומברחמנותדיק „צו מוזיק האָלעוועט", אַז אין איניקע מאָמענטן עקלט פּראָסט. דאָך אין פילע אַנדערע מאָמענטן אַמוזירט זיך דער עולם גאַנץ געשמאַק פון דיזן אליהו.

די פּיעסע איז פול מיט לעבעדיקע שטריכן, מיט אמתע אינטערעסאַנטע שטעלן און אורטיילנדיק פון דעם אָוונט וואָס מיר זיינען געווען אין טעאַטער, האָט זי אַ גרויסן ערפאָלג ביי דעם עולם, און אין אַלגעמיין ריידנדיק שטאַמט דער ערפאָלג פון דעם וואָס די האַנדלונג פון דער דראַמע גיט אַ נעם דעם צושויערס אויפמערקזאַמקייט און האַלט עס פון ערשטן מאָמענט ביזן לעצטן. מיר זאָגן נאָך אַמאָל, פעלערן זיינען פאַראַן גרויסע, אָבער אַלע פעלערן צוזאַמענגענומען שטערן דאָך ניט די פּיעסע צו זיין אַן אמתע דראַמע. דער אומגליק איז, וואָס ביי אונדז קוקט מען אויף אַ דראַמע ווי מבינים הערן אַ חזן. מען הערט זיך צו צי ער דריידלט גוט, צי די שטימע איז אַ הויכע, צי האָט ער ניט געכאַפּט קיין פאַלשן טאָן ערגעץ ווו און אויב ס׳איז פאַראַן אַ סך פעלערן, איז געפעלט דער עסק ניט. ניין, ניט אַזוי דאַרף מען זיך פאַרהאַלטן צו אַ פּיעסע. מען דאַרף זיצן אי׳ן טעאַטער, קוקן און הערן. אויב דאָס וואָס קומט פאָר אויף דער בינע, פאַרינטערעסירט איך, ווירקט אויף איך, אויב עס קומט פאָר אַן אמתער לעבעדיקער קאַמף וועלכער רירט איך מיט פון אָנפאַנג ביזן ענדע, דאַן ווייסט איר ביי זיך, אַז איר זעט דאָ אַ דראַמע. די פעלערן זיינען, נאַטירלעך, פעלערן, אָבער די נשמה פון דער דראַמע נעמען זיי ניט אַוועק. טאָלסטאָי זאָגט, אַז דער הויפּט צוועק פון קונסט איז צו ווירקן אויף אונדזערע געפילן. באַטווינניקס פּיעסע טוט עס טראָץ אַלע אירע פעלערן. זי האָט, אַלזאָ, אין זיך דעם עיקר פון אַ קונסט־ווערק."





**און נאָכן אַרומריידן דאָס שפּילן פון מאַד. לאָבעל [וועלכע האָט אין דער נייער אויפפירונג זיך ניט באַטייליקט]. קומט קאַהאַן צוריק צו שוואַרצס שפּילן:**

„וועגן שוואַרצן וועלכער שפּילט דעם איטאַליענער איז אונדזע איבעראַשונג געווען פיליכט נאָך גרעסער [ווי וועגן מאַד. לאָבעל]. אין געוויינלעכע יידישע פּיעסן דעקלאַמירט ער אימער. מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען ער זאָל ריידן יידיש אויף דער בינע ווי אַ געוויינלעכער מענטש. אַז ער האָט אַ סך טעמפּעראַמענט האָבן מיר נאַטירלעך אימער געזען, אָבער ווי מיר האָבן שוין אַמאָל באַמערקט, ער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס אַקטיאָר מיט דעם וואָס ער האָט נאָכגעמאַכט קעסלערן אָדער אַדלערן אין פאַרשיידענע „העלדן"־ראָלן. דער רעזולטאַט איז, אַז זיינע טענער זיינען אימער „האַמלעטישע". מיר האָבן אַמאָל געזען ווי טראָץ דיזע אַלע האַמלעטישע דעקלאַמאַציאָנען איז ביי אים דאָך אַרויסגעקומען אַ כאַראַקטער־בילד, אָבער דער „אָנגעקראָכמאַלעטער" לשון האָט אַלעס צעשטערט. דאָ, אַלס איטאַליענער, רעדט ער ניט קיין יידיש. ס׳קומט אים אויס צו מאַטערן זיך מיט אַ פּאָר יידישע ווערטער, מיט אַ ביסל געבראָכענע ענגלישע ווערטער, מיט אַ שטראָם איטאַליענישע ווערטער. וועגן דעקלאַמאַציע קאָן דאָ קיין רייד ניט זיין, ווייל ער רעדט דאָד מיט אַן איטאַליענישן „אַקצענט". דאָס, פיליכט, ערקלערט וואָס עס האָט זיך דאָ פּלוצלינג אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַן אמתן טאַלענט. „קראָכמאַל"־שפּראַך האָט אים דאָ ניט געשטערט. „ספּראָנזשינע"־לשון האָט שים ניט פאַרדאָרבן די בילדער וועלכע ער האָט געשאַפן. קורץ, ער איז איינפאַך געווען אומבאַשרייבלעך גוט. ער האָט אַרויסגעוויזן אַן איבעראַשנדן גרויסן טאַלענט. ער האָט געשאַפן אַ געשטאַלט און דער געשטאַלט האָט זיך אַרויסגעגאָסן ביי אים ווי אַ יאָמער־געשריי פון אַ צעווייטיקט האַרץ, ווי אַ ליבע־געשריי פון אַ פאַרליבטן האַרץ. זיין יעדער קער, זיין יעדער ריר, זיין יעדער טאָן, זיין יעדע מינע האָט געצופּט פאַרן האַרצן. עס האָט זיך פּראָסט געוואָלט וויינען מיט אים צוגלייך. מען האָט זיך פאַרליבט אין אים. זייער ווייניק אַזעלכע געשטאַלטן זיינען געשאַפן געוואָרן אויף דער יידישער בינע. דער איטאַליענער איז געווען אַזוי סימפּאַטיש, ס׳איז געווען אַזאַ רחמנות אויף אים, אַז ס׳איז איינפאַך ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקן דעם געפיל וואָס ער האָט אַרויסגערופן. ווי נאַטירלעך עס זיינען געווען זיינע פלאַמענדע טענות, זיין כעס, זיין בעטן זיך, זיין פאַרליבטקייט.

ווען שוואַרץ שפּילט אַלס ייד, זאָל ער זיך גאָר גיך אָפּגעוווינען פון די „דעקלאַמאַציעס", די „קראָכמאַל" פאַרהאַרטעוועט אים, פאַרגליווערט זיין טאַלענט. זאָל ער זיך געוווינען צו ריידן ווי אַ מענטש, וועלן מיר אין אים וואַרשיינלעך האָבן אַ מערקווירדיקן אַקטיאָר אויב מען וועט אים נאָר צולאָזן צום פּסוק, צו גוטע דראַמאַטישע ראָלן."

## „אַ ווייב אויף אָפּצאָלן"

דעם 30סטן סעפּטעמבער 1918 ווערט דורך מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „אַ ווייב אויף אָפּצאָלן", מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון מ. גאָלדבערג, מוזיק פון י. ברוידי.

די פּיעסע איז אַ סך פריער אָפט געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער.

## „סאַפאָ"

דעם 4טן אָקטאָבער 1918 ווערט אויפגעפירט יעקב גאָרדינס פּיעסע „סאַפאָ", וואָס איז געווען אַ רעפּערטואַר־פּיעסע אין יידישן טעאַטער.

## „אוריאַל אַקאָסטאַ"

דעם 7טן אָקטאָבער 1918 ווערט אויפגעפירט קאַרל גוצקאָווס טראַגעדיע „אוריאַל אַקאָסטאַ" מיטן געוועזענעם דירעקטאָר פון דייטשן טעאַטער רודאָלף קריסטיאַן אַלס „רבי עקיבא" און מאָריס שוואַרץ אַלס „אוריאַל", און דעם 12טן אָקטאָבער ווערט די זעלבע פּיעסע אויפגעפירט מיט רודאָלף קריסטיאַן אַלס „אוריאַל" און מאָריס שוואַרץ אַלס „רבי עקיבא".

**דר. י. וואָרטסמאַן שרייבט:**

„מיר יידן האָבן אַלעמאָל פרעמדע שפּראַכן געלערנט. שוין צייט, כ׳לעבן, אַז די גויים זאָלן זיך לערנען אונדזערע שפּראַכן: יידיש און העברעיש. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ גוטער אויפטו פון מאָריס שוואַרץ איינצולאַדן דעם באַרימטן דייטשן אַקטיאָר רודאָלף קריסטיאַן צו שפּילן די ראָלע פון „רבי עקיבא" אין „אוריאַל אַקאָסטאַ" אין יידיש, לעצטן מאָנטיק. די ראָלע איז אַ קליינע. זי איז אָבער גרויס געשפּילט געוואָרן. די ראָלע איז אַ קליינע, ווייל זי ווערט בלויז געשפּילט אין איין אַקט. אַן און פאַר זיך איז אָבער די ראָלע אַ וויכטיקע. אין פערטן אַקט איז „רבי עקיבא" די צענטראַלע פיגור, אַ ראָלע ניט קיין קלענערע וועלכע רודאָלף שילדקרויט פלעגט שפּילן. דריי גאַנצע אַקטן האָבן מיר געדולדיק געוואַרט אום ענדלעך צו זען רודאָלף קריסטיאַנס אויפטריט, און אונדזער וואַרטן האָט זיך געלוינט. די בערך 15־20 מינוט וואָס רודאָלף קריסטיאַן געפינט זיך אויף דער בינע, פאַרדינען, אַז מען זאָל אויף זיי וואַרטן לאַנגע שעהן. זיין ערשיינען אויף דער בינע, שוין זיין ערשטער אויפטריט, זיין אַוועקזעצן זיך, הייבט אין איין רגע אויף דאָס פובליקום אין אַ העכערע שטימונג. זיין שפּילן איז קיין טובה ניט פאַר די איבעריקע מיטשפּילער זיינע. דער קאָנטראַסט צווישן אים און די איבעריקע איז אַזוי קאָלאָסאַל, אַז דאָס מוז זיך יעדן וואַרפן אין די אויגן. אויב מאָריס שוואַרץ האָט דאָס געוווסט און עס אַרט אים ניט, קומט אים פיל קרעדיט פאַר זיין מוט. כאָטש די קריסטיאַן־פאַרשטעלונגען מוזן אים געלט ברענגען (עס קומען זייער פיל דייטשן אין טעאַטער), דאָך ווייסן מיר, אַז געלט איז ניט אַלץ פאַר אַן אַקטיאָר, אַפילו פאַר אַ דירעקטאָר־אַקטיאָר.

רודאָלף קריסטיאַן האָט געשפּילט אין יידיש, און כאָטש מאַנכע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט ווי אַ גר און אַ פאָר ווערטער זיינען נעענטער געווען צו דייטש, דאָך האָט ער אין אַלגעמיין גערעדט אַ גוטן יידיש. זיינע העברעישע ווערטער און פראַזן — און אַזעלכע זיינען דאָרט פאַראַן ניט ווייניק — האָט ער אַרויסגעבראַכט פאָרטרעפלעך צו דער צופרידנהייט פון די בעסטע העברעער. גאָר פילע יידישע אַקטיאָרן וואָלטן פיל געשוויצט ביים אַרויסברענגען אַזוי פיל העברעישע ווערטער אַזוי קלאָר און דייטלעך, און ניט יעדן וואָלט עס געלונגען. דאָס איז אָבער בלויז די אויסערלעכע זייט פון שפּילן. דאָס קאָן מען זיך אויסלערנען, אַפילו ווען מען האָט בכלל קיין טאַלענט ניט צו שפּילן. אין וואָס קריסטיאַן איז גרויס, דאָס איז אין זיין אַרט שפּילן. ער ווירקט אויף אייך איבערצייגנד פון דער ערשטער רגע ביז דער לעצטער. עס פאַרדריסט אייך נאָר וואָס זיין שפּילן דויערט אַזוי ווייניק. עס ווילט זיך מער און מער געניסן. „רבי עקיבא", געשפּילט פון רודאָלף קריסטיאַן, טראָגט אייך אַריבער אין יענער עפּאָכע ווען די אוריאַל אַקאָסטאַ־טראַגעדיע האָט זיך געקאָנט אָפּשפּילן. איר זעט פאַר אייך דעם גרייז־גרויען אַלטן רב איבערצייגט אין זיין טיפער אמונה אין יידישן גאָט און אין יידישן גלויבן, און ווען ער ערשיינט שפּעטער אויף דער בינע אָן דעם גרים און איר זעט פאַר זיך דאָס עכטע קריסטלעך־דייטשע געזיכט, גלייבט איר ניט אייערע אויגן, אַז ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק איז דער זעלבער מענטש געווען רבי עקיבא.

אין אַלגעמיין איז די גאַנצע פאָרשטעלונג אַראָפּ גאַנץ גלאַט. נאָר דעם אמת געזאָגט האָב איך מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף רודאָלף קריסטיאַן בעת ער האָט געשפּילט, און די ערשטע דריי אַקטן האָב איך מער געוואַרט אויף אים ווי געזען די איבעריקע. מיין אָפּשאַצונג פון די איבעריקע קאָן בלויז גילטן אַלס אַן אויבערפלאַכלעכע. מ. שוואַרץ אַלס „אַקאָסטאַ"





קאַרל גוצקאָוו
מחבר

מאָריס שוואַרץ
אַלס
„אוריאל אַקאָסטאַ"

איז ניט געווען איבערצייגנד גענוג, און די טיפע טראַגעדיע, וואָס ער לעבט איבער, האָט ער ניט גאָר בולט אַרויסגעבראַכט. אין אַ פאָר שטאַרקע מאָמענטן איז ער געווען זייער גוט. דאָס ערגסטע אָבער ביי אים איז דאָס פרווון אַרויסברענגען צער מיט הייבן די אויגן און די ברעמען, וואָס איז ביי אים אַן אָפטע און ענלעכע ערשיינונג אין פאַרשיידענע ראָלן. בערטאַ גערסטען אַלס „יהודית" איז גאָרניט שלעכט געווען אין די ערשטע פיר אַקטן. זייער שלעכט איז זי אָבער געווען אין פינפטן אַקט, איבערהויפּט אין דער שטאַרב־סצענע. אַזאַ סאָרט שטאַרבן וואָלט שלעכט געווען אַפילו פאַר אַ מינדערווערטיקע אַקטריסע ווי די גערסטען. באַריס ראָזענטאַל אַלס „דר. דע סילוואַ" וואָלט גאָר אַ גוטן איינדרוק געמאַכט ווען ניט זיין שטימע, וואָס קלינגט ווי פון גאָר אַ יונגען מאַן ווערנד דר. דע סילוואַ איז שוין אַן אַלטער מאַן. יחיאל גאָלדסמידט אַלס „רבי דע סאַנטאָס" האָט די חרם־סצענע זייער עפעקטפול דורכגעפירט. בן־עמי אַלס „בן־יוחאי" און מאַדאַם נאַדאָלסקי אַלס אַקאָסטאַס מוטער האָבן ניט שלעכט געשפּילט. עס האָבן אויך מיטגעווירקט די ה״ה פישקינד און נאַדאָלסקי."

**און וועגן קריסטיאַנ'ס שפּילן די טיטל־ראָל „אוריאל אַקאָסטאַ" אין זעלבן טעאַטער, שרייבט דר. י. וואָרטסמאַן:**

„מען מוז אָננעמען, אַז די אינפלוענציע איז שולדיק וואָס דאָס „אירווינג פּלייס טעאַטער" איז ניט געווען געפּאַקט לעצטן שבת מאַטינעע [נאָכמיטיק] ווען דער באַרימטער דייטשער אַקטיאָר רודאָלף קריסטיאַן איז דאָרט אויפגעטראָטן אין דער טיטל־ראָלע פון „אוריאל אַקאָסטאַ". דאָס שטיק אַליין איז ווערט צו זען און ווען ר. קריסטיאַן שפּילט, וואָלט דאָס טעאַטער באַדאַרפט זיין איבערפולט. דאָס איצטיקע מאָל האָט ער געשפּילט אין דייטש און כאָטש גאָר פילע האָבן זייער פיל ניט פאַרשטאַנען, ווייל ער באַנוצט זיך מיט אַ ווונדערבאַרן הויך ליטעראַרישן דייטש, דאָך האָט דער קאָלאָסאַלער אַפּלאָוז באַוויזן, אַז די הויפּט־מאָמענטן האָבן זיי גוט פאַרשטאַנען און זיין סאָרט שפּילן האָט געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג.

איך פּערזענלעך וואָלט אים ליבערשט ווען זען שפּילן די ראָלע פון רבי עקיבא אין וועלכער ער איז מער אַלס אויסגעצייכנט. עס איז אָבער אויך אַ גרויסער געווס אים צו זען שפּילן די ראָלע פון אַקאָסטאַ. אין דער ראָלע פון רבי עקיבא איז ער מער יידיש, ניט נאָר אַ דאַנק דעם יידיש ריידן, נאָר אויך אַ דאַנק זיין אויפפאַסונג. אַקאָסטאַ, כאָטש ניט קיין רב, איז אָבער אויך אַ ייד, און אָט דעם פּונקט ברענגט ער ניט אַרויס ווי מען וואָלט געקאָנט ערוואַרטן פון אַזאַ גרויסן קינסטלער."

## „די רויבער"

דעם 14טן אָקטאָבער 1918 ווערט אויפגעפירט שילערס „די רויבער" מיט רודאָלף קריסטיאַן אַלס „קאַרל" און מאָריס שוואַרץ אַלס „פראַניץ".

## „דאָס גייסטער הויז"



אברהם שאָמער
מחבר

**דעם 18טן אָקטאָבער 1918 איז א"ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט געוואָרן „דאָס גייסטער הויז" פון אברהם שאָמער.**

**די פּיעסע איז שטאַרק אַראָפּגעריסן געוואָרן און איז באַלד אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער בינע.**

**ל. שרייבט:**

„אחרי מות קדושים. נאָכן טויט דאַרף מען זאָגן ענטוועדער גוטעס אָדער גאָרניט. אייגנטלעך וואָלט מען זיך געוואָלט האַלטן אין די ראַמען פון דיזן ווערטל און אינגאַנצן פאַרשווייגן שאָמערס מפּיל־קינד, וואָס הייסט „דאָס גייסטער־הויז" און איז לעצטע וואָך אויפגעפירט געוואָרן אין אירווינג פּלייס טעאַטער, אָבער ווי קאָן מען דאָס דורכלאָזן אַ פּיעסע פון א. שאָמער, אַפילו ווען זי איז ניט אַרויס געראָטן?



„דאָס גייסטער־הויז" דערציילט אונדז וועגן אַ מאַן וואָס האָט אַ סך מוט און נעמט זיך אָן אין אַ שטורעמדיקע נאַכט צו פאַרברענגען אין אַ הויז אין פעלד ערגעץ אין די מאָונטענס [בערג], וואָס איז פאַררופן פאַר אַ נעסט פון גייסטער. דער ערשטער אַקט קומט פאָר אין אַ זאַל פון אַ באָארדינג־הויז [אכסניה] אין די מאָונטענס. דער צווייטער אַקט אין גייסטער־הויז און דער דריטער ווידער אין זאַל פון באַארדינג־הויז. אַלע באָרדערס זיינען פאַרליבט אין דעם סטאַר־באָרדער, דאָקטאָר אשער (שוואַרץ). ער אַליין ליבט אָבער נאָר איינע מיס קאַרש, (סיליע אַדלער). די מיס קאַרש ווערט אָבער אויך געליבט פון אַ רייכן באַנקיר, גוריאַן (בן־עמי). נו, זוכט עס גוריאַן אָפּצורוימען דאָקטער אשער פון וועג און ער צייט אים אָן צו גיין אין גייסטער־הויז. ער גיט אים אויך מיט אַ רעוואָלווער, וועלכער ווייזט זיך אַרויס שפּעטער אַלס ניט־אָנגעלאָדן. אין מיטן שלאָף זעט דר. אשער אַ שיינעם חלום ווי זיין געליבטע קומט צו אים. דאַן קומט פּלוצלינג אַריין אַ גייסט. ס'הייבט זיך אָן אַן איבעררייד און דר. אַשער הייבט אָן שיסן. דער רעוואָלווער איז דאָך אָבער ניט געלאָדן און דער גייסט גיט אַשערן אַ שטאָך מיט אַ מעסער. אויף מאָרגן איז אַשער פאַרשווונדן. שפּעטער קומען אָן דריי ציגיינער און איינער פון זיי טרעפט אויפן האַנט און דערציילט אַלע מיידלעך און ווייבער זייער לעבנס־געשיכטע, און צום סוף זאָגט ער, אַז גוריאַן האָט עס געשטאָכן אַשערן. עס ווערט אַ טומל. ער נעמט אַרונטער דעם פּאַרוק. עס איז אַשער, און אַלץ ענדיקט זיך יום טובדיק.

די וועלכע גייען אַמאָל אין ענגלישן טעאַטער, וועלן זיך דערביי דערמאָנען אָן דער ענגלישער פּיעסע „טהי גאָוסט ברעיקער". דער צווייטער אַקט איז אינגאַנצן דער זעלבער, און אין ערשטן און אין לעצטן אַקט איז די מעשה נאָר אַביסל איבערגעענדערט געוואָרן, און ווו דער אויטאָר האָט קיין כוח ניט געהאַט צו באַשרייבן, האָט דער רעזשיסער אָנגעפילט מיט אַ קאָנצערט אין באָאַרדינג־הויז, באַשטייענד פון קופּלעטן, דעקלאַמאַציע און אָפּערן־אַריעס.

מער אָדער ווייניקער באַמערקבאַרע ראָלן האָבן געהאַט שוואַרץ און סיליע אַדלער, און געשאַפן פאַר זיך אַ ראָלע דורך זיין גרים, האַלטונג און שלאָף־לידל האָט לודוויג זאַץ. מאָריס שוואַרץ האָט אין ערשטן אַקט, ביים ענדע, גאַנץ לעבעדיק געשפּילט. אין גייסטער־הויז האָט ער קיין איינדרוק ניט געמאַכט. דערפאַר אָבער האָט ער אין לעצטן אַקט גאַנץ ניטקשהדיק אימיטירט דעם ציגיינער, און דאָס איז געווען דער לעבעדיקסטער מאָמענט אין דער פּיעסע. ציליע אַדלער האָט, ווי שטענדיק, צאַרט און חנודיק דורכגעפירט איר קליינע ראָלע און האָט געטאָן אַלץ אום אַרויסצוהעלפן דעם אייטאָר. זאַץ האָט פאָרגעשטעלט אַ רייכן ריעל־עסטעיטניק, אַ פאַרשלאָפענעם נעבעכל, און אָבוואל [הגם] אין דער גאַנצער פּיעסע האָט ער דריי ווערטער צו זאָגן, איז ער געלעגן ביי אַלעמען אין זכרון און זיינע קופּלעטן וועגן שלאָף האָבן אַרויסגערופן אמתע באַגייסטערונג."

**דר. י. וואָרטסמאַן שרייבט:**

„אברהם שאָמער איז פאַרהעלטניסמעסיק אַ יונגער דראַמאַטורג. דאָך וואָלט קיינער ניט געקאָנט ערוואַרטן, אַז זיינע אַ פּיעסע זאָל האָבן אַזאַ גרויסן דורכפאַל ווי „דאָס גייסטער־הויז" האָט געהאַט. שאָמערס פּיעסן האָבן אַלע מאָל געהאַט אַן ערפאָלג. מאַנכע פון זיי — גרויס ערפאָלג. ער קען די בינע. ער פאַרשטייט ווי אַזוי צו מאָלן כאַראַקטערע, און זיינע קאָמעדיעס, כאָטש לייכטע, אָפּט פאַרס־מעסיקע, זיינען דאָך זייער אָנגענעמע און פון אַ בעסערן סאָרט.

ווי אַזוי ער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיין „גייסטער־

הויז״ קאָן געשפּילט ווערן, איז שווער צו באַגרייפן. דאָס גאַנצע איז ניט מער ווי אַן עפּיזאָד, ניט גענוג אפשר פאַר אַ צוויי־אַקטער אויף אַ וואָדעוויל־בינע, אָבער בשום אופן ניט אַלס „קאָמעדי־דראַמע״ אויף אַ לעגיטימער בינע.

**איבערגעבנדיק דעם אינהאַלט פון ערשטן אַקט, שרייבט ווייטער דר. וואַרטסמאַן:**

„דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם ערשטן אַקט, וועלכער איז דער בעסטער, דער אינהאַלט־רייכסטער אין דער גאַנצער פּיעסע, כאָטש אַ ביסעלע צעצויגן. אָבער אַפילו אָט דער אַקט „הינקט״ אויך אונטער. אַזעלכע מעשות פּאַסן זיך פאַר אַ מוווינג פּיקטשור, אָבער ניט פאַר אַ פּיעסע. דער צווייטער אַקט איז ניט מער ווי איין סצענע ....די דריי אַקטן זיינען מוראדיק צעצויגן און צוזאַמען מיט די זייער לאַנגע צווישן־אַקטן פאַרנעמט דאָס גאַנצע קוים צוויי שעה. דער מאַנגל אין האַנדלונג מאַכט דאָס אומעגלעך אַ גאַנצע פאָרשטעלונג דערמיט אויסצופילן. דער צווייטער אַקט וואָלט געקאָנט זיין אַ סצענע פון דריטן און דאָס גאַנצע וואָלט געקאָנט ווערן אַ צוויי־אַקטיקע „פּלעי״. ווי שוין אָנגעמערקט, איז דער ערשטער אַקט דער שענסטער, אָבער אויך דער ערשטער אַקט איז ניט מער ווי אַ צעצויגענע סצענע אין אַ האָטעל „אין די בערג״. די גאַנצע פּיעסע פאַרמאָגט אַ ברעקעל סוזשעט, אַ קאַפּעטשקע האַנדלונג געבויט אויף אַ צופאַל, וואָס האָט אויך ניט געקאָנט פּאַסירן.

שוין לאַנג ווי אַ פּיעסע אין יידישן טעאַטער איז ניט אַזוי שיין אויפגעפירט געוואָרן און אַזוי אויך גוט געשפּילט געוואָרן. אַלע באַטייליקטע פירן דורך זייערע ראָלן אויפן בעסטן אופן. די גאַנצע יונגע קינסטלער־געזעלשאַפט אין מאָריס שוואַרצס טעאַטער האָט דאָ אָפּגעגעבן עקזאַמען און אים אויסגעהאַלטן. מ. שוואַרץ שפּילט צוויי ראָלן: די פון דר. אשער און די פון ציגיינער־דעטעקטיוו, און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס ער בייט אַזוי קונציק זיין שטימע, אַז אַפילו זיינע נאָענטסטע פריינט דערקענען אים ניט. אַז לודוויג זאַץ איז ווידער בריליאַנט — דאַרף קוים דערמאָנט ווערן. ....די אויסשטאַטונג איז אַ שיינע און די סצענע אין „גייסטער־הויז״ מאַכט אַן איינדרוק. נאָר דער „שטורם״ האָט געמעגט זיין אַ ביסל מער שטורעמדיק און דאָס בליצן, וואָס האָט באַלויכטן די שפּאַלטן פון לאָדן, האָט ניט געדאַרפט ווייזן פון הינטן אַ געפּאַרבטע וואַנד. דאָס אַלץ זיינען אָבער קליניקייטן, וועלכע וועלן אָבער ניט מער קאָנען אויסגעבעסערט ווערן אין „גייסטער־הויז״, וועלכע ווערט מער ניט געשפּילט.״

## „קרייצער סאָנאַטאַ״

דעם 21סטן אָקטאָבער 1918 ווערט אויפגעפירט יעקב גאָרדינס דראַמע „די קרייצער סאָנאַטאַ״ מיט דער דייטשער אַקטריסע גרעטאַ מייער אַלס „עטעניו״, מאָריס שוואַרץ — „רפאל פרידלענדער״ און לודוויג זאַץ — „אפרים פידלער״.

**דר. י. וואָרטסמאַן שרייבט:**

„מאָריס שוואַרץ האָט באַדויערט וואָס ווייניק מענטשן זיינען געקומען זען שפּילן דער דייטשער אַקטריסע גרעטאַ מייער אַלס „עטעניו״ אין יעקב גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ״ לעצטן מאָנטיק און דינסטיק אָוונט. פאַר אים איז דאָס געווען אַ פינאַנסיעלער



מיסערפאָלג. איך מיין אָבער, אַז פיל, פיל מער דאַרפן דאָס באַדויערן אַלע יענע בעסערע טעאַטער־באַזוכער, וואָס זיי האָבן מיט זייער ניט קומען זיך באַרויבט פון אַן אומשאַצבאַרן גייסטיקן פאַרגניגן. אַזוי שפּילן די ראָלע פון עטעניו האָבן זיי ביז איצט ניט געזען ווען אַפילו זיי האָבן קיין איינציקע יידישע „קרייצער סאָנאַטאַ״־פאָרשטעלונג ניט פאַרפעלט. מאַנכע אַקטיאָרן און אַקטעריסעס מוזט איר זען עטלעכע מאָל איידער איר קאָנט אַרויסטראָגן אַן אורטייל וועגן זייער טאַלענט. גרעטאַ מייער אָבער ערשיינט פאַר אייך גרויס שוין ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג. גרעטאַ מייער איז אַ קריסטלעכע דייטשקע. געשפּילט האָט זי אָבער אין יידיש, און דאָס האָט אַ ביסל געשטערט. זי האָט נאָך ניט צייט געהאַט יידיש גוט גענוג צו לערנען. צייטנווייז האָט זיך דערפאַר געפילט, אַז זי איז ווי „געפּענטעט״ און קאָן ניט פריי שפּילן. אין ערשטן אַקט שטערט איר פיגור פאַר עטעניו, די יונגע שיינע מיידל. פון אָנהייב צווייטן אַקט אָבער איז זי שוין אַ מוטער פון אַ זיבן־יאָריק קינד, און איר פיגור פּאַסט זיך גאַנץ גוט. ...פיל מאָל קומט איר אויס טרערן צו פאַרגיסן. וואָלט איך אַלע יידישע טעאַטער־באַזוכער ווינטשן צו זען איר וויינען און עס פאַרגלייכן מיטן וויינען פון אונדזערע יידישע אַקטעריסעס. ווען גרעטאַ מייער וויינט, ווען איר פּנים דריקט נאָר אויס טרויער, דרינגט זי אַריין טיף, טיף אין יעדערנס נשמה. זי שלעפּט, רייסט אייך מיט. זי מאַכט די גאַנצע וועלט מיט איר מיטפילן, מיטטרויערן. איר טרויער איז אַזוי איבערציינגנד, אַז איר פאַרגעסט, אַז איר זענט אין אַ טעאַטער, אַז דאָס ווערט אויף אַ בינע געשפּילט. איר זענט זיכער, אַז איר געפינט זיך אין פרידלענדערס הויז, וווּ אַלעס קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט. אין צווייטן אַקט פירט זי דורך די צוויי הויפּט־מאָמענטן אויסגעצייכנט. איך זאָג „אויסגעצייכנט״, ווייל עס פעלט אין יידיש אַ וואָרט, וואָס זאָל מער ווי אויסגעצייכנט אויסדריקן. דאָס זיינען די צוויי מאָמענטן, ווען גרעגואַר, איר מאַן, דערלאַנגט איר אַ פּאַטש, און דער שלוס פון אַקט, ווען זי באַפעלט איר יונגערע שוועסטער צום פאָטערס פאַרם אַהיימצופאָרן. איר האַרצס־געשריי: „שלאָגן, שלאָגן גאָר!״ מאַכט אייך ציטערן און קלינגט אין אייערע אויערן אַ לאַנגע, לאַנגע צייט נאָכדעם ווי איר האָט שוין דעם טעאַטער פאַרלאָזן. אומגעהייער פיל טעמפּעראַמענט ווייזט זי אַרויס אין שלוס פון פערטן אַקט, ווען „דער סוף״ איז געקומען, ווען זי מאַכט אַ סוף פון צוויי לעבנס, ווען זי דערשיסט איר שוועסטער און איר מאַן. אָט דער מאָמענט איז זייער אַ געפערלעכער אויך פאַר אונדזערע בעסטע אַקטעריסעס. מען קאָן דאָ ווערן גוואַלדיק מעלאָדראַמאַטיש, אַרויסרופן עפעקט אויף דער גאַליאָרקע און דערביי דאָך ניט קינסטלעריש שפּילן. גרעטאַ מייער פירט דורך אָט די סצענע אומבאַשרייבלעך גוט. איר איבערגאַנג אין אַ שטילן פאַרלאָזן די כוחות, קאָן גאָר מיט ווערטער ניט איבערגעגעבן ווערן. ...אין אַלגעמיין האָט זי וווּנדערבאַרע איבערגאַנגען. אָט שמייכלט זי ביטער, אָט לאַכט זי, אָט וויינט זי, אָט דריקט איר פּנים אויס אַ טיפן טרויער, און אַלץ אַזוי נאַטירלעך, אַזוי עכט, אַזוי איבערציינגנד.

...מאָריס שוואַרץ גיט אַ זייער גוטן פרידלענדער. צו קאָנקורירן אָבער מיט ד. קעסלערן איז אַ שווערער ענין. די מאַדאַם באָריס ראָזענטאַל זע איך, דוכט זיך, צום ערשטן מאָל, זי שפּילט די ראָלע פון דער ניאַנאַ נאַטאַשאַ, און זי שפּילט זי זייער גוט. אַז ל. זאַץ איז זייער גוט געווען אַלס דער קלעזמער־פידלער דאַרף איך אייך ניט זאָגן. „בייעס״ האָט ער אָבער ניט אויפגעטאָן. פאַר

דער מאַדאַם נאַדאָלסקי איז קיין נייעס ניט גוט צו שפּילן דעם קלעזמערס פרוי. מאַדאַם אַפּעל, עני מעלצער, מר. פּאָפּער און די קליינע דזשייקאָבסאָן זיינען געווען, ווער מער, ווער ווייניקער — אָלרייט.״

## „די ערוואַכונג פון מיין פאָלק״



אָסיפּ דימאָוו
מחבר



לודוויג זאַץ
שוישפּילער

דעם 25סטן אָקטאָבער 1918 ווערט דורך מאָריס שוואַרץ און אָסיפּ דימאָוו אויפגעפירט מיטן אָנטייל פון געוועזענעם דייטשן שוישפּילער קריסטיאַן רוב „די ערוואַכונג פון מיין פאָלק״ פון אָסיפּ דימאָוו.

### דר. מ. ס. ליבערמאַן שרייבט:

„...„די ערוואַכונג פון אַ פאָלק „איז אַ צייט־דראַמע וועלכע איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס די וועלט לעבט איצט איבער. דימאָוו האָט אָבער ניט געוואָלט אויף אַזויפיל אַרויסווייזן די גאַנצע וועלט־טראַגעדיע. אַלס ייד האָט אים מערסטנס אינטערעסירט די לאַגע פון דעם יידישן פאָלק אין דער איצטיקער קריטישער צייט ....אויסער די שיינע און זינרייכע טענדענץ פאַרמאָגט אויך די פּיעסע אַ ריי מיט זעלטענע סיטואַציעס און סצעניש עפעקטן. ...דאָס קומט אָן צווייפל דערפון, וואָס דימאָוו מייסטערט זייער גוט די בינע־טעכניק און ווייסט ווי אַזוי אויפצוהאַלטן דעם אינטערעס און די געשפּאַנטקייט פון דעם עולם.״

### הלל ראָגאָף אַנאַליזירט מער די פּיעסע און דאָס שפּילן:

„אין דער „ערוואַכונג פון אַ פאָלק״ האָט אָסיפּ דימאָוו געזוכט צו אַנטוויקלען אַ געוויסן געדאַנק, געזוכט צו פּרעדיקן אַ געוויסע אידעע דורך דעם קינסטלערישן מיטל פון דער דראַמע, אָבער מיר מוזן זיך מודה זיין, אַז אונדז איז שווער צו דערקענען וואָס דיזער געדאַנק איז. נאָכן פּראָלאָג קומט אויס, אַז דער פּראָפעסער וויל באַווייזן דאָס די ליבע פון דער פרוי איז די רפואה צו דעם ברודער־קאַמף, וואָס הערשט אין דער וועלט. אין די שפּעטערע אַקטן ווערן געפּרעדיקט רעוואָלוציאָנערע אידעען, קעגן די [דער] הערשאַפט פון דעם דריי־בונד: מיליטעריזם, די קירכע און די קאַלטע וויסנשאַפט. עס פּלאָנטערט זיך אויך אונטער די פיס דער קאַמף פון די אַרבעטער קעגן קאַפּיטאַליזמוס און ביים ענדע פון דער דראַמע שפּרינגט פּלוצלינג אַריין די יידישע פראַגע און אַ מוסר־השכל קעגן דעם, אַז יידן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד. און פּונקט אַזוי ווי עס פעלט אין איר אַ צענטראַלער געדאַנק, אַן איינהייטלעכע אידעע, פעלט אין איר אויך אַ צענטראַלער דראַמאַטישער אינהאַלט. עס פעלן די אַלע עלעמענטן פון דער דראַמע, די זאַכן צו וועלכע מיר זיינען צוגעוווינט צו געפינען אין די [דער] געוויינלעכער פּיעסע, די אַנטוויקלונג, דער דראַמאַטישער קאָנפליקט, די ענדלעכע לייזונג פון דעם פּראָבלעם, און דאָך איז „די ערוואַכונג פון אַ פאָלק״ אַ ליטעראַריש ווערק און פול מיט דראַמאַטישע סצענען און מיט שפּאַנענדיקע סיטואַציאָנען.

....עס איז ניט וויכטיק אָנצוגעבן דעם אינהאַלט און עס איז אויך ניט גאַנץ לייכט דאָס צו טאָן, ווייל, ווי געזאָגט, האָט ניט די פּיעסע דעם געוויינלעכן, נאַטירלעך אַנטוויקלנדן פּלאַט [סוזשעט] מען וואָלט איר גאָר געדאַרפט רופן אַ שוישפּיל אין בילדער און סצענען. מאַנכע פון די סצענען זיינען ניט געראָטן. מאַנכע פון זיי זיינען מעלאָדראַמאַטיש און מאַנכע ווערן צוליב געוויסע געצוווּנגענע אורזאַכן פאַרבאַטשט, אָבער דערפאַר זיינען דאָ אַנדערע וועלכע זיינען פּראַכטפול שיין, ליטעראַריש אין בעסטן זינען פון וואָרט און צוליב זיי אַליין איז ווערט די פּיעסע צו זען.

...די כאַראַקטערע פון דער פּיעסעליידן שטאַרק פון דעם וואָס דימאָוו האָט געזוכט צו פאַרקערפּערן אין יעדן פון זיי אַ קלאַס אָדער אַ וועלט־אַנשויונג. דערפאַר זיינען זיי ניט לעבעדיק גענוג... איין זינד קאָן מען אָבער ניט פאַרגעבן און ניט פאַרגעסן, און דאָס איז, וואָס דימאָוו מאַכט צופיל קאָמפּראָמיסן מיט מעלאָדראַמע אום צו קריגן געוויסע עפעקטן, און די זינד איז נאָך שווערער דערפאַר, וואָס דיזע מעלאָדראַמאַטישע קונצן זיינען ניט קיין נייע.

...אויפגעפירט ווערט די פּיעסע אין אַלגעמיין זייער גוט. יעדער אַקטיאָר טוט זיין בעסטעס און באַצייט זיך צו זיין ראָלע מיטן פולן ערנסט. ...דער שווערסטער טייל פון דעם שפּילן קומט גראַדע אין סאַמע אָנפאַנג אין פּראָלאָג, טראָץ דעם וואָס אין אים באַטייליקן זיך דריי פון די בעסטע אַקטיאָרן פון דער קאָמפּאַני: שוואַרץ, בן־עמי און סילי אַדלער. ...די ראָלע פון דעם העלד אין דער פּיעסע פון סאָלדאַט אַדאַמסאָן, ווערט געשפּילט פון מאָריס שוואַרץ, און ער פירט איר דורך העכסט ערפאָלגרייך. ער איז איינגעהאַלטן אַפילו אין סיטואַציאָנען ווו דער נסיון איז גרויס צו שרייען און גוואַלדעווען. דעם גרויסן היט אָבער מאַכט דער יונגער אַקטיאָר לודוויג זאַץ אין אַ ראָלע וועלכע האָט ביי דימאָוון ניט געזאָלט פאַרנעמען צופיל פּלאַץ. זאַץ שפּילט די ראָלע אַזוי, אַז ער צווינגט דעם עולם אים צו באַטראַכטן אַלס די צענטראַלע פיגור, אַלס די וויכטיקסטע פּערזאָן. ער שטעלט פאָר אַן אַלטן דייטשן פּראָפעסאָר וועלכער דאַרף מיט זיך כאַראַקטעריזירן די קאַלטע, ציניש, האַרצלאָזע וויסנשאַפט, און דאָס איז ער אין זיין יעדן קער, אין יעדן קנייטש פון זיין פּנים, אין זיין גאַנג און אַלעס וואָס ער טוט און וואָס ער זאָגט. דיזע ראָלע וועט פאַרבלייבן איינע פון זאַצס טריומפן. סיליע אַדלער גרייכט אַ הויכן פּונקט פון קונסט אין דער סצענע וווּ זי שפּילט די ראָלע פון אַ קליינע מיידעלע. אין דיזער סצענע איז זי וווּנדערבאָר. אין די איבריקע סצענען פון דער פּיעסע שפּילט זי אַ געוויינלעכע ראָלע אין וועלכער זי האָט די געלעגנהייט צו זיין אַנדערש ווי אימער. נאַטירלעך, אַלעס וואָס זי שפּילט, איז גוט, גלאַט און אויסגעצייכנט שפּילט אויס זיין קליינע ראָלע דער דייטשער אַקטיאָר קריסטיאַן רוב. עס מאַכט אויך אַ פיל טיפערן איינדרוק ווי די ראָלע האָט געדאַרפט מאַכן אין דער פּיעסע. גאָלדשמידט אין דער ראָלע פון פּאַסטאָר איז אויפריכטיק און קינסטלעריש. בן־עמי האָט ווייניק וואָס צו טאָן. מאַדאַם אַפּעל אין דער ראָלע פון דער מוטער איז צו שרייענד, צו טעאַטראַליש. דאָסזעלבע איז אויך מיט [באָריס] ראָזענטאַל אין דער ראָל פון דעם קאַפּיטאַליסט.״

### י. ענטין שרייבט וועגן דער פּיעסע:

„פאַרן ערנסטן לעזער מיט אַ ביסל געשמאַק, וואָס וויל הנאה האָבן פון אָסיפּ דימאָווס נייע פּיעסע „די ערוואַכונג פון מיין פאָלק“, האָב איך די פאָלגנדיקע עצה: ער זאָל אויסמאַרקירן צו קומען אין טעאַטער אַרום אַ פערטל צו ניין און אַוועקגיין פון טעאַטער אַרום האַלב נאָך צען. ער וועט אויף אַזאַ אופן ניט זען ניט דעם פּראָלאָג און ניט דעם דריטן אַקט און וועט קאָנען זאָגן צו זיך אַליין דאָס מיט דער אויסנאַמע פון מערער שרייענדיקע בילִיקייטן, האָט ער געזען אַ רייע לעבעדיקע סצענעס און געהערט גוטע איראָניש־קלוגע וויצן. דאָס וואָס דער צושויער וועט פאַרשפּעטיקן דעם פּראָלאָג, וועט זיין כולו ריוח. ניט נאָר איז ער העכסטוואַרשיינלעך צוגעטשעפּעט געוואָרן איבער דער „פּראָקליאַטער“ [פאַרשאָלטענער] אַמעריקאַנער מאָדע, אַז אַ פּיעסע מוז האָבן פיר אַקטן, נאָר ער איז טאַקע אויך גאַנץ טאַלענטלאָז, נודנע און געשמאַקלאָז. וואָס איז שייך דעם דריטן אַקט, איז דאָס גוטע אין אים שוין קיין נייעס ניט אין דער פּיעסע, און דאָס „נייע“ איז די „געוויסע“ לייזונג ווו עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ערמאָרדעטער ברודער איז גאָרניט ערמאָרדעט געוואָרן און די צוויי ברידער טרעפן זיך געזונט און פריש, און די כלה, וואָס האָט געוואָלט פאַרקויפן זיך דעם קאַפּיטאַליסט (אַ קלאָג צו אים!), בלייבט גאָר אומשולדיק און זי זוכט אָפּ דעם חתן.

... עס איז אַן אַלט־נייע פּיעסע און זי האָט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע.“

**[ענטין גיט איבער, אַז דימאָווס ערשטע מלחמה־פּיעסע איז געווען די פּיעסע „מלחמה“, געשפּילט אין „נעשאָנאַל“־טעאַטער. די פּיעסע האָט פאָרגעשטעלט אַ מעשה מיט צוויי יידישע סאָלדאַטן, אַן עסטרייכישן און אַ פּוילישן, וועלכער איינער דערשיסט דעם אַנדערן. די פּיעסע איז דורכגעפאַלן און דימאָוו האָט אָנגעשריבן אַ צווייטע פּיעסע „די טראַגעדיע פון מיין פאָלק“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין 1914 און ווערט איצט, אונטער די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען אין יידישן לעבן, געשפּילט אונטערן נאָמען „די ערוואַכונג פון מיין פאָלק“]**

**און וועגן שפּילן פון אָט דער פּיעסע שרייבט י. ענטין:**

„... איך האָב שוין לאַנג ניט געזען ביי אונדז אַ פּיעסע, וואָס זאָל געשפּילט ווערן אַזוי גלאַט און ווו אַקטיאָרן זאָלן זיין גאָרניט שלעכט. דימאָווס, דעם רעזשיסערס האַנט, פילט זיך גאַנץ דייטלעך. זאַץ איז דער פּראָפעסאָר און עס איז איינס פון די פיינסטע פיגורן, וואָס ער האָט באַשאַפן. ער איז דאָ דער אמתער, דער אײדעלער זאַץ. זיין הומאָר איז קלוג, האַרציק, אָן אַ שאָטן פון וווּלגאַריטעט און איבערטרייבונג. ציליע אַדלער איז חנוודיק דורכאויס און ערטערווייז טאַקע גוט, אָבער אין דער סעצנקע, ווו זי שטעלט פאָר אַ קליין מיידעלע, איז זי באַלד אַזוי גוט ווי אין „וואַנדערער“ און „דער געדונגענער חתן“. אַזוי, אַז מען ווערט אַזש אין כעס פאַרוואָס שפּילט זי ניט אימער אין אַזעלכע ראָלן. שוואַרץ מאַכט אַ גאַנץ היבשן איינדרוק אין דער הויפּטראָלע. אַדמאַסאָנס ערשטע האַליצונאַציע ברענגט ער אַרויס זייער, זייער שטאַרק, הגם מיט אַ צו גרויסע פּאַוזע. ערטערווייז בלויז ווערט שוואַרץ אַ ביסל צו שרייעוודיק. מיסטער ראָזענטאַל איז דער קאַפּיטאַן און אַרום און אַרום ווערט ער מיט זיין ניט־גרינגע ראָל גאָרניט שלעכט פאַרטיק. מאָד. אַפּעל איז אַ גאַנץ שיינע, אַ גאַנץ ווילע יידישע מאַמע. דעם זונס בריוו פון אַמעריקע לייענט זי גוט און בכלל מאָדולירט זי אויסגעצייכנט איר שטימע און מאַכט איבעראַל



צילע אַדלער אַלס דאָס קליינע מיידעלע

אַ גאַנץ נעטן איינדרוק, אָבער אין גייסט (אין דריטן אַקט) איז זי שוין צו פּשוט־וואָכעדיק. בן־עמי איז ניט שלעכט אַלס עטוואָס פּלומפּער, פּראָסט חי וקימדיקער יידיש־אַמעריקאַנישער סאָלדאַט. גאָלדסמידט שאַפט אַ גאַנץ שיינע אילוזיע פון אַ דייטשן פּאַסטאָר און בכלל איז ער דאָ מיט פיל קעפּ העכער איידער אַלס דער „פּאַסטאָר“ אין „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע“ ... מר. פישקינד איז געווען אַ נישטקשהדיקער קאָמאַנדיר. זיין „פּאַא־טט־ער־לאַנד“ איז גאָרניט שלעכט. די ראָלע פון פעלדשער האָט געשפּילט דער דייטשער אַקטיאָר מר. רוב. איך האָב אים מער ווי איינמאָל געזען און באַוווּנדערט אין דייטשע שטיק אויף דער דייטשער שפּראַך אין דייטשן טעאַטער, ווו ער איז טאַקע געווען אַ פּרעכטיקער קאָמיקער. אויף יידיש אָבער איז ער אַ מאַטערניש און אַ פּוסטע רעקלאַמע. ערשטנס, רבותי, קאָן מען זיך קיין שפּראַך ניט אויסלערנען אַזוי מיר־נישט, דיר־ניט, אַפילו אַ ייד גוייש ניט, אַ פּשיטא שוין אַ גוי יידיש. והשנית, האָט איר אַ טעות ווען איר מיינט, אַז אַ שפּראַך באַשטייט בלויז אין ווערטער. די מימיק, דער קוועטש, דער מאַך מיטן האַנט, האָבן אַ סך מאָל מער צו זאָגן איידער דאָס בלויזע וואָרט, און אַ סך גוטע דימאָווו־שע וויצן זיינען ביים גלענצנדן הער רוב אומברחמנותדיק דערהרגעט געוואָרן אָט דורך דעם איינעם יידישן מאַך מיטן האַנט, וואָס האָט אים געפעלט. דער פאָרהאַנג גייט אויף אונטער אַן אוּווערטורע, וואַר־

שיינלעך מר. ברוידעס. זי קלינגט ניט שלעכט, נאָר ערטערווייז הערט זיך, דאַכט זיך, שוין צופיל פויק.״

### ד. כ. [ש. יאַנאָווסקי] שרייבט:

„וועגן דימאָווס נייעסטע פיעסע איז דאָ פיל גוטעס צו זאָגן, באַזונדערס ווען מען פאַרגלייכט זי מיט די פיעסן וועלכע ס׳איז אונדז אויסגעקומען צו זען אין אונדזער טעאַטער פאַר די לעצטע פאַר מאָנאַטן. עס ווייעט מיט עפּעס פרישעס פון דימאָווס „די ערוואַכונג פון אַ פאָלק״. אַ לעבעדיקער פרישער הומאָר, אַ געוויסע באַציונג צו דער ברענענדער פראַגע פון אונדזער צייט — און אַזאַ באַציונג, וואָס איז ניט גלאַט אַ ווידערהאָלונג פון די אַלגעמיינע פראַזן, וואָס מען הערט אויף שריט און טריט — שטילע, זעלטן־שיינע סצענען און טאַקע אויך אַ גאַנץ נייע, אַן אמת סענסאַציאָנעלע פאָרם פון דער פיעסע, וועלכע האַלט דעם עולם געשפּאַנט.

אין דער טאַט, וואָלט די דראַמע ניט געליטן פון איניקע היבשע פעלערן, ווי למשל פון דעם וואָס פון דער דראַמע איז ניט זייער קלאָר ווו די גאַנצע פּאַסירונג קומט פאָר, ווי אויך פון דעם וואָס די מענטשן אין דער דראַמע זיינען סתם מענטשן, כאָטש יעדער איינער שטעלט מיט זיך פאָר אַ געוויסן אַלגעמיינעם טיפּ, וואָלט די דאָזיקע דראַמע געווען איינע פון די סאַמע בעסטע פון דימאָווס און אויך פון די סאַמע בעסטע, וואָס דער יידישער טעאַטער פאַרמאָגט. אָבער אַפילו מיט די פעלערן איז זי זיכער אַ זייער גוטע און אַ זייער זעענסווערטע פיעסע, ווייל זי קאָן ניט פאַרפעלן אַרויסצורופן פיל וויכטיקע געדאַנקען און גאַנץ שטאַרקע געפילן ביים צושויער. יאָ, נאָך איין חסרון האָט די דראַמע, און דאָס איז איר ניט־פּאַסנדער נאָמען. דער נאָמען „די ערוואַכונג פון פאָלק״ קאָן פירן איינעם צום געדאַנק אַז ער וועט זען אין אָט דער דראַמע די גרויסע פּאַסירונג ווי אַ פאָלק ערוואַכט, ווי ער באַפרייט זיך פון זיין קאָשמאַר און פאָדערט דין וחשבון פון זיינע פאַרפירער און שליידערט פון זיך אַרונטער זיינע קייטן א.א.וו. אָבער פון דעם אַלעם איז קיין שפּור ניטאָ אין דער פיעסע. אין דער אמתן איז די גאַנצע דראַמע אַ מאָדערנע פּאַראַפראַזע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביבלישער מעשה פון קין און הבל, און מיר ווייסן ניט וואָרעם די דראַמע הייסט טאַקע ניט מיט דעם נאָמען „קין און הבל״, וועלכער וואָלט ווירקלעך אויסגעדריקט דעם ריכטיקן אינהאַלט פון דער פיעסע.״

**[דער שרייבער גיט איבער אויספירלעך דעם אינהאַלט פון דער פיעסע, און גייט איבער צום שפּילן פון די אַקטיאָרן]:**

„... אמת רייצנד איז די סצענע אין וועלכער עס ווערט געשילדערט די יוגנטלעכע יאָרן פון דעם העלד אין דער דראַמע (געשפּילט פון מ. שוואַרץ) און זיין יוגנט־געליבטע, די קליינע מיידעלע (געשפּילט פון ציליע אַדלער) ... לײדער, לײדער אָבער מאַכט דער לעצטער אַקט אַ היבש ביסל קאַליע די גאַנצע דראַמע. מער נאָך, דער לעצטער אַקט פאַרוואַנדלט די גאַנצע גוטע דראַמע אין אַ מעלאָדראַמע ... די דראַמע, כאָטש ניט זייער גוט איינשטודירט, איז אין דעם אָוונט ווען מיר זיינען געווען, געשפּילט געוואָרן זייער גוט פון אַלע אַקטיאָרן. אויסגעצייכנט האָבן זיך אין זייער ראָלע זאַק, וואָס שפּילט דעם האָספּיטאַל־דאָקטאָר, זיין אַסיסטענט וואָס איז אַ פּראָפעסאָר, פּאָעט און פילאָזאָף, געשפּילט פון אַ דייטשן אַקטיאָר, אָבער אין אַ צימלעך גוטן יידיש, און ציליע אַדלער אַלס די קליינע מיידעלע און דאַן אַלס די כלה פון דעם העלד. אָבער אויך גאַנץ גוט איז געווען דאָס שפּילן פון מ. שוואַרץ אַלס קין, אַלס דער עלטערער



פון די צוויי ברידער, פון בן־עמי אַלס הבל, אַלס דער ברודער פון אַמעריקע, מאַדאַם אַפּעל אַלס די מוטער פון דיביידע ברידער, גאָלדסמידט אַלס דער פּריסטער און ראָזענטאַל אַלס דער קאַפּיטאַליסט.

יאָ, דימאָווס דראַמע איז ווירקלעך די בעסטע, וואָס מיר האָבן געזען אין דעם סעזאָן אין יידישן טעאַטער, ניט אַכטנדיק אויף אַלע אירע פעלערן און אויף די גאַנץ שלעכטע רעדע, וועלכע דימאָוו האַלט פאַר נייטיק — מיר ווייסן ניט פאַרוואָס — צו האַלטן צווישן די אַקטן.״

### ב. גאָרין שרייבט:

„אין דימאָווס נייעסטע פיעסע זיינען נאָר די טרימינגס [באַפוצונגען] ניי. דער עצם פון דער פיעסע איז שוין פון אים באַהאַנדלט געוואָרן אַ פּאָר מאָל. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס געווען אין דער פיעסע „מלחמה״, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין די סאַמע ערשטע טעג פון דעם קריג און ווו דאָס דראַמאַטישע איז באַשטאַנען אין דעם געצוווּנגענעם קאַמף פון אַ ברודער קעגן אַ ברודער. דאָס צווייטע מאָל איז דאָס געווען אין אַן איינאַקטער, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן פאַר גויים און מער צוגעפּאַסט פאַרן גוישן פּובליקום. אין דעם נייעם גלגול זיינען די טרימינגס די מפּלה פון דייטשלאַנד, אָנקל סעמס מקריב זיין זיך פאַר דער דעמאָקראַטיע פון דער וועסט און די הבטחה פון אַ היים פאַרן יידישן פאָלק.

דער סוזשעט איז ניט אַזאַ, וואָס זאָל זיך לאָזן ציען ווי אַ גומע און מען זאָל אים קאָנען צופּאַסן צו וואָס מען וויל, און די פאַרשיידענע גלגולים האָבן געבראַכט דערצו, אַז „די ערוואַכונג פון אַ פאָלק״ זאָל זיין עפּעס אַזוינס, וואָס שווימט אַרום אין דער לופטן, איינגעוויקלט אין אַ נעפּל, אָן אַ רעאַלן באָדן.

... די שטיק האָט אָבער איין גרויסע מעלה. זי איז ניט גלייך צו די אַלע שטיקער, וואָס מען זעט וואָך איין וואָך אויס אין טעאַטער, און דאָס דאַרף אַפּעלירן צום טעאַטער־באַזוכער ... „די ערוואַכונג פון אַ פאָלק״ האָט ניט קיין שום ענלעכקייט צו יענע שטיקער און דער צושויער זעט עפּעס אַזוינס, וואָס ער איז ניט געווינט צו זען. ווי שוין געזאָגט, האָט די שטיק ניט קיין רעאַלן באָדן. די האַנדלונג, די מענטשן, דער דיאַלאָג האָט ניט קיין שייכות מיטן רעאַלן לעבן, נאָר אין צווייטן אַקט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ קליינע רעאַליסטישע סצענקעלע, וועלכע איז באַגאָסן מיט אַ זעלטענעם חן און איז העכסט קינסטלעריש. דאָס איז די סצענקע ווי דער קליינער יינגל און די יונגע מיידעלע שפּילן זיך אין שבת, און ווען איר זעט די דאָזיקע קליינע סצענקעלע, פאַרדריסט אייך שטאַרק פאַרוואָס דער פאַרפאַסער האָט זיין גאַנצע דראַמע ניט געמאַכט אויף איר שניט. עס פאַרדריסט אייך פאַרוואָס ער האָט ניט גענומען זיך צו אַ שילדערונג פון אמתן לעבן און געיאָגט זיך נאָך אַ נעפּל.

שוואַרץ האָט דאָ אַ גרויסע ראָלע. ער שפּילט דעם עלטערן ברודער און פירט דורך זיין ראָל גאַנץ גוט און דווקא רעאַליסטיש. ציליע אַדלער האָט דאָ צו שפּילן און צו שפּילן. זי שפּילט די קליינע מיידעלע און זי שפּילט די כלה און זי שפּילט די יונגע ווייב, און צייכנט זיך אויס אומעטום. זי איז געווען אַמבעסטן אַלס קליינע מיידעלע און אַלס כלה און שוואַך איז זי געווען ווען זי ערשיינט אין איר התונה־קלייד. מרס. אַפּעל איז געווען זייער גוט אין דער ראָל פון דער מוטער. זאַק האָט געהאַט אַ ראָל פון אַ פּראָפעסאָר־כירורג און האָט שטאַרק אַמוזירט דעם עולם. דער דייטשער אַקטיאָר רוב האָט געשפּילט די ראָל פון אַ סאַניטאַר און האָט געהאָלפן אַמוזירן

דעם עולם. גערעדט האָט ער יידיש און אין טעאַטער האָבן פילע פון די צושויער גוט געוווּסט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט גערעדט אויך אונדזער מאַמע־לשון. בן־עמי האָט געשפּילט דעם ייִנגערן ברודער און איז געווען גאָר אַ ווילער יונג. גאָלדסמיט האָט געשפּילט די ראָל פון פּאַסטאָר און ראָזענטאַל האָט געשפּילט דעם פאַבריקאַנט, פישקינד איז געווען דער דייטשער אָבערסט און די קליינע מיס דזשייקאָבסאָן האָט געשפּילט די ראָל פון דעם קליינעם ייִנגל. בכלל איז די פּיעסע דורכגעפירט געוואָרן זייער גלאַט.״

**דר. י. וואָרטסמאַן שרייבט:**

„מלחמה־פּיעסן דאַרפן ניט אין דער צייט פון מלחמה געשריבן ווערן. נאַטירלעך ריידן מיר ניט פון די פּראָפעסיאָנעלע פּיעסן־פאַבריקאַנטן, וועלכע קאָנען זיך קיינמאָל ניט אויפהייבן העכער פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און וואָס נוצן אויס יעדע געלעגנהייט אום אַ ביסל געלט צו מאַכן. .... די בעסערע דראַמאַטורגן אָבער טאָרן ניט, אויב זיי ווילן זייער נאָמען אַלס קינסטלער ניט פאַרשוועכן, שרייבן מלחמה־פּיעסן אין מלחמה־צייט. עס איז שווער און אפשר טאַקע אומעגלעך פאַר איינעם זיך אָפּצורוקן אָן אַ זייט אָדער זיך אויפהייבן אין דער הויך און אַלעס רו:ק באַטראַכטן. יעדערער פון אונדז איז מיט טויזנטער פעדים פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט די מלחמה־פּאַסירונגען און מיר זיינען בשום אופן ניט פעיק די געשעענישן ריכטיק אָפּצושאַצן און אָביעקטיוו זיי צו באַטראַכטן.

.... די מלחמה־פּיעסע „די ערוואַכונג פון אַ פאָלק״, וועלכע ווערט איצט געשפּילט און אירווינג פּלייס טעאַטער, איז אַ פּאָפּולערער ערפאָלג, און פון דעם, און נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט, קאָנען שוואַרץ, דער טעאַטער־דירעקטאָר און אָסיפ דימאָוו צופרידן ויין. קיין שום ליטעראַרישן ווערט האָט אָבער די פּיעסע ניט, כאָטש אָסיפ דימאָוו האָט די ליטעראַרישע לויזיקייט פון דיזער שטיק געפּרוווט פאַרדעקן מיט אַ מאַנטל פון סימבאָליזם. פאַר־וואָס דיזע פּיעסע הייסט „די ערוואַכונג פון אַ פאָלק״ איז פאַר מיר, ווייניקסטנס, אַ גרויסער סוד.

די פּיעסע הייבט זיך אָן מיט אַ פּראָלאָג אין וועלכן ס׳ווערט פאַרגעשטעלט אַ ביבלישע סצענע ווי אַזוי קין האָט הבלן דער־הרגעט. ווען אָט דער פּראָלאָג וואָלט ווייניקסטנס גילטן אַלס סימבאָל, אַז אין אַ מלחמה הרגעט איין מענטש דעם צווייטן — און מענטשן בכלל זיינען דאָך ברידער — וואָלט עס נאָך אַ שטיקל זין געהאַט. ... סימבאָלישע פּיעסן האָבן די „מעלה״, וואָס מען דאַרף קיינע פּערזאָנען ניט שילדערן. ווען מר. עקס שטעלט פאָר דעם אמת אָדער דעם ליגן, דאַן קאָן דער דאָזיקער מר. עקס גיין אויף שטאָלצן, האָבן אַ האָרב, טראָגן אַ כינעזישן פּאַרוק און בכלל קיין שום לעבעדיקן וועזן ניט פאָרשטעלן. מיט אָט דער „מעלה״ באַנוצט זיך אָסיפּ דימאָוו אין דער פולסטער מאָס. אַ רעאַליסטישע פּיעסע דאַרף האָבן האַנדלונג, וואָס אַנטוויקלט זיך, גיט מען דער פּיעסע אַ סימבאָלישן שלייער, און מען פאַרשפּאָרט זיך פיל „טראָבל״. די גאַנצע פּיעסע איז רייך מיט סצענעס, וואָס זיינען ניט מער ווי ריידנדיקע מווינג פּיקטשורס, צייטונגס־נאָטיצן אַרויסגעבראַכט אויף דער בינע. און אַלעס איז אַזוי אַראַנזשירט, אַז מען זאָל האָבן אַזויפיל צו זען, אַז עס זאָל קיין צייט ניט בלייבן צו דענקען. די פּאַסירונגען גאַלאָפּירן איינס נאָך די אַנדערע, אַן אמתער קאַלעדייסקאָפּ פון בילדלעך און פאַרבן. אַלעס איז אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דאָס אויג פון קינד זאָל זיך אָנזעטיקן.

צו שפּילן אַזאַ סאָרט פּיעסע איז ניט קיין לייכטער ענין. דאָרט ווו עס איז ניטאָ קיין שטופנווייזע אַנטוויקלונג אין דער האַנדלונג, געפינט זיך דער שוישפּילער אין אַ געפּענטעטער לאַגע. ער קאָן דאָ גאָרניט אַרויסברענגען. מען האָט אָבער געזען, אַז אַלע האָבן זיי זיך געגעבן די גרעסטע מי צו זיין דאָס וואָס דער מחבר האָט פון זיי פאַרלאַנגט, און ווען ניט אַלע האָבן געקאָנט זיין לעבעדיקע פּערזאָנען, איז דאָס ניט זייער שולד. דער פּראָלאָג ווערט פון שוואַרצן און פון בן־עמין זייער שיין דורכגעפירט. סילי אַדלער האָט עטלעכע ראָלן. די סצענע אַלס קליינטשיק מיידעלע פירט זי דורך מייסטערהאַפט. איך האָב זי נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי גלענצנד שפּילן ווי אין יענער סצענקע. זי וואָלט בלויז געדאַרפט האָבן אַ בעסערע קראַפט צו שפּילן דעם באָיטשיקל ווי די קליינע דזשייקאָבסאָן. לודוויג זאַץ שפּילט אַלס דער דייטשער פּראָפעסאָר וועמען אַלעס איז „שנופּע״. זיין גרים ציט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אויב ער האָט דאָס געוואָלט דערגרייכן, איז עס אים פולשטענדיק געלונגען. איך מיין אָבער, אַז אַזאַ קינסטלער ווי ער איז, דאַרף גאָרניט אַרויפציען אַ פּאַרוק, וואָס מאַכט אים אויסזען ווי אַ כינעזער. שפּילן שפּילט ער ברי־ליאַנט. אויסגעצייכנט איז אויך דער דייטשער אַקטיאָר רוב, וועלכער שפּילט אַלס דעם פּראָפעסאָרס אַסיסטענט. ער איז אַ דאָקטאָר „פון דער פילאָזאָפיע״ און אַ „פּאָעט אַ זשעני״. ער איז פאַקטיש דער איינציקער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמת־דייטשן טיפּ. זיין מיליטערישע האַלטונג איז ווונדערבאַר. זיין שמייכלען „צו אַרדער״ קאָן גאָר בעסער ניט זיין. זיינע פלאַכע דייטשע וויצן ווערן אַרויסגעבראַכט אויסגעצייכנט. בכלל איז אַ גענוס צו זען דאָס פּאָרל זאַץ־רוב שפּילן צוזאַמען. שוואַרץ האָט די שווערסטע אויפגאַבע. ער מוז שפּילן איינע פון יענע סימבאָלישע ראָלן אין וועלכע מ׳קאָן גאָרניט אַרויסברענגען, און ער ספּראַוועט זיך ניט שלעכט. י. גאָלדסמידט איז אויסגעצייכנט אַלס דער גלח. זיין גרים, האַלטונג און אויך דאָס דורכפירן די גלחישע אויפגאַבן מאַכט אייך גלייבן, אַז איר האָט פאַר זיך אַן עכטן גלח. מאַדאַם אַפּעל שפּילט שאַבלאָניש. קיין שום איינדרוק מאַכט ניט ראָזענטאַל אַלס דער הער קראַפט, כאָטש ער האָט די נייטיקע פיגור. מר. פישקינד שטעלט פאָר אַ דייטשן מיליטערישן קאָמאַנדיר, און ערגער אַרויסברענגען אָט די ראָלע קאָן מען זיך קוים פאָרשטעלן.״

**צילי אַדלער גיט איבער:**

„נאָך דער פּיעסע [„דער מאַן און זיין שאָטן״ פון ז. ליבין] זיינען געקומען עטלעכע פאַרזוכן גאָרניט קיין דערפאָלגרייכע. דער טעאַטער האָט אַפילו געזוכט צו ברענגען דעם עולם מיט שאָמערס פּיעסע „דאָס גייסטער־הויז״. דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפן. אַ היבשער קינסטלערישער דערפאָלג איז געווען די־מאָווס פּיעסע „די דערוואַכונג פון אַ פאָלק״. קיין פולע קעשענעס מיט געלט האָט דאָס טעאַטער אויך פון דער פּיעסע ניט געהאַט. דער קינסטלערישער דערפאָלג, אָבער, האָט פילווייניק פאַרגיטיקט און געגעבן מוט דעם טעאַטער ווייטער אָנצוגיין״.

## „סאַפאָ״

דעם 28סטן אָקטאָבער 1918 ווערט אויפגעפירט יעקב גאָרדינס דראַמע „סאַפאָ״ מיטן דייטשן שוישפּילער האַנס אונטערקישער אַלס „אַפּאָלאָן״ און בערטאַ גערסטען אַלס „סאַפאָ״.

## „די גייסטער"

דעם 30סטן אקטאבער 1918 ווערט דורך מאָריס שווארץ אויפגעפירט די דראמע „די גייסטער" פון הענריק איבסען.



מאָריס שווארץ אלס „אסוואלד".



העניריק איבסען
מחבר

## „שמע ישראל"

דעם 12טן נאוועמבער 1918, צום אויפטריט פון אק־טיאָר דוד־לייב זיידענבערג אין דער ראָל „אהרן שיפער" און א גרופע ליבהאָבער און שוישפילער ווערט אויפגע־פירט אסיף דימאָווס דראמע „שמע ישראל" לטובת דער סאָציאַליסטישער מוזיק ביורא.

## „א פארוואָרפן ווינקל"

דעם 16טן נאוועמבער 1918 ווערט דורך מאָריס שווארץ [יעקב בן־עמי פרעטענדירט, אז אין זיין רעזשי] אויפ־געפירט „א פארוואָרפן ווינקל" פון פרץ הירשביין.

**צילע אדלער גיט איבער, אז צו דער אויפפירונג פון פרץ הירשביינס קאָמעדיע „אין פארוואָרפן ווינקל" איז געקומען נאָכדעם ווי בן־עמי האָט זיך געעצהט מיט יחיאל גאָלד־שמידט, וועלכער האָט פריער שוין געהאַט געשפילט אין „פראגרעסיוו דראמאטיק קלאב" הירשביינס „פארוואָרפן ווינקל", אז ער זאָל זי שטעלן אין טעאטער. שווארץ איז לכתחילה געווען קעגן, ווייל זי איז שוין געשפילט געוואָרן פריער דורך אמאטאָרן. בן־עמי איז געווען פארעקשנט און ווידער גערעדט מיט אוועקגיין פון טעאטער. ענדלעך האָט שווארץ באשטימט די דאטע אויף מיטוואָך דעם 16טן אָק־טאָבער און ווידער אונטערגעשטראָכן, אז ער וועט אין דער פיעסע ניט שפילן און זיך ניט מישן, און צילע גיט איבער:**

„ווייסן שוין איצט אלע, אז „א פארוואָרפן ווינקל" און „דעם שמידס טעאטער" פון הירשביין זיינען באמת געווען דער כוח, וואָס האָט געפירט שווארצן צו זיין לאנגיאריקער קאריערע אין מאָריס שווארצס יידישן קונסט־טעאטער ... מיר האָבן אנגעהויבן מאכן פראָבע אונטער בן־עמיס רעזשי. ביי א סך געלעגנהייטן האָט סיי בן־עמי, סיי גאָלדשמידט פרובירט שווארצן איינריידן, אז די ראָלע פון מילנער אין דער פיעסע איז פאר אים ווי אנגעמאָסטן. שווארץ האָט זיך אָפגעזאָגט און בן־עמי האָט די ראָל געגעבן [צו] באָריס ראָזענטאל. אונדזערע פראָבן זיינען אין טעאטער באהאנדלט געוואָרן ווי א שטיף־קינד. מיר האָבן זיי געדארפט אריינכאַפּן צווישן אנדערע פראָבן. [שווארץ זעט אמאָל א פראָבע און לאכט אויס דעם שלוס־אקט] ... ווען איך טראַכט איצט פון יענער צייט און פון שווארצס באציונג צו הירשביינס „פארוואָרפן ווינקל", פיל איך, אז ביי שווארצן איז דאָס ניט געווען קיין בייזוויליקער חוזק.

שווארץ איז געווען אין א מאָדנער לאגע. זיין שותף מאקס ר. ווילנער איז געווען א שטרענגער געשעפטסמאן, און סענטימענטן פאר די שוישפילערישע אמביציעס, וואָס האָבן געברויזט אין שווארצס גאנצן וועזן. האָט שווארץ, דערפאר, געמוזט זיין ציטערדיק און אָפּגעהיט מיט יעדן שריט, וואָס ער האָט געמאכט, ניט קענענ־דיק הירשביינס פיעסע, דערצו וויסנדיק, אז אמאטאָרן האָבן עס געשפילט, האָט ער מורא געהאַט פאר דער ריזיקע, איינצושטעלן אן אויפפירונג, וואָס קאָן זיך ארויסווייזן פאר א דורכפאל. ער האָט ניט געקאָנט זיך דערלויבן אוועקגעטראָגן צו ווערן מיט דער באַ־גייסטערונג פון בן־עמי און גאָלדשמידט. מוז דאָ צו זיין קרעדיט צו־געגעבן ווערן, אז ווען ער האָט זיך באקענט מיט דער פיעסע, האָט ער יאָ דערפילט, אז עס לוינט זיך צו מאכן דעם פארזוך, אָבער זיין אחריות האָט אים געמאטערט מיט צווייפל. ... אין הירשביינס „פאר־וואָרפן ווינקל" זיינען קיין וויצן ניטאָ. קיינער האָט ניט געקאָנט פאָרויסזען, אז אין הירשביינס דיאלאָג — די פאָלקסטימלעכקייט, די פשוטקייט פון די מענטשן — אז אין דעם ליגט א סך הומאָר. גלייך ווי דער פאָרהאנג גייט אויף אין ערשטן אקט און דער זיידע טאָדרעס רעדט צו דער ציג, לאכט שוין דער עולם. ביים לייענען האָט מען דאָס בשום אופן ניט געקאָנט פאָרויסזען. ... עס איז געווען שווער פאָרויסצוזאָגן, אז אזא סצענע אין „פארוואָרפן ווינקל", דער שלוס פון ערשטן אקט, אז דוקא דער שטילער שלוס־אקט זאָל ביים עולם ארויסרופן א גרויסע באגייסטערונג. האָבן טאקע אין שווארצן גע־קעמפט די צוויי געפילן. זיין מורא פאר א דורכפאל און זיין ווילן צו זיין א באטייליקטער אויב ס'וועט זיין א דערפאָלג. איז עס ביי אונדז געווען זייער אנגעלייגט ווען א פאר טעג שפעטער, נאָכדעם ווי ער האָט געזען עטלעכע פראָבן, האָט ער בן־עמין געלאָזט וויסן, אז ער וועט שפילן די ראָלע פון חיים־הערש דער מילנער. ער וועט זיך אָבער ניט מישן אין דער רעזשי. ... ביים „פארוואָרפן ווינקל" האָט בן־עמי גאָרניט געקאָנט פועלן ןועגן עפּעס אן אויסשטאטונג פאר דער פיעסע. אין דער פיעסע זיינען דאָ דריי פאָרשיידענע דעקאָראציעס ... ווילנער האָט פון זיין סעקאָנד עוועניו טעאטער געבראכט עטלעכע אלטע דעקאָראציעס און מיט דעם האָט בן־עמי געדארפט אויפפירן „דאָס פארוואָרפן ווינקל" ... האָט בן־עמי מיט הארצווייטיק געזען, אז מ'זאָל פון די אלטע דעקאָראציעס ווי ניט אויסלאטן די אויסשטאטונג, האָבן זיך טאקע די לאטעס שטארק אנגעזען.

אָבער אפנים, אז אויב די פיעסע האָט די ראָזשינקע, כאפט עס דער עולם אויף אפילו מיט פארלאטעטע דעקאָראציעס ... זעט אויס, אז א פיעסע אָן דעקאָראציעס קאָן אויסנעמען, דעקאָראציעס אָן א פיעסע — קיינמאָל ניט. האָבן אפשר די שוועריקייטן פון דער ערש־טער אויפפירונג פון „פארוואָרפן ווינקל" באשווערט בן־עמיס געמיט, מיר, אָבער, האָבן אונדזער באגייסטערונג פאר דער פיעסע און פאר אונדזערע ראָלן דערפון ניט פארלאָרן. האָט אונדז טאקע אונדזער

אינסטינקט ניט אָפּגעגאַרט. אמת, יענעם מיטוואָך איז דער טעאַטער ניט געווען געפּאַקט. עס זיינען געווען אפשר ווייניקער ווי דריי הונדערט מענטשן, אָבער די באַגייסטערונג, דער ענטוזיאַזם, די וואַרעמקייט מיט וועלכער דער קליינער עולם האָט די פּיעסע אויפגענומען איז שווער איבערצוגעבן. מיר האָבן אויף דער בינע ממש דערפילט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם ציט זיך פון עולם צו אונדז אויף דער בינע מיט יעדן זאַץ. יעדע פראַזע האָט דערגרייכט די הערצער און די געפילן פון עולם. די אָוואַציעס נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען עפּעס וואָס איך האָב אין יידישן טעאַטער פריער ניט געזען. די פריידיקע אויסגעשרייען, די בראַוואָ־געשרייען האָבן געהילכט אין הויז ווי עס וואָלט געווען אַ געפּאַקט טעאַטער.

די מערסטע פון עולם האָבן זיך אַרומגעשטעלט נאָנט צו דער בינע. די, וואָס האָבן דאָרט מער קיין פּלאַץ ניט געהאַט, האָבן זיך געשטעלט אויף די בענקלעך און נאָכאַנאַנד אַפּלאָדירט, אויסגערופן נעמען פון אַקטיאָרן און געשריען מיט באַגייסטערונג. מיר זיינען געשטאַנען אויף דער בינע, אונדזערע אויערן און אויגן ניט געגלייבט. ביי אַ טייל פון אונדז האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. דער פאָרהאַנג איז געבליבן אָפן אַ סך, אַ סך מינוטן. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן מיט אונדז.

שוואַרץ האָט ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און אפשר וואָלט דער עולם אונדז אַנדערש ניט אָפּגעלאָזט — ער איז אַרויסגעטראָטן און געהאַלטן אַ רעדע. געטריי צו זיין ציטערטקייט איבער זיין אונטערנעמונג, האָט ער אַפּעלירט צום עולם, אַז זיי זאָלן אונדז העלפן: „איר זעט, מיר האָבן גענומען אַ „טשענס” [איינגעשטעלט] און אויפגעפירט אַזאַ פיינע ליטעראַרישע פּיעסע. לאָזט עס וויסן אייערע פריינט און זעט מיר זאָלן קאָנען אָנגיין מיט אונדז גוטער אַרבעט”.

„אַ פאַרוואָרפן ווינקל” איז נאָך צוויי מאָל געשפּילט געוואָרן אין מיטן דער וואָך. דער עולם און די באַגייסטערונג זיינען געשטיגן מיט יעדער פאָרשטעלונג. דערצו זיינען די סוף־וואָך געווען געפּאַקט אײנע נאָך דער צווייטער. האָבן ווילנער און שוואַרץ איינגעשטעלט און די פּיעסע אַרויפגעשטעלט אויף פרייטיק, שבת און זונטיק. צוועלף וואָכן נאָכאַנאַנד האָט „אַ פאַרוואָרפן ווינקל” געבראַכט די גרעסטע איינגאַמעס, וואָס דאָס „אוירווינג פּלעיס טעאַטער” האָט יענעם סעזאָן געהאַט. אפילו ביי די קליגערישע סעקאָנד עוועניו סטאַרס און טעאַטער־מענעדזשערס האָט דער חוזק זייערער איבער „ליטעראַטאַציע”, ווי זיי האָבן גערופן ליטעראַרישע פּיעסן, זיי זיך נעבעך געשטעלט אין האַלדז.

קינסטלערישע דערגרייכונגען, אָן אַ שיר לויב־געזאַנגען און אַ סך, אַ סך אינערלעכע באַפרידיקונג האָבן געסטאַיעט גענוג פאַר דער גאַנצער טרופּע. עס האָט געבראַכט אַ נייע עפּאָכע אין יידישן טעאַטער. דער טריומף פון בעסערן יידישן טעאַטער איז באמת געווען אַ פולקומענער, ווייל ער האָט געזיגט, טראָץ אַלע שטערונגען, וואָס זיינען אים געשטאַנען אין וועג.”

**י. ענטין איז באַגייסטערט פאַרן דערפאָלג פון דער פּיעסע:**

„די ליטעראַרישע יידישע פּיעסע פייערט איצט איר גרויסן טריומף. אויב ביי עמיצן לעבט נאָך דער מינדסטער ספק צי די יידישע ליטעראַרישע פּיעסע קאָן אונדזער בינע באַנייען, זי פון איר שפלות דערהייבן, טאָ זאָל ער קומען אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער” זען פּרץ הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל”.



ניטאָ ביי אונדז קיין פובליקום פאַר דער ערלעך ליטעראַריש־יידישער פּיעסע — טענהן פאַריינס אונדזערע קונסט שאַכער־מאַכערס. זאָלן זיי און די אַלע, וועלכע האָבן וועלכע ס׳איז נייגונג זיך צו פּאַסמאַקעווען, צו אַ „פאַרוואָרפענעם ווינקל” קומען. זיי וועלן זען די גליקלעכסטע באַגייסטערונג, וואָס דער אידעאַליסטישער פאָלקס־אויפקלערער און עסטעט קאָן זיך נאָר ווינטשן. זיי וועלן דערשפּירן יענע סימפּאַטיע צווישן פובליקום און קינסטלער צו וועלכע די נאָבעלסטע טעאַטער־קונסט האָט ווען געשטרעבט. זיי וועלן דערפילן יענעס האַרצעס־גאַנצע מיטשפּילן צווישן אוידיטאָריע און בינע, וואָס איז דאָס שענסטע שטרעבן, דער העכסטער תיקון פון דער דראַמאַטישער קונסט. די פיינע געשפּאַנטקייט, די טיפע פרייד מיט איינצלנע סצענעס, מאָמענטן און שטריכן און ברייט־האַרציקע און ענטוזיאַסטישע אָוואַציעס נאָך די שלוס־אַקטן לאָזן זיך שווערלעך באַשרייבן.

ניטאָ ביי אונדז קיין קרעפטן אַן אידל־ליטעראַרישע פּיעסע אויפצופירן — מיינען מאַנכע אַנטוישטע טעאַטער־באַאָבאַכטער — זאָלן זיי און אַלע, וואָס האָבן הנאה לייגן שטיינער אויפן האַרצן, צו הירשביינס קאָמעדיע קומען. זיי וועלן זען, אַז אונדזערע בינע־קינסטלער האָבן דעם זעלבן פינצטערן מזל וואָס זייער פאָלק. די שונד האָט זייער טאַלענט אַראָפּגעדריקט. די פאַלשקייט האָט זייער גלאַנץ פאַרטונקלט. די וואָכעדיקע ביליקייט האָט זייער פיינע שאַפונגס־קראַפט פאַרטעמפּט, אָבער אין דער גוטער, ערלעכער, געשמאַקפולער פּיעסע, אין ווירקלעך יידישן שטיק, ווערט אונדזער פאַרכישופטער אַקטיאָר צוריק אין אַ פרינץ פון קונסט פאַרוואַנדלט אַזוי ווי דער פאַרוואַנדלטער ייד אין היינריך היינעס פּאָעמע ביים אָנקומען פון שבת קודש.”

**וועגן שפּילן די פּיעסע שרייבט י. ענטין:**

„מר. שוואַרצס רעזשי דאַרף מען האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר פיל זאַכן: פאַר אָנפאַרטרויען אַזאַ דילעטאַנטישע שפּילערין ווי דער מאַדאַם ראָזענטאַל אַזאַ גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע ווי „קריינע”, וועלכע זי הרגעט טאַקע אַזוי טעמפּ־האַקיק אַוועק, פאַר לאָזן ציליע אַדלער אַזוי פאַלש אויפפאַסן די ראָלע פון „צירל” דורך וועלכער זי גיט איר צו אַזויפיל איבריק־שאַבלאָנע, יידיש־טעאַטראַלע פּראָסטקייט און נעמט פון איר אַוועק אַזויפיל אידיליש־נאַיווע שיינקייט, פאַר לאָזן דער מאַדאַם נאַדאָלסקי ריידן אַזוי שנעל, אַז מאַנכעס מאָל דערכאַפּט מען ניט דעם זין פון אירע ווערטער, און פאַר דער גאַנץ ביליקער פאַלש־עפעקטנער פאַנטאָמימע אין שלוס פון צווייטן אַקט. דאַקעגן איז מר. שוואַרצן אויך ניט ווייניק וואָס צו קאָמפּלימענטירן פאַר זיין רעזשי, למשל דאָס עין הרע־אָפּשפּרעכן אין שלוס צווייטן אַקט איז אַ פּערעלע.

די פּיעסע אַרום און אַרום ווערט וווּנדערבאַר געשפּילט. כאָטש לײַדער איז די קאָמעדיע קענטיק אויפגעשטעלט געוואָרן אין גרויס אײַלעניש, אַזוי דאָס אַפילו צו דער צווייטער פאָרשטעלונג האָט מען נאָך געהאַט אויסצושטיין דאָס פּלאָגעניש פונם סופלער. אין אָנהייב פערטן אַקט האָט זיך געפילט אַ שרעקלעכע אָפּגעשפּאַנטקייט, אַזוי ווי אַלע שוישפּילער וואָלטן פּלוצים פון זייערע ראָלן אַראָפּ, אָבער אַרום דעם מיטן זיינען זיי שוין צוריק אין זייערע ראָלן אַריין און דאָס שפּילן איז ווידער געוואָרן האַרציק, פייערדיק און טעמפּעראַמענטפול. געענדיקט האָט זיך דער אַקט ווי אין אַ פייערלעכן הימן צו דער געטין פון שוישפּיל־קונסט. וווּנדערבאַר גאַנץ לעבעדיק

און באַגייסטערונגס פריש איז אַראָפּ — ניט קוקנדיק אויף דער אַרעמער הילף פון הינטער די קוליסן — דער דריטער אַקט.

פון די איינצלנע שפּילער פאַרדינט דאָסמאָל דעם וואַרעמסטן קאָמפּלימענט בן־עמי. זיין נח איז אַ פּרעכטיק געשטאַלט, וווּנדערבאַר לעבעדיק, וווּנדערבאַר קלאָר און וווּנדערבאַר פון איין שטיק. זאַצס „טודרוס״ איז אַ פּראַכט, באַלד אַזוי ווי דער אָריגינאַל אַליין. זיין שפּילן איז דאָך ניט קיין גלייכער. מאַנכעס מאָל פאַלט ער אַראָפּ פון טאָן, מאַנכעס מאָל ברענגט ער ניט אַרויס די גאַנצע איידלקייט פון טודרוסעס פּרעכטיקן געשפּרעך. אויך איז ער אַ ביסעלע מאָנאָטאָן. דריי מאָל שפּרינגט טודרוס אויף אין כעס אין פערטן אַקט און אַלע דריי מאָל פונקט אויפן זעלבן אופן. שוואַרץ איז זייער, זייער גוט. איך קאָן מיך קוים דערמאָנען ווען איך האָב אים געזען שפּילן אַזוי ערלעך איינגעהאַלטן, אַזוי לחלוטין אָן אַ סימן פון מעלאָדראַמע. מר. שוואַרץ איז אָבער אַ מייסטער אויף אָנגרימירן זיך משונהדיקע נעזער, און וואָס צו איז איבריק. חיים־הערשס משונה־גראָבע נאָז איז שוין ווירקלעך צופיל. זאָגן אַז ציליע אַדלערס שפּילן „צירלען״ איז ניט צו גוט, וועט זיין ניט אמת. שפּילן שלעכט דאָס איז פאַר דער ליבער ציליען איבער איר קראַפט. איר אויפפאַסונג פון צירלען איז אָבער אַזוי פאַלש דאָס זי מוז איר איצטיקע צירל אינגאַנצן אָפּמעקן און זיך אויסמאָלן אַ נייע, אַ קינדישע, אַ צאַרטע, אַ נאַיווע, אַ שרעקעדיקע, אַ יידיש־היימישע. אַז די מאַדאַם נאַדאָלסקי איז זייער אַ גוטע מאַמע קריסל איז איבריק צו זאָגן, אָבער זי מעג דאָך אַראָפּלאָזן די שרייעוודיקע יידענע מיט אַ פּאָר טענער נידריקער און זי דאַרף ריידן אַ ביסל לאַנגזאַמער. מר. גאָלדסמידטן אַלס דעם קברן האָט דעם דאָנערשטיק אין די ערשטע טיילן פון דער פּיעסע אַביסל טעמפּעראַמענט געפעלט. אָנשטאָט שפּילן האָט ער אָפּט גאָר געשריען. דערפאַר אין פערטן אַקט האָט ער זיך גאָר פאַנאַנדערגעוואַרעמט און אים געענדיקט זייער גוט. מר. באָריס ראָזענטאַל ברענגט אַרויס אַ בלייכן חאַצקלען. עס פעלט אים לעבן, עס פעלט אים שגאָצעריי, גרויס־שטאָטישע הפקרקייט און באַרימערישע זיכערקייט. ווערליק אַן אַמעריקאַנער מיידעלע שפּילט מיס דזשייקאָבסאָן אַ נישטקשהדיקע היהלע . . . גאַנץ באַשטימט וואָלט געוווּנען די מאַדאַם אַפּעל, וועלכע שוואַרצט זיך אומזיסט דאָס פּנים און גלאָצט אומזיסט די אויגן. איר „דאָבע״ איז ניט קיין פיגור, ניט קיין ברעקל אַטמאָספערע און ניט קיין שטימונג. מעגלעך, אַז אַ סימן פון די לעצטע צוויי וואָלט דאָך אַרויסגעקומען ווען מאַדאַם אַפּעל זאָל געווען אין זינען האָבן ניט סתם אַ משוגענע, נאָר אַ יידישע, אַ פּשוט קליינשטעטלדיקע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, צעדולדעטע בית עלמן־יידענע. אין דער שלעכטער אויפפאַסונג איז וואַרשיינלעך שולדיק מר. שוואַרצס רעזשי.

אַלץ צוזאַמען אָבער, די פּיעסע מיטן שפּילן — איז די פאַרשטעלונג דאָנערשטיק אין אירווינג פּלייס טעאַטער געווען אַ גרויסער געניוס און אַ הערלעכע פרייד און פאַרן ערנסטן ליבהאָבער פון דער יידישער בינע דער זיכערסטער באַווייז אויפן ענדגילטיקן טריומף פון אמתער דראַמע איבער שונדישער קוואַטש, פון אמתע שוישפּילער־קונסט איבער ציין און בויך־רייסעריי״.

### ביי אַן אַנדערע געלעגנהייט קערט זיך ענטין ווידער צוריק וועגן דער אויפפירונג:

„פּרץ הירשביין האָט דערלעבט נחת. זיין פּיעסע „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ גייט אין אירווינג פּלייס טעאַטער שוין אַ וואָך צען און ווערט כמעט אימער גוט באַזוכט. נאָך מער, די פּיעסע האָט מחיה המתים געווען אַ סך אַלטע טעאַטראַלן, וועלכע זיינען זייט יאָרן פאַרן יידישן טעאַטער שוין געווען טויט, ניט געפינענדיק דאָרט וואָס צו זען . . . דעם מיטוואָך איז געווען הירשביינס ערן־אָוונט . . . ווי גליקלעך האָט זיך הירשביין דעם אָוונט געדאַרפט פילן. זיכער האָט ער זיך אין זיין יום־טוב־נאַכט מיט אַ געוויסן טריומף געמוזט דערמאָנען ווי יאָרן און יאָרן זיינען זיינע פּיעסן געלעגן אויפן פּאָליצע און קיין רעזשיסער האָט זיי אין האַנט ניט גענומען, האָבנדיק ביי זיך שוין די פאַרטיקע מיינונג, אַז הירשביין איז צו שטיל פאַר דער בינע, אַז ער איז איבערהויפּט ניט בינע־מעסיק. נאָר אָט האָט אַ יונגער רעזשיסער, מער אויס קוריאָזיטעט איידער אמונה, מער אַלס צווייפלהאַפטער עקספּערימענט איידער אַלס גוט־באַרעכנטער שריט די פּיעסע אויפגעשטעלט און זעט נאָר וואָס פאַרע גוואַלדיקער ערפאָלג. ווי פאַרשטעקט ער הינטערן אויוון אַלע אַנדערע ערפאָלגן פון היינטיקן סעזאָן, וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט אַזעלכע מאַטערנישן, נאָך אַזעלכע געקינצלטע אָנשטרענגונגען. און צי ווייזט עס ניט אַרויס די גאַנצע מבינות פון אונדזערע רעזשיסערן, אַז זייער גאַנצע זאַך־קענטניש איז ניט ווערט קיין שמעק־טאַבאַק? און צי ווייזט עס ניט, אַז אויך אַנדערע פון הירשביינס פּיעסן וואָלטן געקאָנט זיין אַ גאַנץ גוטער ערפאָלג ווען מען זאָל צו זיי צוגיין ווי געהעריק איז און ווי געהעריק זיי נעמען אויפשטעלן?״.

### אב. קאַהאַן שרייבט:

„. . . ווען דער שרייבער פון דיזן אַרטיקל האָט געזען די פאַרשטעלונג, האָט ער צוערשט באַקומען גאַנץ שווערע איינדריקע פון איר. דער ערשטער אַקט אָדער פּראָלאָג און אַ טייל פון דעם צווייטן אַקט האָבן חסרונות מער ווי מעלות און צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין באַזונדערן קינסטלערישן ווערט, אָבער ביסלעכווייז אַנטוויקלט זיך אַ סיטואַציאָן, וועלכע וואַקסט אין קראַפט און דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון אַזאַ אָריגינאַל, אַזאַ זאָנדערבאַרן דראַמאַטישן אינטערעס, אַז עס מאַכט איינפאַך אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער יידישער בינע. עס איז אַ גרויסע פאַסירונג אין אונדזער טעאַטער־לעבן. די אָריגינאַליטעט באַשטייט אין דעם ספּעציעלן טעם, וואָס די איינפאַכקייט פון לעבן באַגלייט דיזער פּיעסע. דער פערטער אַקט איז פון אָנפאַנג ווידער פול מיט שוואַכקייטן, אָבער דערנאָך אַרבעט זיך ווידער אויס אַ נאַטירלעכער שלוס פון דער גרויסער סיטואַציאָן, וועלכע מאַכט אַזאַ סענסאַציע אין דריטן אַקט.

. . . שנאה, דער האַס צווישן צוויי קאָנקורענטן, אָט דאָס איז דער געפיל, וועלכער ווערט באַהאַנדלט אין דער נייער פּיעסע. אַלץ אַזוי פּראָסט, אָן נייעסן, אַזוי גאָר איינפאַך, אַלף־ביתדיק, און דאָך וואַקסט עס און וואַקסט ביז עס ברעכט אויס ווי אַ שטורעם־ווינט. אַזוי ווי עס וואָלטן זיך געקליבן שטיקלעך דינאַמיט. דאַכט זיך, ניטאָ וואָס צו זען, אָבער אין דיזע וואָכעדיקע שטיקלעך פּלאַצט ארויס אַן עקספּלאָזיאָן, וועלכע רייסט אויף אַ וועלט. די קראַפט איז אַ קלאַסישע. זי האָט אין זיך ניט קיין גלייכן אויף דער יידישער בינע. מיר האָבן פיל בעסערע פּיעסן אויף אונדזער בינע, אָבער קיינע פון זיי האָט אין זיך ניט אַזאַ קלאַסישע גוואַלדקייט . . . אין דער פּיעסע זיינען פילע סצענקעס פון סטירדעס מיט סטראַשונקעס צווישן פּראָסטע מענטשן. דיזע סצענעס זיינען מייסטנס זייער אָריגינעל און זייער אינטערעסאַנט. די גאַנצע פּיעסע, וועלכע האָט, דאַכט זיך, קיין איין נייעם שטריך, איז אָריגינעל . . . זי איז אָריגינעל אין איר טעם, אָריגינעל אין דעם גייסט, וועלכן זי מאָלט, אין דער ספּעציעלער אַרט אויף וועלכן דער געפיל דריקט זיך אויס. דאַכט זיך, איר

האָט ענלעכעס געלעזן אָדער געזען טויזנט מאָל און דאָך גרייפֿט עס איך אָן ווי איר וואָלט קיינמאָל אַזעלכעס נישט געזען, קיינמאָל אַזעלכעס ניט געלעזן. אַ רייכע פֿרישקייט דופֿטעט פֿון דער פּיעסע. קיין צוגעקלערטקייט, קיין צוגעטראַכטקייט אָדער נאָכגעדאַכטקייט. עס איז הירשביין, עס איז זיין אייגענע נשמה, זיין אייגענער ווייך. עס איז פול מיט די גאָלד פון קינסטלערישע ערלעכקייט און ערנסטקייט. עס איז טייער. עס איז אַ פּראַכט. טראָץ אַלע שוואַכקייטן און רויקייטן. בראַוואָ! בראַוואָ!

מאָריס שוואַרץ פֿאַרדינט קרעדיט פֿאַרוואָס ער האָט אַזאַ איינפֿאַכע פּיעסע אויפגעפירט. מען קאָן אים דיזן קרעדיט געבן מיטן גאַנצן האַרצן. צו שטעלן אַזאַ פּיעסע דאַרף מען האָבן מוט, אָבער דאָס פּובליקום גיט דעם אויפפירער פון דיזער פּיעסע צו נייעם מוט ... עס שיינט, פֿאָרלויפּיק ווערט די איינפֿאַכע קראַפֿט פֿון דיזן שטיק גוט אָפּגעשאַצט פֿון עולם, און אויב אַזוי, וועט דאָס זיין אַ קוואַל פון האָפנונג, אַז אַ גוטע, שטאַרקע דראַמע קאָן האָבן ערפֿאָלג ביי אונדז. דער עיקר איז, אַז די עפעקטן זאָלן ניט קיין פאַבריצירטע, ניט קיין קוגל פון מארך מיט שמד־שטיקנדע ראָזשינקעס.

... אויפגעפירט ווערט די פּיעסע אין סך־הכל גוט. אָפּט אַ ביסל ניט־דערבאַקן, אָבער אין אַלגעמיין גוט. די ראָלע פֿון דער מיידל, די העלדין, דער קבורה־מאַנס טאָכטער, שפּילט סיליאַ אַדלער. זי איז אויסגעצייכנט ווי אימער. אָפּט קומט ביי איר אַרויס דער טיפּ פון אַן אַמעריקאַנישע מיידעלע אַנשטאָט אַ היימישע, אָבער זי איז דאָך אויסגעצייכנט. שוואַרץ אַליין שפּילט דעם מילנער ... שוואַרץ האָט די ראָלע גוט באַטראַכט און ער שאַפט דעם טיפּ. עס וואָלט זיך וועלן, אַז ער זאָל אַרויסציגן מער קינסטלערישע אויסגעאַרבעטקייט און וויניקער קאָפּ־אַרבעט, אָבער דעם טיפּ שאַפט ער פאָרט און עס קומט אַרויס אַ צימלעך שטאַרקער לעבעדיקער בילד. זינט זיין שפּילן אין „ביילקע מאַראַנעטאַ" איז דאָס געוויס זיין בעסטע ראָלע. עס וואָלט זיך אויך ווינטשן, אַז שוואַרץ זאָל זיך ענדלעך באַפרייען פון נאָכמאַכן דזשייקאָב פּ. אַדלערס שטימע און אַרט ריידן אויף דער בינע. אַדלער איז אויסגעצייכנט, אָבער נאָכמאַכן איז ניט קיין קונסט, אַפילו ווען מען מאַכט נאָך דעם גרעסטן. בן־עמי שפּילט דעם העלד, דעם מילנערס זון. אַ פאַרליבטער יונגער פּראָסטאַק מיט הייסע בלוט. ער שפּילט די ראָלע גוט און ער שאַפט אויך דעם טיפּ, הגם ער קאָן זיך ניט באַפרייען פון דעם געוויסן בן־עמישן טאָן, וועלכן איר הערט פֿון אים אין אַלע פּיעסן. זאַצן איז דיזן מאָל זייער ניט געראָטן. ער איז אַ קאָמיקער אין דעם געוויינלעכן זין, און דאָ פּאָדערט זיך קינסטלערישע אַרבעט פון אַ העכערן סאָרט. דאָס איז אים ניט געלונגען. איר ווייסט אייגנטלעך ניט וואָס ער וויל און זיין שטימע קלינגט ניט מיט קיין לעבעדיקע מענטשלעכע טענער".

**אויף קאַהאַנס קריטיק, אַז שוואַרץ שפּילט ניט אָריגינעל, נאָר אימיטירט די אַנדערע גרויסע שוישפּילער, האָט שוואַרץ געענטפערט, אַז ער האָט 6 יאָר געשפּילט מיט דוד קעסלער, וועלכער האָט געהאַט אַ טבע נאָכצוקרימען זיינע מיטשפּילער און כסדר זיי מאַכן פאָרווערפן, פונדעסטוועגן האָט אים קעסלער קיינמאָל ניט פאָרגעוואָרפן, אַז ער אימיטירט אים. זייענדיק פון דער נאַטור באַשאָנקן מיט דער פעיקייט פון אימיטירן אַנדערע, האָט ער אַפילו געהאַט באַקומען אַ פאָרשלאָג אַרויסצוטרעטן אויף דער אַמעריקאַנער בינע מיט אַזעלכע אימיטאַציעס אויף ענגלישע שוישפּילער, אָבער ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל זיין שטרעבונג איז נאָר צו זיין אָריגינעל, אַנדערש האָט ער ניט קיין אינטערעס צו זיין אַן אַקטיאָר.**

**דערויף באַמערקט קאַהאַן, אַז ער האַלט זיך ביי זיין באַשולדיקונג, און ענטפערט אים:**

„מר. שוואַרץ איז נאָך אַ יונגער שוישפּילער און אין זיין שפּילן איז נאָך פאַראַן אַ סך, אַ סך, וואָס איז נאָך גאַנץ ווייט פון אמתער קונסט. ער נעמט זיין אַרבעט ערנסט און ער פאַרדינט דערפאַר ערמוטיקונג און שטיצע. ער דאַרף אָבער ניט צוזאַמענפלאָנטערן דעם פאַקט, אַז ער האַלט אַן אייגענעם טעאַטער מיט זיין ראָלע אַלס שוישפּילער. אַזוי איז דאָס שוין ביי אונדז אויף דער יידישער בינע. דערפאַר, וואָס די בעלי הבתים פון טעאַטער, וועלכע זיינען אַליין שוישפּילער, קאָנען זיך נעמען די בעסטע ראָלן און דערפאַר ווייל אונדזערע אַלטע סטאַר־מענעדזשערס זיינען ווירקלעך אונדזערע גרעסטע שוישפּילער, קומט אַמאָל אַרויס אַ טרויעריקע מיספאַרשטענדניש. מען פלאָנטערט צוזאַמען די מאַכט פון דעם בעל הבית מיט דער פראַגע וועגן טאַלענט. ניט זעלטן טרעפט ביי אונדז, אַז אַ סטאַר־מענעדזשער שפּילט אַ ראָלע צו וועלכער ער טויג אַבסאָלוט ניט, ווייל ער איז דרייסיק יאָר צו אַלט אָדער ווייל די ראָלע איז איבערהויפּט ,ניט פאַר אים געדאַכט׳."

**ב. גאָרין שרייבט:**

„׳אַ פאַרוואָרפן ווינקל׳ איז פון הירשביינס פּיעסן ווען ער איז נאָך געגאַנגען מיט אומזיכערע טריט אויף דער בינע און זיין גייסטיקער בליק איז געווען געווענדט צום גרעסטן צויבערער פון דער וועלט־בינע, אַז ער זאָל אים בעטן צו ווייזן דעם ריכטיקן וועג. דער סוזשעט פֿון „אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל" איז גענומען פֿון שעקספּירס „ראָמעאָ און יוליע", אָבער די האַנדלונג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז אַ ריין יידישע און הירשביין האָט זיינע בילדער גענומען פון זיין אייגענעם ווינקל און געברויכט זיין אייגענע באָאָבאַכטונגס־קראַפט און ניט פון שעקספּירס „ראָמעאָ און יוליע".

... אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז ניטאָ קיינע פון די נאַרישע עפעקטן מיט וועלכע מען נעמט געוויינלעך אַן עולם. די האַנדלונג, ניט קוקנדיק, וואָס די מחלוקת איז אַזוי בולט אַרויסגערוקט צום פֿראָנט, איז אַ רויקע און אומשולדיקע, און וואָס מער דיביידע צדדים קאָכן זיך און סטראַשן איינער דעם צווייטן, אַלץ מער אַמוזירט זיך דער עולם ... דער גענוס, וואָס מען האָט פֿון אַזאַ פּיעסע, איז ניט קיין ביליקער און פאַרשאַפט כבוד דעם עולם, וואָס אַמוזירט זיך דערביי. אַזאַ פּיעסע דערהייבט דעם מוט ביי די בעסערע שרייבער און ווייזט זיי, אַז מען דאַרף ניט דראַפּן זיך אויף גלייכע ווענט. און ווי עס איז געוויינלעך דער פֿאַל אין אַ בעסער שטיק ווו די פּערזאָנען גייען ניט אויף ספּרוזשינקעס און אַ כאַראַקטער קומט אַרויס אין אַ מענטשלעכע געשטאַלט אויף דער בינע, האָבן די אַקטיאָרן זיך געפּילט היימיש און געוויזן, אַז זיי קאָנען שפּילן.

שוואַרץ האָט געשפּילט די ראָלע פון דעם כעסנדיקן חיים־הערש דעם מילנער און גאָלדסמיט האָט געשפּילט דעם פאַרביסענעם קברן נאָטע, און הגם אויבערפלאַכלעך זעט אויס, אַז ביידע זיינען איין כאַראַקטער און ביידע וועלן אַרויסקומען אין געשטאַלט, זיינען זיי אָבער אַרויסגעקומען גרונט פאַרשיידן. חיים־הערש ברויזט אויף און לאָזט זיך באַלד עטוואָס בייגן, און נאָטע איז פאַרביסן מיט אַן עק־

שנות. שוואַרץ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שפּילן און זיין ראָל איז אַרויסגעקומען פּילטאָניק און פּילפּאַרביק. גאָלדסמיט איז געווען איינטאָניקער, נאָר ער האָט געשפּילט גאַנץ גוט. צילי אַדלער אין דער ראָל פון צירל האָט אַרויסגעבראַכט אַ יידישע מיידל ערצויגן אויפן דאָרף. זי האָט די שעמעוודיקייט און געהאָרכזאַמקייט פון דער יידישער טאָכטער, לאָזט זיך באַהערשן פון איר ליבע אויפן דאָרפישן אופן און צייגט די עקשנות פון דעם טאַטען. זי איז געווען גאַנץ גוט אין איר ראָל. בן־עמי האָט זיך געפילט אין זיין עלעמענט אין דער ראָל פון נוח דעם מילנערס זון און איז געווען זייער גוט אין איר. מרס. נאַדאָלסקי האָט געשפּילט די ראָל פון דעם מילנערס ווייב קרייסל, און זי איז געווען די שטענדיקע מאַמע, וואָס איז אונדז שוין אַזוי באַקאַנט. מרס. אַפּעל האָט געשפּילט די משוגענע, ראָזענטאַל די ראָל פון כאַצקל, מרס. ראָזענטאַל די ראָל פון קריינע, הענריעטאַ דזשאַקאָבסאָן די ראָל פון דער קליינער חיהלע".

**ל. קוסמאַן האַלט, אַז די אויפפירונג פון הירשביינס פּיעסע ענדערט דעם כאַראַקטער פון דער ביז איצט אויפגעפירטער יידישער דראַמאַטורגיע:**

„...די היסטאָריקער פון דעם יידישן טעאַטער וועלן די נייע רעאַליסטישע עפּאָכע אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע — וועלכע איך וויל באַצייכענען אַלס די ליטווישע עפּאָכע — דאַטירן פון דעם טאָג וואָס פּרץ הירשביינס „אַ פאַרוואָרפענער ווינקל" איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין אוירווינג פּלייס טעאַטער. אָט די רעאַליסטיש־ליטווישע עפּאָכע איז געקומען נאָך לאַנגע און ביטערע קעמפע, נאָך שווערע חבלי לידה, און געקומען איז זי אין דעם מאָמענט ווען די אַלטע, אָפּגעלעבטע, פאַרשונדעוועטע „זיד־רוסישע עפּאָכע" אין יידישן טעאַטער ליגט און גוססט אויפן טויטן־בעט. ...מער ווי אַ העלפט פון די אַמעריקאַנער יידיש־ריידנדע יידן, געוויס צוויי־דריטל און אפשר טאָקע די גאַנצע דריי־פינפטל, קומען פון אַ מדינה, וואָס הייסט ליטע, ווו יידן לעבן אָרעם, אָבער שיין, פול מיט טראַדיציע, יראה, תורה, שטומער בענקעניש, באַהאַלטענער ליבע־צייטער, שבת־פּאָעזיע און יום־טוב־דערהייבונג, ווו יידן האַנדלען מיט ווינט, מיט רויך, מיט בטחון און ווו מ'קעמפט איבער אַ הערינג נאָך פיל שענער און מענטשלעכער ווי איבער אַ שיינער פּרוי אין אָדעס אָדער אין קראָקע און אַפילו ווי איבער מיליאָנען אין וואָל־סטריט ...ווו אַ זון געהאָרכט נאָך אַ טאַטען אַפילו ווען מען איז שוין אַליין אַן אַלטער קברן. און אָט דער ליטווישער עולם, זאָל מען ניט פאַרגעסן, איז דער אינטעליגענטסטער, אינטעלעקטועלסטער און רייפסטער. ער האָט אַרויסגעוויזן גענוג געדולד ווען מען האָט אים נאָך גאָרדינען געהאַלטן אין איין קאָרמענען מיט די זאָלאָטאַרעווסקיס, לאַטיינערס, ראַקאָווס, ריכטערס, אַנשל שאָרס, סיגעלס און אַפילו מיט דעם פאַרשונדעוועטן ליבינען און דעם „פּראָלאָג־עפּאָלאָגישן אידעען־שונדיקן" דימאָוון. אין קאָברין האָט מער־ווייניק געקעמפט פאַר אַ געזונטן רעאַליסטישן טעאַטער ...אויך פּינסקי איז פון אָנהייב געגאַנגען אויפן ריכטיקן וועג. ער איז אָבער פאַרקראָכן צו סימבאָליזם און הויכע פּראָבלעמען, און דעריבער ניט געקאָנט זיין דער גואל...

איך האָב אין אַן אָרט געזאָגט, אַז דאָס יידישע טעאַטער וועט אַמאָל זיין אָדער ריין ליטוויש אָדער עס וועט גאָרניט זיין. פּרץ הירשביינס ריזיקער ערפאָלג פאַרזיכערט דאָס ערשטע. אונטער „ריין ליטוויש" האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס יידישע טעאַטער וועט אין זיין אַנטוויקלונג זיך מוזן באַפרייען פון דער זידלעכער „וויכ־





קייט", פּלפּול־קונסט, טענץ, געזאַנג, מליצה, מעלאָדראַמע, דעקלאַמאַטאָרישן טאָן, און וועט מוזן ווערן רעאַליסטיש, ריינער, שטילער, רעזערווירטער, קורץ, ער וועט מוזן ווערן כולו פּשט, וואָס די מאָדערנע רעאַליסטישע בינע אין אייראָפּע איז געווען ביז צום היינטיקן טאָג. דעריבער [דערביי] נאַטירלעך איז ערלויבט אַ ביסל מיסטיציזם, ווי עס איז בכלל דאָ מיסטיציזם אין לעבן פון יעדן מענטשן.

**[קוסמאַן ווייזט אָן, אַז די דראַמאַטישע קונסט איז אַנטשטאַנען אין זידלעכן, ווייכן, וואַרעמען און טאַנצנדיקן גריכנלאַנד, אָבער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אירע האָט זי געפירט איבערן מערב, די קאַלטע, ניכטערע לענדער, ווו זי האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע. אויך דאָס יידישע טעאַטער איז אַנטשטאַנען אין וואַרעמען דרום און דערגאַנגען ביז צו גאָרדינען, אַ מענטש צווישן דרום און צפון, און עס דערגרייכט איצט צום ליטווישן פּרץ הירשביין, דעם פּשטן מיט זיינע קלאָרע, פּשוטע אָבער קינסטלערישע פּיעסן].**

**אין אַ צווייטן אַרטיקל „די געפאַר פונם ערפאָלג פון ליטעראַרישע פּיעסן", שרייבט ל. קוסמאַן:**

„...עס דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז עס איז ניט נאָר אַ פראַגע פון אַ ליטעראַרישע פּיעסע, וואָס מאַכט ערפאָלג, נאָר פיל מער ווי דאָס. דאָס שוישפּילן און די רעזשי איז ניט ווייניקער וויכטיק ווי די גוטע פּיעסע. די ריכטיקע פאַרטיילן פון די ראָלן האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן ...די מאָדערנע פּיעסן זיינען געוויינלעך אַנסאַמבל־פּיעסן, ווו אַלע ראָלן זיינען סטאַר־ראָלן, ווו אַלע אַקטיאָרן מוזן זיין גרויס און גוט אום צו שפּילן גוט. אונדזערע סטאַרס אָבער, וואָס זיינען ערצויגן און גרויס געוואָרן אויף פּיעסן מיט צוגעשניטענע סטאַר־ראָלן, קאָנען ניט פאַרטראָגן ווען אַן אַנדערער אַקטיאָר אין דער פּיעסע צייכנט זיך אויס און ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פּובליקום. דעריבער ווען זיי נעמען אַן אַנסאַמבל־פּיעסע אין זייערע הענט, הייבן זיי אָן „פּיקסן" [אויסבעסערן], שניידן די ראָלן פון אַנדערע כדי זייער ראָלע זאָל זיך וואָס מער אין דער פּיעסע אַרויסזען, און אָפּט פוילט מען זיך ניט און מ'שרייבט אַליין צו פּראָזע.

**[דער שרייבער האַלט, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן קאָן אין דעם יידישן טעאַטער ליטעראַטור ניט באַהאַנדלט ווערן ווי ס'דאַרף צו זיין. דאָס טעאַטער האָט בעיקר געליטן פון ניט־קוואַליפיצירונג, אַ צונויפמישונג פון פאַרשיידענע זשאַנרן, בלויז איין געביט האָט אַ קלאָר איינהייטלעכן פּראָגראַם — די בעסערע מעלאָדראַמע].**

....איצט האָט שוואַרצס אוירווינג פּלייס טעאַטער געפונען זיין כאַראַקטער; די ריינע מאָדערנע דראַמע, די רעאַליסטישע אויפפאַסונג פון רעזשי און שפּיל, און דאָס איז זיין ערפאָלג און דאָס מוז עס אָפּהיטן".

**א. ב. שרייבט:**

„...איז דער ערפאָלג הירשביינס? דאָס צו באַהויפּטן וואָלט געווען אַ גרויסע אויסטראַכטעניש, אַ ליגן, אַן ערפאָלג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" אין טאָמאַשעווסקיס אָדער אַן אַנדער טעאַטער איז אַן אוממעגלעכקייט. די מענעדזשערס פון יענעם טעאַטער זיינען צו קלוג און זיי וואָלטן אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט אויפגעפירט. הירשביינס שטיק איז בלויז די קאַנווע אויף וועלכער נאָר אַן אמתע קינסטלערקאָמפּאַניע קאָן אויסוועבן אַ גרויסן קונסט־ערפאָלג, און דעם קרעדיט פאַר דעם דאָזיקן ערפאָלג געהערט אין דער זעלביקער מאָס צו

די אַקטיאָרן ווי צו הירשביינען און פֿילייכט נאָך אין אַ גרעסערער מאָס. אַזאַ פּיעסע האָט געדאַרפט האָבן אַן אַנסאַמבל פון גוטע אַקטיאָרן, און דעם אַנסאַמבל פאַרמאָגט איצט דער קליינער „אירווינג פּליים טעאַטער", און אויב די אַקטיאָרן פֿון דעם „פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל" זיינען ביז אַהער ניט געווען די גרעסטע און בעסטע, וואָס די יידישע בינע פאַרמאָגט, זיינען זיי אין דעם „פאַרוואָרפענעם ווינקל" אויסגעוואַקסן צו די גרעסטע און די בעסטע, אין אַן אַנסאַמבל, וואָס ווערט ניט דיריגירט און פאַרשטעלט פון קיין „סטאַר" — איך וויל מאַכן שוואַרצן אַ קאָמפּלימענט, אַז ער איז פאַרלויפיק אַ גוטער אַקטיאָר און קיין סטאַר — ערשט יעדער אַקטיאָר קאָן זיך פאַרשטעלן אין דער פולער אינדיווידואַליטעט פון זיין טאַלענט. בן־עמי, צום ביישפּיל, איז אויף טאָמאַשעווסקיס בינע געווען פאַרשטעלט אין שאָטן און האָט געוויאַנעט. ... אין אַנסאַמבל אין „אירווינג פּליים טעאַטער" בליאַסקעט דער זעלבער בן־עמי ווי אַן אמתער און אָריגינעלער טאַלענט, וואָס גייט אַן אייגענעם וועג. פון לודוויג זאַץ איז שוין אָפּגערעדט. דער זעלטענער בינע־קינסטלער פאַרמאָגט אַליין אַ גאַנצע סימפאָניע פון טענער און פאַרבן פון זיין בינע־קונסט און איז פאַר זיך אַליין אַ גאַנצער אַנסאַמבל. ... און אַז מען פאַרמאָגט אַן אָרקעסטער פון אַזעלכע אַרטיסטן ווי זאַץ, בן־עמי, צ. אַדלער, ב. גערסטען, און דעם ניט אַדווערטייזטן, אָבער זייער טאַלענטירטן, גאָלדסמיט, קאָן מען שוין זיין אַ גוטער דיריזשאָר און אַ פראַכטפֿולער לידינג־מאַן, [הויפּט מענער־אַקטיאָר]. ווען שוואַרץ שפילט מיט אַ טרופּע פֿון געוויינלעכע קאַליקעס, וואָלט זיין גאַנצע קינסטלערישער פֿאַרמעגן דערטרונקען געוואָרן אין דער דיסהאַרמאָניע פֿון פֿאַלשע טענער. ער אַליין שפּילט אויסגעצייכנט נאָר דערפֿאַר, וואָס ער ווערט געהאָלפֿן פֿון דעם גאַנצן פרעכטיקן אַנסאַמבל.

„דער פאַרוואָרפענער ווינקל" דאַרף דעריבער לערנען שוואַרצן, אַז דער ווייטערער ערפאָלג פון זיין אונטערנעמונג וועט זיין אָפּהענגיק פון דעם צי וועט ער וועלן זיין אַ סטאַר, וועלכער שניידט אונטער אַ געלונגענע ראָלע כדי אַן אַקטיאָר זאָל ניט קריגן קיין איבעריקע אַפּלאָדיסמענטן, אָדער זיין אַ קאַמעראַד פון דעם זעלבן אַנסאַמבל, וועלכן ער האָט גליקלעכערווייזע צוזאַמענגעשטעלט. דער ערשטער וועג איז שוין אַן אויסגעטראָטענער, און שוואַרץ וועט אויף ניט געפֿינען ניט קיין כבוד און ניט קיין געלט. דער צווייטער וועג איז אַ נייער און אַן אָריגינעלער און אויב שוואַרץ און דאָס „אירווינג פּליים טעאַטער" וועט האַנדלען אויף דעם וועג, וועט עס אים צווייפֿלאָז ברענגען אי כבוד אי געלט, און אונדז — אַן אמתן קונסט־טעאַטער".

### ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] שרייבט וועגן שפּילן:

„. . . דער פאַרליבטער דאָרפישער בחור ווי אויך די פאַרליבטע דאָרפישע מיידל קאָנען זיך בעסער ליבן ווי ריידן פון ליבע, אָבער טאַקע דערפאַר זיינען זייערע פּראָסטע אומגעהובלטע ווערטער פיל מער ווי די געוויינלעכע סקאַרבאָווע פראַזן. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פאַל פאָדערט זיך דאָס סאַמע בעסטע שפּילן פון די פאַרליבטע, דאָס שפּילן פון זייערע פּנימער. יעדע באַוועגונג זייערע מוז ריידן שטאַרקער. ווייל זי האָבן ניט די ריכטיקע ווערטער. אין דער הינזיכט האָט ציליע אַדלער געטאָן איר פולער פליכט. וועגן איר שטאַרקע ליבע איז קיין צווייפֿל ניט געווען. מען קאָן אָבער ניט זאָגן, ליידער, דאָסזעלבע וועגן דאָס שפּילן פון בן־עמי אַלס דער פאַרליבטער בחור. מיר דערמאָנען זיך אָן דאָס שפּילן פון טענענהאָלץ



אין דער זעלבער ראָל, און אונדז דוכט זיך, אַז טענענהאָלץ האָט איר בעסער געשפּילט. דער אונטערשייד צווישן דעם שפּילן פון די ביידע באַשטייט אין אָט וואָס: ווען טענענהאָלץ האָט געשפּילט דעם פאַרליבטן, איז אונדז ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס שפּילט אַן אינטעליגענטער יונגעמאַן, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּראָסטן יונגען מילנער. ביים שפּילן פון בן־עמי האָבן מיר ניט געקאָנט לויז ווערן פון דעם געדאַנק, אַז ער פאַרשטעלט זיך, אַז ער וואָלט פיל בעסער געקאָנט אויסדריקן זיינע געפילן ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט. דאָך זאָל דערפון ניט געדרונגען ווערן, אַז בן־עמי האָט שלעכט געשפּילט. דורכויס ניט. אין מאַנכע מאָמענטן, למשל, אין דעם אויפטריט מיט זיין מאַמען, איז ער געווען אויסגעצייכנט. גאַנץ גוט איז געווען אויך דער אויסדרוק פֿון זיין אייפֿערזוכט צו חאַצקלען, אָבער אין דעם גאַנצן איבעריקן שפּילן זיינעם האָט זיך געמערקט, געפילט אַ געוויסע געמאַכטקייט, אַ ראַפינירטקייט, וועלכע האָט אונדז אַ ביסל פאַרדאָרבן דעם געשמאַק און דאָס היימישע.

וואָס אָנבעלאַנגט דאָס שפּילן פון דער גאַנצער פּיעסע איז עס געווען באַטייטנט בעסער ווי דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן מיט איניקע יאָר צוריק. שוואַרץ האָט די ראָלע פון דעם מילנער געשפּילט ווירקלעך אויסגעצייכנט. קיינמאָל האָבן מיר אים ניט געזען אַזוי גוט שפּילן. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין די מאָמענטן ווען ער האָט געשפּילט דעם פאָטער, דעם סאַמאָדור. זיין כאַפּן זיך שלאָגן צו דער טאָכטער, צוועלף יאָר אַלט, ווי אויך צו דעם ערוואַקסענעם חתן, זיין ניט פאַרשטיין, אַז די קינדער קאָנען האָבן זייער אייגענעם ווילן, איז געווען ווירקלעך אויסגעצייכנט. געהאָלפן אין זיין גוטן שפּילן האָט אים די אמתע קינסטלערין מרס. נאַדאָלסקי, וועלכע האָט זיך אין דער ראָלע אַלס דעם מילנערס פרוי, ווירקלעך איבערטראָפן. עס איז געווען אַ פאַרגניגן צו זען איר באַשיצן אירע קינדער פון איר מאַנס צאָרן. עס איז געווען די העכסטע קונסט ווי זי האָט זיך מיט אים געבאָרעט און ניט געלאָזט אים צעקריגן זיך אינגאַנצן מיט דעם שכן, דעם קברן. איר ראָלע איז זייער אַ שווערע. זי איז דאָ געווען צווישן צוויי פייערן, און זי האָט ווירקלעך אויסגעצייכנט אויסגעפּילט איר גאַנץ שווערע אויפגאַבע".

**אין איר בוך זכרונות דערציילט צילי אַדלער, אַז ניט מאָריס שוואַרץ נאָר יעקב בן־עמי האָט רעזשיסירט די דערפאָלגרייכע אויפפירונג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". מאָריס שוואַרץ האָט דערויף אָפּגעדרוקט אַ הכחשה.**

**יעקב בן־עמי אין אַ בריוו אין רעדאַקציע דערקלערט, אַז זיין שווייגן אין דעם בריוו־אויסטויש צווישן מאָריס שוואַרץ און צילע אַדלער קאָן שלעכט אויסגעטייטשט ווערן, דעריבער דערקלערט ער, אַז שוואַרצס אָפּלייקענונג, אַז ניט, בן־עמי, נאָר ער, שוואַרץ, האָט רעזשיסירט די אויפפירונג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", באַגרינדנדיק דערמיט, וואָס ער, בן־עמי איז דעמאָלט קראַנק געוואָרן און אַוועקגעפאָרן קיין לעיקוווד, און ערשט צוריק געקומען אין טעאַטער עטלעכע טעג פאַר דער אויפפירונג, שטימט ניט, ווייל ער איז קראַנק געוואָרן ערשטע עטלעכע וואָכן נאָך דער אויפפירונג און טאַקע דערפאַר האָט ער זיך ניט באַטייליקט אין דער שפּעטערדיקער אויפפירונג פון „שמידס טעכטער". עס שטימט אויך ניט שוואַרצס באַמערקונג, אַז באַלד נאָכן סוף פון ערשטן סעזאָן אין „אירווינג פּליים" איז ער, בן־עמי, אַוועק צום ענגלישן טעאַטער שפּילן „שמשון און דלילה", ווייל נאָכן**

סעזאָן אין „אורווינג פּלייס טעאַטער" האָט ער, בן־עמי, צוזאַמען מיט לואיס שניצער, אָרגאַניזירט „דאָס נייע יידישע טעאַטער" און ערשט נאָכן שפּילן אַ סעזאָן דאָרט, איז ער אַריבער אויף דער ענגלישער בינע. בן־עמי דערקלערט אַנטשידן, אַז ער האָט רעזשיסירט די אויפפירונג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל".

מיט דער גרעסטער התפּעלות האָט אָפּגעשאַצט די באַטייטונג פון דער אויפפירונג פון אָט דער פּיעסע דער דיכטער מנחם:

„עס איז אין דער מעגלעכקייט פון דעם „אורווינג פּלעיס טעאַטער", אַז די אויפפירונג פון פּרץ הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" זאָל עפענען דאָס שענסטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. עס איז ניט געווען קיין אויפפירונג פון אַ נייער שטיק פון אַ באַוווּסטן טעאַטער־שרייבער, וואָס האָט געמאַכט ערפאָלג. אַזוי ווי יעדע אַנטדעקונג, וואָס קומט צופעליק, אַזוי איז אויך הירשביינס שטיק צופעליק געקומען אויף דער בינע, און האָט מיט אַמאָל אַנטדעקט אַ שרייבער, שוישפּילער און אַ פּובליקום. מיט אַן אַכט יאָר צוריק, אין דער ליטעראַריש־פּרומער רוסלאַנד, אין דער צייט פון דעם ברייטן אויפשווּנג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, איז פּרץ הירשביין געווען אַ דירעקטאָר פון אַ טרופּע, און זיינע שטיק זיינען געווען אַ יום־טוב אין דעם לאַנד, וואָס פאַרשטייען טשעכאָוון, גאָרקין און האַמסונען. עס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ ייִנגער הירשביין, בלאָנדזשנדיק אין זיינע שטיק צווישן וואָלקנדיקייט פון הימל און דעם פינצטערן רעאַליזם פון קעלער־שטוב. עס איז נאָך געווען פאַר דער „פּוסטער קרעטשמע" און „דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל" און די פּאָעטישע פאָלקסטימלעכע איינאַקטערס. אָבער דאָס איז געווען רוסלאַנד, און אַפילו דאָרט, אָן דעם געהעריקן מאַטעריעלן אויפהאַלט, האָט הירשביינס טעאַטער געמוזט פּלאַצן.

דאָ, אין אַמעריקע איז הירשביין געבליבן דער דראַמאַטורג פאַר די ליטעראַריש־דראַמאַטישע קרייזלעך. זיינע שטיק אין וועלכע עס גייען אַרום לעבעדיקע מענטשן מיט נאַטירלעכע איבערלעבונגען זיינען אַרויסגעקומען בלייך און שוואַך אין דער אויפפירונג פון די ניט־געיבטע יונגעלייט. די זויבערקייט פון הירשביינס שאַפן איז אין זייערע הענט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלייכקייט, אין אָן־פאַרביקייט. זיינע מאַמעס און טעכטער, וואָס ריידן מיטן פאַרומערטן טאָן פון דער פאַרזאָרגטער ליטע, זיינען ביי זיי געוואָרן קלאָגערקעס, וויינערקעס. די פאַרהאָרעוועטע פּאָטערס און זין זיינען אַרויסגעקומען טרוקן און ביייניק. עס איז קיין לופט ניט געווען אויף דער ליבהאָבערישער בינע, און דער חן פון הירשביינס שטיק איז דערוואָרגן געוואָרן. און דערגאַנגען צו דעם, אַז ער אַליין האָט אפשר אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער טעאַטער פּע.קייט פון זיינע שטיק און געהאַלטן פאַרטראָגן וועגן דראַמען, וואָס זיינען בלויז צום לעזן. עס איז געווען ווייטעגלעך ווען צו אַזאַ טעאָריע האָט געמוזט קומען הירשביין, און קומען דערצו דורך דעם שטיינערדיקן וועג פון זיינע אייגענע דורכפאַלן. און מיט אַמאָל איז הירשביינס שטיק אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שוישפּילער מיט פּנימער, מיט אויגן, מיט הענט און פיס, וואָס ריידן. שוישפּילער מיטן חוש פאַר די איבערלעבונגען, וואָס ליגן הינטער זייערע רייד, און עס איז אויסגעוואָקסן אַ שטיק לעבעדיק לעבן, מיט פאַקנדיקן דראַמאַטיזם, מיט פאָלקסטימלעכן הומאָר, מיט יידישן שמערץ און דער טיפער, עכטער פּאָעזיע פון פאָלקסמענטשן. עס איז אויסגעוואַקסן אַ יידישע שטיק פון אַלמענטשלעכער באַטייטונג. יידיש — ניט צוליב פּראָבלעמען און פראַגן, וואָס זיינען אַריינגעוויקלט און אויפגעוויקלט. יידיש — ניט צוליב גלות און אַנטיסעמיטיזם און ציוניזם און אַלע אַנדערע פּובליציסטישע קלאַפּערגעצייג, וואָס דער אָנגענומענער יידישער דראַמאַטורג פּאַקט אַריין אום צו פאַנגען זיין עולם. יידיש — ווייל דאָס זיינען די מענטשן, וואָס לעבן די לופט פון דער שטיק און זי וועט יידיש זיין וואָס און ווי די מענטשן זאָלן ניט איבערלעבן.

ווייט איז עס פון דאַנען, אָבער ווי שרעקלעך נאָנט! מעגן מיר זיך איבערקייקלען אין הונדערט אַמעריקאַנער גלגולים, עפנט זיך דער פאָרהאַנג, און מיר זיינען צוריק דאָרט, אין דער היים, ביי זיך. . . . זעט איר די „פּראָבלעם"? איינער וויל זיך באַפרייען פון זיין פינצטערער פּרנסה, שלאָגט עס אונטער דעם צווייטנס חיונה, גייט אָן אַ ביטערער שטרייט מיט געשלעגן און שטיינער אין די פענצטער, און צווישן דעם ביטערן שטרייט פאַר חיונה באַפּלט זיך אַ ליבע פון יונגע הערצער. דאָס איז עס אין גאַנצן. פּשוט, אייגן, אַלטעגלעך, אָבער דאָס איז די פּשוטקייט פון דעם, וואָס איז — און איז אַלע מאָל געווען — עכט אין אונדזער לעבן. דאָס איז אונדזער דראַמע. אין „ראָמעאָ און יוליאַ" האָט זיך די ליבע פון די יונגע הערצער אָנגעטראָפן אויף דער פאַמיליע־שנאה, וואָס האָט געשטאַמט פון אַלטע חשבונות. דאָ שטויסט זי זיך אָן אויף דער שנאה, וואָס איר סיבה איז — חיונה. אָרעם, יידישלעך, אָבער אונדזערס. און אין דער אָרעמקייט איז די לופט פון „פאַרוואָרפענעם ווינקל" פּונקט אַזוי עכט ווי די לופט פון שעקספּירס ווערק.

עס איז די יידישע שטיק פון מענטשלעכער באַטייטונג. און נאָך דער עפּאָכע פון יעקב גאָרדין איז עס דאָס ערשטע נייע וואָרט פון גרויסער באַטייטונג אויף דער יידישער בינע. ניט אויף אַ האָר צו פאַרקלענערן דעם ווערט פון קאָברינס בלוט־ און פלייש־דראַמען מיט די שטאַרקע דראַמאַטישע קאָנפליקטן, ניט צו מינדערן די באַטייטונג פון אַשס און דימאָווס שטיק, וואָס זיינען ביי זייער גאַנצער קינסטלערישקייט, מערסטנס פּראָבלעמאַטישע, מיט גלות־פראַגן, רעליגיאָן־פראַגן, יידן־פראַגן אא"וו. זיי טוען און זאָגן זייערס. אָבער אין קיינעם פון זיי פילט זיך ניט יענער גוואַלדיקער איבערגאַנג פון דער טענדענציעזער, אויפן עפעקט־אויסגערעכנט שטיק, צו דער שטילער, עכטער, נאַטירלעכער דראַמע פון פּרץ הירשביין. דאָ איז הירשביין אויף דער יידישער בינע איבעראַשנד־ניי, אָבער צו דער זעלבער צייט, ריידנדיק מיט דער שפּראַך און מיטלען פון דעם ריינעם קינסטלער, רעדט ער צו דעם זעלבן גרויסן עולם, וואָס גאָרדין האָט גערעדט, ווייל דאָס וואָס ער גיט, איז לעבן.

און „דער פאַרוואָרפענער ווינקל" אויף דער בינע באַווייזט וואָס עס קאָן זיין „די פּוסטע קרעטשמע", „דעם שמידס טעכטער", „די גרינע פעלדער" און אַנדערע הירשביינס שטיק. עס עפנט זיך אַ רעפּערטואַר פון נייע זאַכן, וואָס זיינען אומבאַקאַנט דעם יידישן עולם. עס עפנט זיך אויף די בינע פאַר אַ געבוירענעם דראַמאַטורג מיט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. עס קאָן זיך עפענען אַן עפּאָכע, און די עפּאָכע וועט באַטייטן דאָס אַרויפגיין פון דעם יידישן טעאַטער אויפן וועג פון דער נייער דראַמע, די דערנענטערונג פון דעם טעאַטער מיט דער ליטעראַטור. הירשביין איז ניט דער איינציקער, און דאָס יידישע טעאַטער קאָן

ווערן פאַר דער יידישער ליטעראַטור דאָס וואָס אַ טעאַטער דאַרף זיין פאַר אַ ליטעראַטור. עס קאָן ווערן, ווייל די אַנטדעקונג פון שרייבער מיטן רעפערטואַר האָט אויך אַנטדעקט די שוישפילער און דאָס פובליקום. עס האָט אויסגעזען ווי זיי האָבן זיך ביידע געפונען אין יענע ערשטע אָוונטן ווען דאָס שטיק איז אויפגעפירט געוואָרן. עס איז געווען אַן אמתע פרייד, וואָס האָט פאַרייניקט דאָס פובליקום מיט דער בינע, און אין דער פרייד האָט מען באַשיינפערלעך געקאָנט זען ווי די שוישפילער געפינען זיך אַליין. עס איז אַלע מאָל געווען אַ קלאָג־ליד, וואָס פלעגט אַרומגיין צווישן יידישע אַקטיאָרן „וואָס קאָנען מיר טאָן, אַז דאָס פובליקום פאַרלאַנגט שונד?“. דאָס קלאָג־ליד איז איבערגעחזרט געוואָרן יעדן מאָל ווען דעם יידישן אינטעליגענט איז געוואָרן איבערדריסיק צו זיצן אין טעאַטער, און דאָס האָט פאַסירט הונדערטער מאָל, יעדן טאָג. דאָס קלאָג־ליד איז געווען אַ מיטל פאַר יעדן ביליקן אַקטיאָר צו פאַרענטפערן זיין טאַלענטלאָזיקייט און זיין אייגענע תאווה צו דעם „שונד“, וועלכן ער שפילט. דאָס קלאָג־ליד איז געווען דאָס אומגליק אין וועלכן דער טאַלענטפולער שוישפילער אַליין האָט געזונקן, און דאָ מיט אַמאָל איז דאָס קלאָג־ליד אָפגעווישט געוואָרן און אָפגעווישט מיט אַזאַ שטורעם פון אָוואַציעס וועלכן די שוישפילער האָבן נאָך זיכער קיינמאָל ניט געהערט. אין דעם שטורעם איז דייטלעך געווען דער געשריי פון פובליקום: „דאָס ווילן מיר“. עס איז ניט אַזוי געווען די צופרידנקייט פון דעם וואָס מען האָט שוין געזען ווי דער מוט, וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן אויף ווייטער. און סיי די אַלע מאָל גלענצנדע, אַזוי אויך די מער ווי די ווייניקע טאַלענטפולע שוישפילער האָבן געזוכט זיך אַליין איבערשטייגן. מען האָט זיך אַליין געפונען און אויף דער בינע זיינען אַרומגעגאַנגען לעבעדיקע מענטשן, און איר האָט געפילט די צופרידנקייט מיט דעם, וואָס מען איז לעבעדיק. ניט געשפילט, נאָר געלעבט האָט יעדער איינער, און געלעבט אין די געשילדערטע כאַראַקטערן עכט, מענטשלעך. איז דען ניט אַ נחת רוח אַזוי דורכצולעבן ראָלן? עס מוז און דאַרף קלאָר ווערן פאַר די שוישפילער, אַז דאָס אַלטע קלאָג־ליד וועגן פובליקום, וואָס וויל שונד, איז געשטאָרבן. און באַזונדערס טויט איז עס פאַרן „אירווינג פלעיס טעאַטער“, ניט קיין שונד איז מען געקומען זוכן אין דעם טעאַטער ווען עס איז אויפגעעפנט געוואָרן. און וואָס ווייטער קאָן זיך דאָס טעאַטער אַלץ שטאַרקער איבערצייגן, אַז דאָס פובליקום, וואָס האָט ליב דאָס ריינע יידישע וואָרט, איז פאַר אים גרויס גענוג אויסצוהאַלטן עס מיט דעם נייעם רעפערטואַר. עס איז אין דער מעגלעכקייט פון „אירווינג פלעיס טעאַטער“ צו ווערן דאָס יידישע טעאַטער פון וועלכן עס זאָל זיך אָנהייבן דאָס שענסטע קאַפיטל פון דער היגער יידישער טעאַטער־געשיכטע. עס איז דאָ דער רעפערטואַר, די שוישפילער און דאָס פובליקום. און אויב דאָס טעאַטער האָט דעם אויפריכטיקן ווילן, וועט עס ווערן וואָס עס דאַרף זיין.“

**מאָריס שוואַרץ אַליין רופט זיך אַזוי אָפ וועגן איינדרוק פון „פאַרוואָרפענער ווינקל“:**

„. . . געווען אַמאָל ציַיטן ווען אַ נאַרישע ביליקע מעלאָדראַמע האָט געקאָנט „גיין“ 25 וואָכן פאַר געפאַקטע הייזער. דיזן סעזאָן זיינען אָבער דער סאָרט מאַכערייקעס געפאַלן איינס נאָך דאָס אַנדערע. מער ווי איין וואָך, אָדער העכסטנס דריי, האָבן זיי זיך ניט געהאַלטן, דערצו נאָך מיט זייער קלאָגעדיקע פינאַנסיעלע איננאָמען, וואָס איז די אורזאַך? אַ גאַנץ איינפאַכע. אויף דער יידישער בינע, אָרעם ווי זי איז, האָט זיך אַריינגעריסן אַ קליינינקע שטילע רעוואָלוציאָן . . . די רעוואָלוציאָנערן זיינען אייניקע עלעמענטן פון פאָלק, וועלכע זיינען שוין מיד פון נאַרישע זאַכן. ווען איך האָב געעפנט דעם „אירווינג פלעיס טעאַטער“, האָב איך איינגעפירט, אַז יעדן מיטוואָך זאָל געשפילט ווערן ריינע ליטעראַרישע קונסט־פיעסן. אַ סך האָבן אָנפאַנגס געלאַכט פון מיין באַשלוס און געדענקט, אַז דאָס וועט האָבן דעם זעלבן שיקזאַל ווי די מערסטע נאַ׳ווע חלומות. אָבער לאַנג האָט ניט גענומען, און זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז זייער לאַכן און „פראָפעצייען“ האָט קיין שום גרונט ניט געהאַט. די ליטעראַרישע מיטוואָכס זיינען געווען אַזוי פאָפולער און אַזאַ גרויסער פינאַנסיעלער געווינס, אַז כמעט יעדע סאָסייעטי, יוניאָן אָדער אַרבעטער־רינג בראַנטש, וואָס האָט זיך געווענדט צו אונדז פאַר אַ בענעפיס, האָט בלויז פאַרלאַנגט דעם איינעם טאָג פון וואָך — מיטוואָך.

איך האָב נאָר באַדאַרפט צעבלאָזן דאָס פייערל, וואָס האָט שוין לאַנג געטליעט ביי צענדליקער טויזנטער ליבהאָבער פון אמתער קונסט און דראַמע, און דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ מעכטיקן פראָטעסט קעגן אַלץ, וואָס איז ביליק, באַנאַל און שונדמעסיק און דאָס פאָלק אונטערשטיצט מיינע פלענער. אָט איז אַ ביישפיל: מיט אַ וואָך צוריק האָב איך פרובירט אויפפירן פרץ הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל“. דער פאַקט איז, אַז קיין לעגיטימער טעאַטער האָט נאָך ניט געוואָגט צו „נעמען אַ שאַנס“ מיט הירשביינס אַ פיעסע. דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס האָט געהאַט אַ ריזיקן ערפאָלג, סיי מאָראַליש, סיי פינאַנסיעל. און די פרעסע האָט דיזע פאָרשטעלונג מיט לויב און באַגייסטערונג אויפגענומען. מאַנכע קריטיקער רופן אָן די אויפפירונג פון פרץ הירשביינס אַ פיעסע אַ נייע עפאָכע אין יידישן טעאַטער. די באַגייסטערונג, וואָס הערשט אין טעאַטער ביי דער אויפפירונג פון העכסט ליטעראַרישע זאַכן איז כמעט אומבאַשרייבלעך. דאָס באַווייזט, אַז מיר האָבן שוין אַ רייכן באָדן און אַ צוגעגרייטן עלעמענט פאַר בעסערע פיעסן. נאַטירלעך פאַר מיר איז נאָך ניט אַזוי גרינג. איך האָב נאָך אויסצושטייען אַ גרויסן און שווערן פינאַנסיעלן קאַמף, ווייל טויזנטער מענטשן ווייסן נאָך איינפאַך ניט פון „אירווינג פלעיס טעאַטער“, איז דאָך דאָס מיין ערשטער סעזאָן. אָבער לאַנג, האָף איך, וועט ניט נעמען און דאָס „אירווינג פלעיס טעאַטער“ וועט ווערן אַן אומפאַרמיידלעכער פאַקט אין דעם יידיש־קולטורעלן לעבן פון ניו־יאָרק. איצט האָב איך באַשלאָסן צו שפילן הירשביינס אמת־ליטעראַרישע דראַמע פאַר פרייטיק אָוונט, שבת און זונטיק־מאַטינע [נאָכמיטיק] און אָוונט. מאַנכע זאָגן מיר שוין ווידער אונטער, אַז איך פאַרקריך אַ ביסל צו ווייט, אַז איך נעם צו גרויסע שאַנסן, אָבער מיך קימערט [אַרט] עס ניט. איך גיי דערצו מיט אַ זיכערן באַוווסטזיין און מיט אַ שטאַרקן גלויבן אין דעם בעסערן עלעמענט טעאַטער־באַזוכער. איך פיל, אַז טויזנטער וואַרטן מיט אומגעדולד אויף בעסערע זאַכן, און איך ווייס, אַז דאָס פובליקום, דאָס פאָלק, איז מיט מיר, אַז דאָס פאָלק איז מיט הירשביינען, וואָס שטרעבט צו פאַרבעסערן די יידישע בינע, גראָד אַזוי ווי איך. אַז דאָס פאָלק איז מיט די קריטיקער וועמענס ערלעכע מיינונגען פון דעם גרויסן ערפאָלג זיי האָבן געלעזן. וועט מיין איצטיקער פאַרזוך זיין אַ געלונגענער, דאַן הייבט זיך אָן אַ שיינע יידישע בינע, אַ נייע עפאָכע אין יידישן טעאַטער“.

**אסתר שומיאַטשער־הירשביין דערציילט:**

„פּרץ איז געווען אין מיין שטעטל קאַלגאַרי בשעת „אַ פאַרוואָרפן ווינקל“ האָט געהאַט אַזאַ פענאָמענאַלן דערפאָלג. יעקב בן־עמי און מאָריס שוואַרץ ע״ה האָבן געקלאַפּט דעפּעש נאָך דעפּעש: „פּרץ, מוזט קומען און זען מיט דיינע אייגענע אויגן וואָס דאָ טוט זיך! די באַגייסטערונג פונם טעאַטער־גייער ...עס איז אַזעלכעס ניט געווען און וועט ניט זיין אין דער יידישער טעאַטער־געשיכטע“.

הכלל, פּרץ סערדצע נעמט די בשורה אויף גאַנץ קאַלטבלוטיק. פרעגט אים מיין ברודער הערי:

— היתכן, פּרץ, וואָס זיצסטו דאָ אין אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל קאַלגאַרי ווען אין ניו־יאָרק איז אַזאַ „שׂרפה“, און טאַקע צוליב דיין פּיעסע „אַ פאַרוואָרפן ווינקל“?

ענטפערט אים פּרץ:

— איי, ברודערל הערי, איך בין איצט פאַרנומען אויספירן אַ ליבע און ס׳טעאַטער וועט, אם ירצה השם, אויסקומען אָן מיין וויניקייט.

הכלל, ער האָט אויסגעפירט. מיר זיינען געקומען אויף דער 10טער וואָך. פּרץ האָט קיינעם ניט געלאָזט וויסן (דאָס איז געווען זיין שטייגער, ער קומט אינקאָגניטאָ, הייסט עס) מיר זיינען צו צום טעאַטער, הימל און ערד מיט מענטשן! שטופּ אַהער, שטופּ אַהין, ביז מען האָט אָנגעזאָגט הינטער די קוליסן, אַז פּרץ הירשביין איז דאָ, אָבער דער עולם טראָגט אים אַרום ווי אַ שפּענדעלע, איבער די קעפּ ממש ...איז מען פון הינטער די קוליסן געקומען מיט אַ פּאָליציאַנט, און דער פּאָליציייִשער שטעקן האָט אונדז צוגעפירט הינטער דער בינע. דער ערשטער, וואָס איז אונדז געקומען אַנטקעגן איז געווען מאָריס שוואַרץ. מיט זיין געוויינטלעכער ברייטקייט באַגריסט פּרצן און זיך תיכף גענומען צום געשעפט:

— זעט וואָס פאַר אַ סוקסעס איך האָב עס פאַר אייך געמאַכט! פון היינט אָן און ווייטער וויל איך האָבן ס׳רעכט אויף אַלע אייערע פּיעסן געשריבן ביז אַהער און פּיעסן, וואָס איר וועט נאָך שרייבן.

פּרץ שווייגט אַ ווײַלע. שוואַרץ קוקט אים אָן ווי ער וואָלט געווען אַן אויסטערליש טראָפּישער פויגל, און הירשביין ציילט ממש די אותיות אויף זיין פאַמעלעכן שטייגער:

— ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַ מענטש, וואָס האָט געליען אַן עמער אָנצופילן אַ פעסל וואַסער, אַז דער עמער זאָל אים אויך געהערן?

שוואַרץ קוקט אָן הירשביינען מיט אַ צעטומלטן בליק, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען די אַנאַלאָגיע פון דעם שפּרוך.

אַ ביסל שפּעטער איז שוואַרץ געקומען פאַרהאַנדלען מיט הירשביינען. ער וויל זיך תיכף נעמען פאַר אַ צווייטער הירשביין־אויפפירונג — „דעם שמידס טעכטער“. פּרץ האָט אים אָפּגעזאָגט און צומאָרגנס זיינען מיר שוין געווען אין וועג.“

**דער שריפטשטעלער א. ליטווין צווייפלט צי ס׳איז שוין געקומען די צייט וואָס אַ בעסער יידיש טעאַטער קאָן עקזיסטירן ניט צוליב דעם וואָס יידישע אַקטיאָרן קוקן אויף זייער קונסט ווי אויף אַ פּשוטע ביזנעס און אויך ניט דערפאַר וואָס דער ניט־אַנטוויקלטער יידישער טעאַטער־באַזוכער זוכט נאָר בלויז ביליקע פאַרווײַלונג אין טעאַטער, נאָר:**

„איך בין גענייגט צו דענקן, אַז ניט די, ניט יענע זיינען דירעקט שולדיק. שולדיק זיינען מיר, שולדיק איז די יידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז נאָך ניט געקומען צום באַוווסטזיין, אַז דער טעאַטער איז ניט קיין פלאַץ פאַר אויסלאַכן זיך. אויסגענעצן זיך און — פאַר אַ געוויסן טייל באַזוכער — דורכדרעמלען זיך נאָך דער אַרבעט. אַז דער טעאַטער דאַרף ניט און טאָר ניט זיין קיין פּריוואַטע ביזנעס, אַז ער איז די העכסטע ערציִונגס־אינסטיטוציע פאַרן פאָלק און דעריבער טאָר עס ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קראָם, אין אַ פּראָפיט־אונטערנעמונג. דער פּראָפיט פון אַ גוטן טעאַטער, אַזוי ווי פון אַ פאָלקס־שול, פון אַ העכערע שול, איז ניט אין געלט, וואָס קומט צוריק דורך טיקעטס, נאָר אין דער גייסטיקער און עסטעטישער אויסבילדונג פון די מאַסן. אַ שולע מוז אויסגעהאַלטן ווערן פון דעם שטאַט אָדער פון דער געזעלשאַפט. דאָס זעלבע מוז זיין מיט דעם טעאַטער.“

## „נאָראַ“

דעם 19טן נאָוועמבער 1918 ווערט, מיט בערטאַ גערסטען אין דער טיטל־ראָל, אויפגעפירט „נאָראַ“ פון הענריק איבסען.

**איש אמת [דר. י. וואַרטסמאַן] שרייבט:**

„עס האָט מיך שוין לאַנג אַזוי ניט פאַרדראָסן וואָס אַ יידיש טעאַטער האָט געהאַט אַ שוואַכן באַזוך ווי דעם לעצטן מאָנטיק אָונט ווען איבסענס „נאָראַ“ איז אַזוי פּראַכטפול געשפּילט געוואָרן פון בערטאַ גערסטען. עס איז זייער מעגלעך, און אפשר העכסט־וואַרשיינלעך, אַז דער גרויסער מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, אויף וועלכן די ראַדיקאַלע יידישע יוגנט איז געווען שטאַרק פאַרטראָטן, זי איז פיל שולדיק אין דעם. וואָס דער „אירווינג פּלעיס טעאַטער“ איז געווען שוואַך באַזוכט, און אפשר איז אויך צום טייל די פּרעסע שולדיק, ווייל ביז איצט איז וועגן דיזער גרויסאַרטיקער פאָרשטעלונג נאָך ניט געשריבן געוואָרן. ....אין דער ראָל פון „נאָראַ“ האָבן זיך שוין פילע אַקטעריסעס פאַרשאַפן אַ נאָמען, און די מיס גערסטען מעג זיך ווירקלעך גראַטולירן מיט איר ערפאָלג. איך, וויניקסטנס, האָב זי קיינמאָל ניט געזען שפּילן אַזוי גוט, אַזוי איבערציינגנד, און אַזוי קינסטלעריש. מיס גערסטין האָט ניט געשפּילט די ראָלע פון „נאָראַ“, נאָר זי האָט די לעבעדיקע „נאָראַ“ געשאַפן. און אַזוי לאַנג ווי זי איז געווען אויף דער בינע, האָט איר פאַר אייך געזען יענעם טיפּ „נאָראַ“ וועלכן איבסען האָט אַזוי קינסטלעריש געמאָלן. באַזונדערס גרויס איז זי אין צווייטן אַקט. זי האָט דאָרט עטלעכע פיינע איבערגאַנגען פון אַ טיפן טרויער אין אַ לייכטער פרייִלעכקייט אום אָפּצוציען דעם מאַנס אויפמערקזאַמקייט פון דעם נשמה־קאַמף, וואָס גייט אין איר פאָר, און אָט דיזע איבערגאַנגען פירט זי דורך אמת קינסטלעריש.

באָריס ראָזענטאַל שפּילט די ראָלע פון נאָראַס מאַן, ראָבערט העלמער, און ער איז גאָר ניט שלעכט, און אין מאַנכע מאָמענטן גאַנץ גוט. מאַדאַם אַפּעל גיט אַ גאַנץ גוטע קריסטינע. ניט זייער געלונגען פירט דורך בן־עמי זיין ראָלע אַלס דר. ראַנק. איבערהויפּט אין ערשטן אַקט איז ער שוואַך. מיר דוכט זיך, אַז שולדיק אין דעם איז זיין ניט ריכטיקע אויפפאַסונג פון זיין ראָלע. י. גאָלדשמידט וואָלט געגעבן אַ פיל בעסערן קראָגסטאַד ווען ער זאָל אין זיך פילן אַ ביסל מער זיכערקייט. ער שפּילט די ראָלע



בערטאַ גערסטען
אַלס „נאַראַ"

גאַנץ גוט, נאָר דאָך האָט מען עפּעס דעם איינדרוק ווי ער וואָלט צייטנווייז שפּאַצירט אויף אַ שפּיגל און שרעקט זיך אַ טראָט צו טאָן".

### י. ענטין שרייבט:

„מאָנטיק נאַכט האָב איך אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" ביי־געווינט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג פון איבסענס „ליאַלקע שטוב" אָדער „נאָראַ", ווי מען רופט די פּיעסע געוויינלעך. איך בין ניט נאָר געווען שטאַרק פאַרינטערעסירט, נאָר איך האָב ממש ניט ווייניק הנאה געהאַט. אויב איך האָב געהאַט וועלכן ס'איז פאַרדראָס, איז ער נאָר געווען איבערן באַזוך, וואָס ער איז געווען אַ גאַנץ שוואַכער . . . אפשר האָט דער געדאַנק פון אַ „נאָראַ" געשפּילט פון דער יונגער שוישפּילערין בערטאַ גערסטען, וואָס ביז איצט איז זי פּאַקטיש נאָך אין קיין איין גרויסער ראָלע ניט אויפגעטראָטן, אונדזערע טעאַטראַלן ניט פיל פאַרשפּראָכן. ווייל איך באַמערקן, אַז אַזאַ צימלעך גלאַטע, האַרמאָנישע און אייגנט־לעך געשמאַקפולע אויפפירונג פון דער „ליאַלקע שטוב" ווי די פון „אוירווינג פּלייס טעאַטער", זעט מען אין ערגעץ ניט אַזוי אָפט, און וואָס איז שייך בערטאַ גערסטענס „נאָראַ", ווייזט זי מיט איר שפּילן, אַז מען האָט פון איר געקאָנט ערוואַרטן אַ סך מער איידער מען האָט פון איר ביז איצט געזען.

מאַדאַם גערסטענס „נאָראַ" איז זייער אַן אינטערעסאַנטע. זי האָט אַ גלענצנדע פאַרשטענדניש פאַר דער ראָלע. איר אויפפאַ־סונג איז גאַנץ פולשטענדיק, ברייט און טיף, אויך לעבט זי אין דער ראָלע גוט. די מאַדאַם גערסטען מאַכט דאָ אַ גרויסע אָנ־שטרענגונג, צונויפנעמענדיק אַלע אירע קרעפטן, אויפהייבנדיק זיך פאַר דאָס הויכע ציל אַזוי הויך ווי זי קאָן נאָר, צונויפזאַמ־לענדיק איר גאַנצע אינטעלעקטואַליטעט, איר גאַנצן טעמפּעראַ־מענט, איר גאַנצע גאַמע פון טענער און האַלבע טענער, פון ניואַנסן און שאַטירונגען און עס איז גוט און ווויל און עסטעטיש אָנגענעם צו זען אַן אַרטיסט אַרבעטן מיט אַלע זיינע קרעפטן, אַרויסגעבנדיק דאָס בעסטע וואָס אין אים איז פאַראַן, און עס איז טאַקע אמת כדאי. בערטאַ גערסטענס „נאָראַ" איז כמעט אי־מער חנודיק און אָפט איז זי גאַנץ גוט און מערערע מאָל איז זי ווירקלעך שטאַרק. איך האָב נאָך קיינמאָל פון דער מאַד. גערס־טען ניט געזען אַזויפיל אמתן טעמפּעראַמענט. ניט קולות און



גוואַלדן און אַ צעבראָכן פנים, נאָר טאַקע אמתדיק איבערלעבן און דורכפילן, דאָך אָן דער איבערטרייבונג, וואָס מאַכט דאָס שפּילן אומאָנגענעם — ווי אין דער ראָלע פון „נאָראַ". פאַר־שטייט זיך, עס זיינען אויך פאַראַן פעלערן אין איר שפּילן. אָפּט־מאָל איז זי יידישלעך, וואָס דאָס קליידט דער אייראָפּעישער נאָראַן זייער ווייניק. מאַנכעס מאָל איז זי ניט גענוג אינטעלעקטואַל. אויך שטייט זי ניט אימער אויף דער זעלבער הויך און מאַנכעס מאָל פאַלט זי זאָגאַר אַרויס פון טאָן. אַזוי, אַז עס איז קענטיק דאָס די מאַדאַם גערסטען האָט איר ראָלע דאָך ניט גענוג איינ־געשטודירט. עס פעלט איר אויך אַ ביסל פרישקייט, יוגנטלעכ־קייט, שפּילעוודיקייט און פויגלשע זאָרגלאָזיקייט. אַלץ זאַכן, וואָס זיינען פאַר נאָראַן אין אירע שטילערע מאָמענטן אַזוי נייטיק ווי וואַ־סער פאַר אַ פיש. אָבער דערפאַר ווי וואַקסט די יונגע אַרטיסטין אויס אין די שטאַרקע מאָמענטן! זי גיט אין איר ראָלע אַריין אַ סך לעבן, פילט זי אויס מיט געדאַנק און פאַרשטענדיקייט. זי ברענגט פון איר אַרויס די מוטער, די פרוי, די נאָ.ווע טרוי־מערין, דאָס קינד־ווייב, וואָס האָט אַרום זיך אַרומגעוועבט אַ נעץ פון ראָמאַנטיש־צויבערלעכע העראָישע טרעפונגען, און גאַנץ באַזונדערס ברענגט זי אַרויס נאָראַס זאָרג, שרעק און פאַרצווייפ־לונג, ווי איר אידילישע צויבער־נעץ ווערט מיט גראָבע הענט צעפליקט, צעריסן. נאָראַס שרעק, ווען עס קומט אָן דער קריזיס און זי זוכט זיך צו פאַרטומלען מיטן אָנקומענדיקן באַל און מיט דעם טאַראַנטעלאַ־טאַנץ ברענגט די מאַדאַם גערסטען אַרויס זייער שטאַרק און היגרייסנד. איך עראינער מיך דאָס מיט יאָרן צוריק ווען איך האָב געזען די מאַדאַם פּיסק אין דער ראָלע, איז זי אין דער באַטרעפנדער טאַראַנטעלאַ־סצענע ווייט ניט געווען אַזוי היגרייסנד. אויך נאָראַס פאַרצווייפלונג אין דריטן אַקט, ווען דער ביטערער, וואָכעדיקער אמת לאָזט זיך אויף איר אַראָפּ, קומט ביי דער מאַד. גערסטען אַרויס גאַנץ איינדרוקספול, נאַטירלעך, און יענע באַרימטע סצענע, אין דריטן אַקט, נאָכן קריזיס, ווען נאָראַ ווערט אין איין רגע איבערגעקאָכט פון אַ ליאַלקע־פרוי אין אַן אינטעלעקטועלן וועזן, אין אַ פעמיניסטישער קעמפערין. אין יע־נער סצענע ווערט דער מאַד. גערסטענס פייער אויסגעלאָשן. דאָך איז דאָס בלויז אין איינקלאַנג מיט דער ראָלע ווי זי איז געשריבן געוואָרן. אויף דער דאָזיקער פּלוצלינגער איבערענדערונג פון נאָראַן פרעגט די וועלט אַ קשיא פון זינט די פּיעסע האָט די ליכטיקע שיין דערזען. עס איז אַן אָפּגרונט, אָבער דער אָפּגרונט איז איבסענס און ניט אים אַליין איז געלונגען אים איבערצושפּאַ־נען, ניט, ווי ווי מיר איז באַוווסט, די גרעסערע שוישפּילערינס. גענוג פון דער יונגער מאַדאַם גערסטען, אַז אויך אין דער פּי־לאָזאָפישער סצענע, אין סוף דריטן אַקט, אין דער סצענע פון אויסטענהען זיך פון נאָראַן מיט העלמאַרן, ריכטיקער פון איב־סענס נייער פרוי מיט דער אַלטער וועלט, איז די מאַדאַם גערסטען געווען זיכער, קלאָר און פעסט און דאָך ניט רעזאָנעריש־שרייעוו־דיק. און, ווי געזאָגט, האָט זי אַרום און אַרום געשאַפן אַ חנודיקע, און אינטעלעקטועלע און שטאַרקע ראָלע, און זיכער האָט זי זיך מיט איר שיין פאַררעקאָמאַנדירט און זיכער שטעלט זי זיך דאָ אַוועק פיל, פיל העכער איידער זי איז ווען עס איז פריער גע־שטאַנען.

אָבער ניט בלויז צוליב דער מאַדאַם גערסטען אַליין איז די אויפפירונג כדאי צו זען ....די מאַדאַם גערסטען געפינט זיך דאָ אין אַ גאַנץ גוטער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זי גאַרניט שלעכט אונטער און העלפט זייער פיל מיט אַרויסצוברענגען איב־

סצענס נאָך אימער אינטערעסאַנט פּראָבלעם־שטיק. מר. ראָזענטאַל אַלס העלמאַר איז מייסטנטיילס אָנגענעם, עלעגאַנט און לעבעדיק. קיין אויסערלעכע אייגנשאַפטן פעלן מר. ראָזענטאַלן ניט. ער איז אָבער נאָך אַלץ אָרעמלעך אין טעמפּעראַמענט און דער מאַנגל אין פייער גיט זיך טרויעריקלעך צו פילן אין זיין גרויסער סצענע אין דריטן אַקט, אָבער מיט די קלענערע סצענעס ווו עס פאָדערט זיך ווייניקער ליידנשאַפט, ווערט ער פאַרטיק גאָר נישקשה, און דאָרט ווו בלויז גוטמוטיקייט, עלעגאַנץ און שפּאָס זיינען גענוג, איז ער גאַנץ אָנגענעם. אַ גאַנץ שטאַרקן איינדרוק לאָזט איבער מר. בן־עמי אַלס די [דער] העלמאַרס הויז־פריינט דר. ראַנק. ער ערפילט טריי די אויפגאַבע פון דר. ראַנק איבערצולאָזן אַ שווערע, אומהיימלעכע שטימונג אויף דער בינע, אַ שטימונג פון צעפאַלנקייט, טויט און קבר. מר. בן־עמיס אידעע ווי אַזוי פאַרצושטעלן דעם דאָזיקן טיפּ איז זייער אַן אינטערעסאַנטע. ער פירט זי דורך זייער אויסגעהאַלטן ביז צו די קלענסטע קלייניקייטן. פון דעם אופן ווי אַזוי ער דרייט די וואָנסען אין אַ מאָמענט פון ערגערניש ביז צו דער מאַניער ווי ער לייגט אַריבער אַ פוס איבער אַ פוס, פילנדיק דערביי גרויסע פיזישע שמערצן. עס איז אַ שפּילן אין אמתן זין פון וואָרט. בן־עמי לאָזט קיינמאָל ניט אָפּציען פון זיך דעם פּובליקומס אויפמערקזאַמקייט. מען קאָן אויף קיין איין רגע ניט פאַרגעסן, אַז ער איז אויף דער בינע און מען קאָן אויף קיין איין רגע זיך ניט באַפרייען פון די שרעק — די שרעק פון צעפאַלנקייט און טויט — וואָס ער ווייעט אָן. אָבער פעלערהאַפט איז עס דאָך. דאָס הייסט שוין „אַריבערהורדוסן“, דאָס הייסט איבסענס אידעע־פּיקס פון דער קראַפט פון „ירושה“ נאָך מער צו פאַראיבסענען, צו פאַרפיקסירן. עס איז אַן איבערטרייבונג, און ממילא ווערט עס מאָנאָטאָן. אַפילו איבסען האָט ראַנקענען אַריינגעגעבן אַ פּאָר שאַטירונגען, אַ פּאָר אָפּוועקסלונגען פון זיין הויפּט־שטריך: קלוגקייט, אַ קלוגן ציניזם אַ געוויסע שפּילעוודיקייט. זיי אָבער ברענגט בן־עמי גאָרניט אַרויס, און דאָס קומט דערפון וואָס ער מאָלט אַזוי געדיכט דר. ראַנקס הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון אַ לעבעדיקן טויטן. דער הויפּט־שטריך פאַרטרינקט די נעבן־שטריכן.

מאַדאַם אַפּעל שפּילט די ראָלע פון קריסטינאַ, נאָראַס פריינדין, און זי שפּילט זי זייער אינטעליגענט און ערלעך. עס איז אַ קליינע, פוילע, וויאלע ראָלע. אַקטיאָרן האָבן אַזעלכע ראָלן געוויינלעך ניט ליב און ווען זיי מאַכן מער פאַרביק, גיבן זיי אין זיי אַריין מער „פייער“. די מאַדאַם אַפּעל וואָלט אַזאַ קונץ געקאָנט באַווייזן מיט גאָר קנאַפּער אָנשטרענגונג, אָבער זי האָט זיך אינטעליגענט צוריק און וועדליק אַ תלמידה פון אונדזער שרייעדיקער בינע, קומט דער מאד. אַפּעל אַ וואַרעמער קאָמפּלימענט פאַר איר אינטעליגענטער צוריקהאַלטן זיך. איר האַלטונג איז יעדנפאַלס פריש און טרויעריק שיין און וויפל אין קריסטיאַנען איז דאָ פאַרב, ברענגט זי עס אַרויס נאָך מיט אַ „סמיטשיק“. מר גאָלדסמידט, וועלכער שפּילט קראַנסטאַדן, פאַלט אַריין אין דעם געוויינלעכן טעות (אין וועלכן איבסען אַליין איז אויך אַריינגעפאַלן) פאַרצושטעלן זיין פאַרשוין אַלס אינטריגאַנט. ער איז בייז און ער שרייט און דאָס מאַכט ניט קיין גוטן איינדרוק און שמעקט מיט אונדזער טעאַטער־אַלטקייט. ליידנשאַפט האָט קראַנסטאַד און מר. גאָלדסמידט ברענגט עס אַרויס ביים אָנפאַנג פון כמעט יעדן אויפטריט זיינעם, אָבער ער קאָן זיין ליידנשאַפט ניט צוהאַלטן. באַלד לעשט זי זיך ביי אים אויס און דאַן בלייבט דער פוסטער, אינטריגאַנטישער געשריי. די ליבעס־סצענע צווישן





קראַנסטאַד און קריסטינאַ, אין דריטן אַקט, איבערהויפּט אין אָנפאַנג, ברענגט מר. גאָלדסמיט אַרויס וווּנדערבאַר שיין, איידל און אינטעליגענט.“

## ב. גאָרין שרייבט:

„פאַריקע וואָך האָב איך געזען די ערשטע פאָרשטעלונג פון „נאָראַ“ אין אוירווינג פּלייס טעאַטער. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט ניט געמאַכט די נייטיקע צאָל פּראָבן און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויפן שפּילן. יעדע פּיעסע ליידט זייער שטאַרק ווען זי ווערט געשפּילט אָן געהעריקע פּראָבן, און בפרט אַזאַ פּיעסע ווי „נאָראַ“. דאָ איז ניט גענוג צו קאָנען אַרויסריידן די ווערטער גלאַטיק. דאָ איז ניט גענוג צו וויסן ווו צו שטעלן זיך און ווו צו זעצן זיך. דאָ פאָדערט זיך, אַז די מינדסטע שאַטירונג זאָל ניט פאַרלאָרן גיין, אַז די מינדסטע זעלטן־באַוועגונג זאָל דערגרייכן צום צושויער, און דערצו פאָדערט זיך, אַ חוץ גרויסן טאַלענט, אַ סך צייט צו שטודירן, און אַז מען מאַכט ניט די נייטיקע פּראָבן, ווייזט זיך דאָס דייטלעך אַרויס אין דעם שפּילן.

די ראָל פון נאָראַ האָט געשפּילט די יונגע אַקטריסע בערטאַ גערסטען. איר ערשטער אַריינטריט האָט געוויזן, אַז זי פילט די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער ראָל, און איר נערוועזיטעט האָט אַרויסגעלייגט אַ שטייפקייט אויף אירע באַוועגונגען, און דאָ אין דעם ערשטן אַקט דאַרף זי זיין לייכט ווי אַ ווינט און דורכויס באַוועגונג. די קינדיש, זינגנדיקע, שפּרינגנדיקע, טאַנצנדיקע נאָראַ פון דעם ערשטן אַקט האָט געליטן פון דער נערוועזער שטייפקייט און דערצו האָבן די, וואָס האָבן געשפּילט אַנטקעגן איר, ניט געכאַפּט דעם ריכטיקן טאָן און אייניקע פון די שענסטע סצענעס ביים סוף ערשטן אַקט איז פאַרדאָרבן געוואָרן. .... אין צווייטן אַקט איז מיס גערסטען געקומען צו זיך און דערוואַרעמט זיך און דערפילט זיך היימישער און דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז זי פאַלט אַריין אין שרעק ווען זי זעט ווי קראָנסטאַד וואַרפט אַריין דעם בריוו אין לעטער־באָקס [פּאָסט־קעסטל]. די דאָזיקע סצענע איז פאַרן סוף פון צווייטן אַקט און זי איז אַרויסגעקומען בלייך. אויך בלייך איז אַרויסגעקומען דער סוף פון לעצטן אַקט. די ראָל פון טאָרוואַלד העלמער האָט געשפּילט מאָריס שוואַרץ און זי איז אַרויסגעקומען פאַרבלאָז. פון דעם ערשטן אַקט, ווען ער לאָזט הערן הינטער דער טיר „שטער מיר ניט“, ביז דעם הויב מיט די אַקסלען אין דעם לעצטן אַקט, ווען נאָראַ פאַרלאָזט זיין הויז, איז ער אַ ווייכער יונגערמאַנטשיק וועמען נאָראַ קאָן פאַרדרייען אויף איר קליינעם פינגער און מען זעט אין אים בשום אופן ניט דעם פּראַנט, וואָס מאַכט דעם חורבן אין דעם גליקלעכן הויז. גאָלדסמיט האָט געשפּילט די ראָל פון קראָנסטאַד און ער האָט אין דעם ערשטן אַקט ניט געכאַפּט דעם ריכטיקן טאָן, נאָר שפּעטער איז ער געקומען צו זיך און ער איז געווען פיל בעסער אין די אַנדערע צוויי אַקטן. די ראָל פון דר. ראַנק האָט געשפּילט בן־עמי. די ראָל איז ניט קיין גרויסע און ער האָט זייער ווייניק צו טאָן. אין זיין האַלטונג האָט זיך געשפּירט אַן אָנגעבלאָזנקייט. מרס. אַפּעל האָט געשפּילט די ראָל פון פרוי לינדע. די ראָל איז אויך אַ קליינע און אַ שוישפּילערין האָט זייער ווייניק צו טאָן. אָבער ניט קוקנדיק דערויף וואָס אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך געפילט ניט היימיש אויף דער בינע, האָט דאָס פּובליקום זייער וואַרעם אויפגענומען די פאָרשטעלונג און האָט שטאַרק אַפּלאָדירט די שוישפּילער, און ווי מען דערציילט זיינען די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען פון נאָראַ נאָך וואַרעמער אויפגענומען געוואָרן.“

## „דעם טייוולס פרוי"

דעם 26סטן נאָוועמבער 1918 ווערט מיטן אָנטייל פון מאָריס שוואַרץ, יעקב בן־עמי און די שוישפילערין יעטא מארי אויפגעפירט „דעם טייוולס פרוי" פון קאַרל שענהער.

## „ר ע ז ו ר ע ק ש אָ ן"



גראַף טאָלסטאָי

מחבר

**דעם 4טן דעצעמבער 1916 ווערט א ו י פ ג ע פ י ר ט די דראַמאַטיזאַציע „רעזורעקשאָן" [„תחית המתים"] לויט גראַף טאָלסטאָי, וואָס אין שוין געווען אין פֿריערדיקן רעפּערטואר פון יידישן טעאַטער.**

**די פּיעסע איז מער דאָרט ניט געשפּילט געוואָרן.**

## „קרומע וועגן פון ליבע"



דוד פינסקי

מחבר

**דעם 11טן דעצעמבער 1916 איז א'ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט גֿעוואָרן „קרומע וועגן פון ליבע" פון דוד פּינסקי. די פּיעסע איז זייער שלעכט אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק, און איז באַלד אַראָפּ־גענומען געוואָרן.**

**[קיין אַנדערע נייע פּינסקי־פּיעסע איז מער אין „קונסט־טעאַטער" קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן הגם שפּעטער איז אַזאַ פּיעסע אַנאָנסירט געוואָרן].**

**ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] שרייבט:**

„עס וואָלט געווען אַ ליגן ווען מיר וואָלטן געזאָגט, אַז מיר האָבן געהאַט אירגנד [וועלכן ס'איז] פאַרגניגן פאָרלעצטן מיט־וואָך אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער ווען פּינסקיס נייע דראַמע איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן. מיר גייען נאָך ווייטער און באַהויפּטן, אַז מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אירגענד ווער פון די אָנוועזנדע זאָל האָבן אַנדערש געפילט ווי מיר. און מיר וועלן גיין נאָך ווייטער און באַהויפּטן, אַז די אַקטיאָרן אַליין האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין פאַרגניגן אין דער אויספירונג פון זייערע ראָלן, און זיי, אפשר מער פון אונדז אַלע זיינען געווען אמתע מאַרטירער. געוויס האָבן זיי אפשר געהאַט דעם פאַרגניגן פון גלייבן דאָס זיי זיינען מאַרטירער פאַר אַ הייליקע זאַך, לשם די ריינע, הייליקע קונסט. גליקלעכע מענטשן, אויב זיי קאָנען זיך דאָס איינריידן, אָבער מיר מוזן זיי זאָגן, אַז זייער מאַרטירער־שאַפט איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע. ניט פאַר קונסט האָבן זיי געקרימט און געלאַרעמט, געהאַווקעט און געיוֹאָיעט. קונסט פאָ־דערט ניט אַזאַ שרעקלעכן אָפּפער [קרבן], אַז דער מענטש זאָל ווערן אויס מענטש. דאָס פאָדערט נאָר דער סאַמע היפך פון קונסט. דאָס, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען פון שונד. איז עס אָבער שונד? בנאמנות, מיר ווייסן ניט ווי דאָס אָנצורופן. אונטער שונד פאַרשטייט מען עטוואָס וואָס איז פאַלש, איז קאַ־



ריקאַטורמעסיק, אָבער בשום אופן ניט לאַנגווייליק. פּינסקיס דראַמע איז אָבער אויך שרעקלעך אומדערטרעגלעך לאַנגווייליק.

מיר האָבן מיט יאָרן צוריק געלייענט אַ ביכעלע, דאַכט זיך, פון קנוט האַמסון, אונטער דעם נאָמען „די שקלאַפן פון ליבע". די געשילדערטע בילדער און סיטואַציאָנען זיינען שוין פאַר־שוואונדן אין אונדזער זכרון, אָבער די אַלגעמיינע אידעע, וואָס איז שוין אַנטהאַלטן אין דעם נאָמען פון דעם ביכל זעלבסט, די איז פאַרבליבן, און דאָס איז ווי די ליבע מאַכט געוויסע מענטשן גאַנץ כאַראַקטערלאָז און פאַרוואַנדלט זיי פשוט אין שקלאַפן פון די וועמען זיי ליבן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ גאַנץ אינ־טערעסאַנטע טעמע, ווייל דאָס איז דאָך ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך. פונקט ווי אין מאַנכע פעלע [פאַלן] מאַכט די ליבע איינעם שטאַרק און באַגייסטערט אים צו אַלערליי העלדישע טאַטען, אַזוי פּאַסירט עס אויך, אַז די ליבע, און באַזונדערס אַן אומגליקלעכע ליבע, דאָס הייסט אַזאַ, אויף וועלכער עס איז ניטאָ קיין אָפּרוף אויף דער אַנדערער זייט, זאָל מאַכן דעם אומגליקלעכן אָדער די אומגליקלעכע פאַר אַווירקלעכן שקלאַף אָדער שקלאַפין. כדי אָבער די טעמע זאָל זיין ווירקלעך אינטערעסאַנט, מוזן מיר, ערשטנס, קענען די מענטשן ווי זיי זיינען געווען אין זייער גע־זונטן, נאָרמאַלן צושטאַנד, ווי שטאַרק און ענערגיש זיי זיינען געווען אום צו באַגרייפן די ווירקונג פון דער ליבעס־חולאת, וואָס איז זיי באַפאַלן. אָנגענומען דעם פאַל פון אַ מענטשן, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען נאָרמאַל, אימער־צו [תמיד] כאַראַקטער־לאָז, ווערנדיק באַהערשט פון אַזאַ ליבע, האָט אַזאַ פאַל פאַר אונדז פונקט אַזאַ אינטערעס ווי ווען אַ בלינדער זאָל געשטרויכלט ווערן. דאָס הייסט, אַ גאַנץ קנאַפּן אינטערעס.

נון, פּינסקיס נייעסטע דראַמע „די קרומע וועגן פון ליבע" אַנטהאַלט די זעלביקע אידעע, וואָס אַנטהאַלט אין זיך „די שקלאַ־פן פון ליבע" פון קנוט האַמסון, אָבער אָן דער נייטיקער קונסט, וואָס נאָר זי אַליין קאָן געבן לייב און לעבן דער אידעע. צוערשט באַקענען מיר זיך מיט אַ קראַנקן בחור, וואָס ליידט נעבעך פון דיזער ליבעס־חולאת. ווי עס ווייזט אויס, איז ער קראַנק קער־פּערלעך. עס פעלט אים אַ לונג אָדער אפשר גאַנצע איינס און דריי פערטל, און דערצו איז ער אויך גייסטיק קראַנק. ער ליבט האָפנונגסלאָז אַ מיידל, וועלכע פונקט ווי ער, איז פאַרליבט אין אַן אַנדערן, וועלכער, פּונקט ווי זיי בײדע, איז פאַרליבט אין אַ דריטע, וועלכע, אין קעגנזאַץ צו די אַלע דריי, ליבט נאָר זיך, און איז דערפאַר די הערשערין איבער זיי אַלע. פאַראַן נאָך איינע, וועלכע ליבט אָט דעם העלד אין וועלכע אַלע מיידלעך פאַרליבן זיך. זי ליבט אים פּונקט אַזוי שטאַרק, און ווען זי געפינט אויס, אַז ער ליבט איר דאָך ניט, הייבט זי אים אָן, דאַכט זיך, צו האַסן, אָבער איר האַס גייט ניט ווייטער ווי עט־לעכע ביטערע ווערטער. אין האַנדלונג, אין טאַט, ווערט דער האַס ניט פאַרוואַנדלט. פאָלגלעך, ניט אַכטנד אויף אַלע אירע רייד, איז זי פּונקט אַזאַ שקלאַפין פון ליבע ווי די אַנדערע מיידל, וואָס איז פאַרליבט אין דעם העלד פון דער געשיכטע, און איז פּונקט אַזאַ שקלאַפין ווי דער העלד אַליין, וואָס פאַרליבט זיך גאָר אין אַן אַנדער מיידל, וועלכע איז אפשר אויך אַ שקלאַפין פון ליבע אין דעם זין, דאָס עמיצער מוז זי ליב האָבן, און ווען איר געליבטער פאַרלאָזט איר צוליב אַ העכערע פליכט, טראַכט זי ניט לאַנג און בייט אים אויס אויף אַן אַנדערן, ווייל... ווייל לויט איר געפיל איז בעסער צו האָבן אַ ווייניקער געליבטן פון דער נאָנט אײדער אַ שטאַרק געליבטן פון דערווייטנס.

**[יאַנאָווסקי צעגלידערט דעם גאַנג פון די פּיעסע און קומט צום באַשלוס]:**

וואָס זשע איז עס פאַר אַ דראַמע? מיר האָבן געטראַכט און געטראַכט וואָס דאָס איז, וואָס פאַר אַ פּאַסנדן נאָמען מען קאָן עס געבן, און מיר זיינען זיך מודה. מיר האָבן ניט געפונען קיין אַנדערן וואָרט פאַר דעם ווי פּשוט „מאַכערייקע” אין וועלכער עס איז בולט אַן אומגעהייערע פּרעטענזיע, אָבער אַ שרעקלעכע, אַן אויגן־אויסשטעכנדיקע אימפּאָטענץ. עס איז ווירקלעך אַ גרויסער רחמנות אויפן עולם, און אפשר נאָך אַ גרעסערער רחמנות אויף די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך געפּלאָגט און געמוטשעט עפּעס אַרויסצוברענגען און נאַטירלעך אָן דעם מינדסטן ערפאָלג. קיין איינציקער אַקטיאָר, קיין איינציקע אַקטריסע, האָט ניט געהאַט וואָס צו שפּילן, האָבן ניט געהאַט קיין איינציקן וואָרט, וואָס זיי זאָלן קאָנען אַרויסברענגען לייכט און נאַטירלעך, און וואָס זאָל קאָנען אַרויסרופן דעם מינדסטן געדאַנק אָדער בילד ביי דעם צושויער”.

**ב. גאָרין שרייבט:**

„וואָס פּינסקי האָט געוואָלט דורכפירן אין דעם שטיק איז, אַז אַ בחור פאַרליבט זיך ניט אין דער בעסטער מיידל, אין דער טרייעסטער מיידל, און אַ מיידל פאַרליבט זיך ניט אין דעם בעסטן בחור, נאָר די ליבע קומט עפּעס ווי אַ קאַפּריז, און דער בחור פאַרליבט זיך דוקא אין דער אומפּאַסיקסטער, לייכטזיניקסטער און טריילאָזטער מיידל און די מיידל פאַרליבט זיך דוקא אין דעם ווינטיקן און טריילאָזן בחור. עלטערע מענטשן פון דעם פאַרפאַסער האָבן שוין לאַנג געזאָגט, אַז ליבע איז בלינד.

....אַלס אַ כלל קאָנען זיך אַקטיאָרן ניט אויסצייכענען אין אַזעלכע פּיעסן. פאַרקערט, זיי קאָנען גרינג פאַרלירן זייער רעפּוטאַציע. אַ גוטן ביישפּיל דערפון האָט אונדז געגעבן דער יונגער טאַלענטירטער זאַק. ער האָט געשפּילט די ראָל פון בענעדיקט לעסטער, און ווען ער זאָל האָבן כסדר נאָך עטלעכע אַזעלכע ראָלן, וואָלט ער דאַרפן שרייען „אני שלמה” [קיינער וואָלט אים מער ניט דערקענט].. צילע אַדלער אין דער ראָלע פון חנה גיסין איז געווען זייער שלעכט אין ערשטן אַקט און זייער בלייך אין די אַנדערע אַקטן. מיס וואַראָן איז געווען ניט פּאָלירט אין איר קליינער ראָל פון רייטשל. מרס. אַפּעל איז געווען סתם אַ מאַמע און ראָזענטאַל איז אונדז געבליבן פרעמד פון ערשטן ביזן לעצטן אַקט. בן־עמי האָט געשפּילט די ראָל פון זעלצער און אין די ערשטע צוויי אַקטן איז ער געווען דער, וואָס מאַכט אַ פּירוש אויף דער האַנדלונג. נאָכן צווייטן אַקט האָט זיך זיין ראָל געענדערט, נאָר ווער ער איז אויסער וואָס ער האָט הינטיש ליב און ווייס עס, בלייבט אַ סוד. גליקלעכער פון אַלעמען האָט אָפּגעשניטן מיס גערסטען אין דער ראָל פון לינאַ. די ראָל איז צוגעפּאַסט פאַר איר זשאַנר און זי שפּילט לעבעדיק מיט גרויסן טאַקט און פיינקייט. שוואַרץ אין דער ראָל פון נחום קאַפּלאַן איז געווען בעסער אין די ערשטע אַקטן און מעלאָדראַמאַטיש אין דעם לעצטן. איבעריגנס, ס'איז שווער צו זאָגן עפּעס וועגן שפּילן ווען די פּערזאָנען האָבן ניט קיין פליישׁ און בלוט.”

**אַ ביסל מער געניַיגט פאַר דער פּיעסע איז הלל ראָגאָף:**

„...אין זיין נייער פּיעסע זוכט פּינסקי ניט צו מאָלן פאַר אונדז אַ שטיק לעבן אָדער צו שילדערן געוויסע טיפּן, לעבעדיקע





מענטשן, די אויפגאַבע זיינע איז צו געבן אַ מין „טעאַטראַלע אָפּהאַנדלונג” אויף דער פראַגע פון ליבע. מיר שטעלן זיך פאָר, אַז פּינסקי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער פּיעסע אויף דעם פאָלגענדן אופן: עס זיינען דאָ פאַרשיידענע סאָרטן ליבעס: 1) די ריינע, אויפריכטיקע ליבע, וועלכע איז גרייט פאַר אַלע אויפּאָפּערונגען, וועלכע פאַרוואַנדלט דעם ליבהאָבער אין אַ שקלאַף און וועלכע רעכנט זיך ניט מיט קיינע אומשטענדן. 2) די פיזישע, די תאווהדיקע ליבע, וועלכע זוכט נאָר באַפרידיקונג, אַמאָל לייכטזיניקע און נאַרישע, און אַמאָל טיפע און שטורמישע. 3) די עגאָאיסטישע ליבע, וועלכע זוכט דעם געליבטן צו באַזיגן, איינצונעמען, אים האַלטן אַלס אייגנטום און וועלכע פירט אַ קאַמף פאַר ערוואַרבונג אָדער פאַרניכטונג קעגן אים. אַלזאָ, האָט פּינסקי צו זיך געזאָגט: איך וועל נעמען דריי מיידלעך, יעדע איינע פון זיי וועט פאַרקערפּערן איינע פון די דערמאָנטע ליבעס און איך וועל מאַכן, אַז זיי זאָלן זיך אַלע דריי פאַרליבן אין דעם זעלבן יונגעמאַן און דאַן וועל איך אַזוי ענדערן די אומשטענדן, אַזוי אַנטוויקלען די פּאַסירונגען, אַז די עכטע, ריינע ליבע וועט אַרויסקומען די זיגערין. און דאָס האָט פּינסקי געטאָן אין דער נייער פּיעסע זיינע.

פון דעם אינהאַלט, פון דער מעשה, הייסט עס, איז ניט נתפּעל צו ווערן. זי דערמאָנט אָן די געוויינלעכע פּלאַטס פון די געוויינלעכע פּיעסן, נאָר אין אַ ליטעראַרישער פּיעסע איז דאָך די מעשה ניט אימער וויכטיק. די פראַגע איז די כאַראַקטערע, די מענטשן און די איינצלנע סצענען, די פּאַסירונגען דורך וועלכע דער פּלאַט ווערט אַנטוויקלט. זיינען זיי ליטעראַריש אויסגעאַרבעט? זיינען זיי אמת און קינסטלעריש געמאָלן? ליידער קאָן דאָס ניט געזאָגט ווערן וועגן דיזער פּיעסע. די כאַראַקטערע זיינען ניט אויסגעהאַלטן, די סצענען זיינען זעלטן נאַטירלעכע, די געשפּרעכן זיינען בלויז צייטנווייז אינטערעסאַנט. ווי עס ווייזט אויס, האָט פּינסקי זיך ניט געקאָנט ספּראַווען מיט דער טאָפּלטער אויפגאַבע זיינע. ער האָט געוואָלט שרייבן אי אַ רעאַליסטישע דראַמע, אי אַ סימבאָלישע, האָט ער די מענטשן געמאַכט סימבאָליש און די האַנדלונג רעאַליסטיש, איז פון דעם זיווג אַרויסגעקומען זייער ניט קיין געראָטענע קינד.

אויסער די פיר הויפּט־כאַראַקטערע — קאַפּלאַן און די דריי מיידלעך — זיינען אין דער פּיעסע פאַראַן נאָך פיר פּערזאָנען וועלכע פאַרנעמען אַ היבשע צייט אויף דער בינע. ...אָט די פיר פּערזאָנען זיינען אַזוי בלייך געשילדערט, אַז זיי מאַכן קיין שום איינדרוק ניט. עס איז אין זיי קיין טראָפּן בלוט ניטאָ. קאַפּלאַן מיט די דריי מיידלעך שטעלן כאָטש פאָר מיט זיך פיר סימבאָלן, אָבער די פיר זיינען דאָס אויך ניט. די אַקטיאָרן דרייען זיך אַרום אויף דער בינע ווי לעבעדיקע מתים. די אַקטיאָרן און אַקטעריסעס טרייען [באַמיען זיך] זייער בעסטעס. אָבער וואָס קאָנען זיי נעבעך אונטער אַזעלכע אומשטענדן טאָן? דער גליקלעכסטער פון זיי איז מאָריס שוואַרץ, וועלכער שפּילט די ראָלע פון נחום קאַפּלאַן. ער האָט כאָטש אַ פּאָר געלעגנהייטן צו שפּילן, אויסדריקן שטאַרקע געפילן, דורכצולעבן עפּעס. אין לעצטן אַקט קומט ער צוריק אַ פאַרוווּנדעטער, אַ צעבראָכענער, און פאַלט אַריין אין אַ ים נייע צרות... צי די פּאַסירונג אין דעם אַקט איז רעאַל צי ניט, דערווייל איז דאָ פאַר מאָריס שוואַרצן עפּעס צו ווייזן. ער פירט דורך דיזן אַקט ווירקלעך גוט. די פאַרענדערונג אין זיין פּערזאָן און זיין האַלטונג שאַפט אַ פולשטענדיקע אילוזיע.

די איבעריקע אַקטיאָרן און אַקטעריסעס האָבן קיינע געלעגנהייטן ניט צו שפּילן. וואָס האָט געקאָנט דער טאַלענטפולער זאַץ דערגיין וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ער דאַרף פאַרשטעלן? ער שפּילט ענאָס פאָטער. נו, האָט ער זיך גרימירט פאַר אַן אָפּגעלעבטן תמעוואָטן ביזנעסמאַן. דער גרים איז אויסגעצייכנט, אָבער אַ גרים אַליין איז דאָך ניט גענוג. אַ רחמנות צו קוקן ווי זאַץ פּלאָגט זיך דורך די פיר אַקטן און דאָס זעלבע אומגעפער קאָן געזאָגט ווערן וועגן סיליאַ אַדלער אין דער ראָלע פון חנה. זי שפּילט ווו זי האָט די געלעגנהייט, אָבער די געלעגנהייטן זיינען אַזוי ווייניק. דער כאַראַקטער פון לינאַ לעסער איז אויסגעמאָלט זייער שלעכט. צייטנווייז דוכט זיך איך, אַז זי איז אַ קלוגע מיידל, אַ כיטרע, און צייטנווייז רעדט זי ווי אַ האַלבע אידיאָטקע. צייטנווייז ווייזט זי אַרויס אַ ביסל מענטשלעכע געפילן און צייטנווייז איז זי אָן אַ פונק מענטשלעכקייט. מיס גערסטען צו וועמען אין די הענט דיזע ראָלע איז אַריינגעפאַלן, האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן און געשפּילט ווי עס האָט זיך געלאָזן, סתם אין דער וועלט אַריין. גאַנץ אָנגענעם איז געווען בן־עמי אין דער ראָלע פון זעלטנער. די ראָלע פון אַלבערט קאָרמאַן האָט געשפּילט הער ראָזענטאַל און די ראָל פון קאַפּלאַנס מוטער האָט געשפּילט מרס. אַפּעל. מיס וואַראָן אין דער ראָלע פון רחל דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן אַ פאַרביסן מיידל און מער גאָרניט, און דאָס טוט זי ניט שלעכט".

**צילע אַדלער שרייבט:**

„דאָס „אירווינג פּלעיס טעאַטער" האָט אויך קיין גרויס נחת ניט געהאַט מיט דוד פּינסקיס אַ פּיעסע „די קרומע וועגן פון ליבע". זי איז באמת איינע פון גרויסן דראַמאַטורגס ניט־געלונגענע זאַכן. ...דורך דער צייט, וואָס אין די סוף־וואָכן זיינען געשפּילט געוואָרן די פריער־דערמאָנטע פּיעסן מיט און אָן דערפאָלג, זיינען אין מיטן וואָך אויפגעפירט געוואָרן אַ צאָל ליטעראַרישע פּיעסן, די מערסטע פון וועלטלעכן רעפּערטואַר. אַזוי איז געשטעלט געוואָרן שילערס „די רויבער", גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ", בערנאַרד שאָוס „מרס. וואָרענס פּראָפעשאָן" און אַנדערע. בן־עמי האָט שטאַרק געפאָדערט, לויט זיין קאָנטראַקט, אַז מ'זאָל שטעלן ליטעראַרישע פּיעסן פון דער יידיש־דראַמאַטישער ליטעראַטור. שוואַרץ האָט בן־עמין געזאָגט, אַז ער גיט אים דאָס רעכט צו שטעלן אַ פּיעסע, וואָס ער אַליין וועט אויסקלייבן. 'איך וועל זיך אינגאַנצן ניט מישן'...".

## „ע ץ   ה ד ע ת"

דעם 28סטן דעצעמבער 1918 ווערט אויפגעפירט „עץ הדעת" פון יעקב גאָרדין, אַ רעפּערטואַר־פּיעסע פון יידישן טעאַטער.

## „א י י ז י ק   ש ע פ ט ע ל"

דעם 2טן יאַנואַר 1919 ווערט אויפגעפירט „אייזיק שעפּטעל", דראַמע פון דוד פּינסקי.

**י. ענטין שרייבט:**

„וועגן „אייזיק שעפּטל" האָב איך שוין אַמאָל געשריבן ווען איך האָב עס געלעזן („די וואַרהייט", 14 מאַי 1908). דאַמאָלס האָב



איך די פּיעסע וואָס מען רופט „אַרונטערגעריסן" און גאַנץ שאַרף דעם דינסטיק האָב איך „אייזיק שעפּטל" געזען אויף דער בינע אין אירווינג פּלעיס טעאַטער. גלייך ווי דער פאָרהאַנג איז אויפגעגאַנגען, האָט עס מיר אין פלוג אַ שיין געגעבן, אַז אפשר וועל איך מיין אַלטע מיינונג וועגן דער פּיעסע בייטן, אָבער עס האָט זיך אַוועקגעקייקלט אַ מאָמענט נאָך אַ מאָמענט, אַ סצענע נאָך אַ סצענע, און איך האָב אויף דער בינע דערפילט די אַלטע אָרעמבלוטיקייט, די אַלטע דראַמאַטישע בלייכקייט וואָס דאַמאָלס אין בוך. ...„אייזיק שעפּטל" איז זייער אַ שוואַכע דראַמע, ערטערווייז זאָגאַר לאַנגווייליק. „אייזיק שעפּטל" האָט ניט קיין בולטלעבעדיקע טיפּן, ניט קיין טיף־שטאַרקע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, ניט קיין דראַמאַטישע האַנדלונג. עס האָט נאָר סביבה און אַטמאָספערע ...„אייזיק שעפּטל" איז געווען קלאָר וועדליק אין אַ נאָוועלע, אָבער ווייט ניט וועדליק אין אַ דראַמע. ער שטייט צופיל אויף אַן אָרט, ער באַוועגט זיך ניט. אמת, אַ שווייגנדיקער בטבע, אָבער ער שווייגט שוין צופיל. זיין טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון דעם אַרבעטער־פּאָעט און ערפינדער, וואָס ווערט דערשטיקט פון דער אומגעבונג, ווערט נאָר אָנגעדייט, אָבער ניט אַרויסגעבראַכט ... ווערט טרעפלעך סקיצירט דורך אייניקע אָריגינעלע פון דעם העלדס אינעווייניקסטע אַרויסקוועלנדע אויסדריקע. זי ווערט אָבער ניט פאָרגעשטעלט דראַמאַטיש.

...ניט בלויז זיינען די מענטשן צו פּאַסיווע, ניט קיין האַנדלענדע, ניט קיין דראַמאַטישע, נאָר אויך איז די גאַנצע האַנדלונג אַזוי שוואַך, אַז מען זעט זי קוים.

...דאָס שפּילן פון דער פּיעסע (וועלכע איז באַטייטנד געשניטן געוואָרן איבערן צו גרויסן פּערסאָנאַל) איז געווען גאָר אינטערעסאַנט. דערהויפּט בנוגע די קלענערע פּערזאָנען. אומגעפער, דאָס לעבעדיקסטע, דאָס קלאָרסטע און שענסטע אין דער גאַנצער פאָרשטעלונג, איז דאָס געשטאַלט וואָס די מאַדאַם נאַדאָלסקי באַשיינט אַלס אייזיקס אַ שכנה ...אַזאַ נאַטור־טרייקייט, אַזאַ קינסטלערישע אויסגעהאַלטנקייט געדענק איך ניט ווען איך האָב דער מאַדאַם נאַדאָלסקי געזען שפּילן. מר. גאָלדסמידט אַלס סענדער, דעם בעל־הביתס נאַריש־באַרעדעוודיקער זונדל, איז זייער לעבעדיק און הומאָריסטיש און לעבעדיק גאַנץ נישקשה איז מר. טענענהאָלץ אַלס דער לץ פון ווערקשטאָט. מר. פּישקינד, אין אַ פּיצעלע ראָלע אַלס עלטערער אַרבעטער, איז זייער גוט און אַ לעבעדיקע געשטאַלט שאַפט מר. ווייסבערג. ווייסבערג האָט אַ דיקציע, אַ האַלטונג און אַ טעמפּעראַמענט פון וועלכע אייניקע נישקשהדיקע באַקאַנטע אַקטיאָרן וואָלטן געקאָנט וואָס לערנען. ער האָט נאָר דעם איין און איינציקן חסרון וואָס זיין יידישע אויסשפּראַך קלינגט עטוואָס גוישלעך. הער באָריס ראָזענטאַל האָט ניט שלעכט אַרויסגעבראַכט דעם סענטימענטאַלן אַרבעטער פון ווערקשטאָט און פריילין קלאַראַ ראָזענטאַל איז ערטרעגלעך דורכגעגאַנגען די ראָל פון דעם היימישן שאָפּ־מיידל. מר. גילראָד אַלס נאָך אַן אַרבעטער האָט זיך געהאַלטן איינפאַך נישקשה. און מר. צווייג האָט זיך ניט שלעכט געהאַלטן אין דער היבשער ראָלע פון דעם בעל־הבית. פריילין ענני מעלצער האָט לעבעדיק פאָרגעשטעלט די קאָקעטישע מויד פון דער קעלער שטוב. ...די דריי וויכטיקסטע מענטשן אין דער פּיעסע; אייזיק, זיין ווייב און זיין פאָטער דער משוגענער פינטע זיינען דורכגעפירט געוואָרן פון בן־עמי, בערטאַ גערסטען און סעם אַדלער ...איך בין ליידער ניט אַנטציקט פאַר קיינעמס שפּילן אין דער פּיעסע. אָן צווייפל מאַכט בן־עמי אַן איינדרוק און אין אַ פּאָר מאָמענטן זאָגאַר אַ

שטאַרקן. דער איינדרוק איז דאָך ניט שטאַרק גענוג אַפילו ווען גאַנץ גוט אין זיין האַלטונג, אין דער צאָלרייכער פאַנטאָמימע פון דער פּיעסע. ער איז אָבער ניט גענוג קרעפטיק אין זיינע רערעוודיקע מאָמענטן, ניט גענוג טעמפּעראַמענטפול. אויך קאָן איך דאָ ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז בן־עמי, אַז אין עפּעס ענלעכעס האָט מען אים שוין געהערט. מאַדאַם גערסטען איז דאָ אַ סך, אַ סך שוואַכער ווי אין אירע פריערדיקע ראָלן. איך האָב מורא, אַז די ראָלע איז איבערהויפּט ניט פאַר איר. זי האָט אַ סך „פּראָזע". די גאַנצע „פּראָזע" פון דער פּיעסע איז איר אָנגעקומען. אַלס בייזע, צעכעסטע פרוי דאַרף זי שרייען און מאַד. גערסטען שרייט ניט געקאַרגטערהייט. זי קאַרגט אויך ניט קיין טרערן. דאָס וויינען איז נישקשה, אָבער דאָס שרייען קלינגט אָפּט ניט אויפריכטיק, פאַלש, ניט פון האַרצן אַרויס. איך האָב אויך מורא, אַז די מאַדאַם גערסטען קען איבערהויפּט שוואַך דעם טיפּ און זיכער האָט זי זיך אין אים ניט גענוג פאַרטיפט, אים ניט גענוג איינגעשטודירט. . . . אַפילו דער גרים איז ניט אינגאַנצן געראָטן. די מאַדאַם גערסטען קוקט אויס צו יונג און צו שיין פאַר איזיקס „יידענע", אָבער ניט אין זייער קענטיקע אויסנאַמע. אַ בליק האָט זי מאַדאַם גערסטען געהאַט, אַ בליק, וואָס איז געווען מוסטערהאַפט . . . סעם אַדלער האָט זיך זייער גוט, זייער שיין געהאַלטן אויף דער בינע. ער האָט אויך גוט אַרויסגעזאָגט זיינע עטלעכע ווערטער. ער האָט געשאַפן אַ שטימונג. דאָך געווען איז עס נאָר בלויז אין אָנפאַנג. שפּעטער האָט ער זיך עטוואָס צוגעגעסן און מען האָט אים ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען. דאָס איז נאַטירלעך ניט זיין שולד, נאָר די שולד פון דראַמאַטורג. ווי זעצט מען אַוועק אַ מענטשן אויף דער בינע אין משך פון צוויי אַקטן און מ׳גיט אים ניט וואָס צו טאָן און ניט וואָס צו זאָגן? דאָך אַ מער ערפינדערישער אַקטיאָר וואָלט עפּעס צוגעטראַכט און זיך ווייניקער מאָנאָטאָן געמאַכט".

## „גאַברי מיט די פּרויען"

דעם 9טן יאַנואַר 1919 ווערט אויפגעפירט „גאַברי און די פרויען" פון דוד פינסקי.

**י. ענטין שרייבט:**

„איך האָב געזען „גאַברי און די פרויען" פאַר עטלעכע יאָרן אין גאַרדן־טעאַטער און די פאָרשטעלונג איז מיר שטאַרק געפעלן געווען. די פּיעסע אַליין איז מיר געווען געפעלן. איך האָב אין יענער אויפפירונג די לאַנגווייליקייט פון אַ פאָר שטעלן, די האַרטקייט פון דער עברי פון אַ פאָר דיאַלאָגן ניט געשפּירט. דעם דאָנערשטיק ניט נאָר האָב איך דאָס געפילט, נאָר דאָס גאַנצע שפּילן מיט דער אויסנאַמע פון מר. גאָלדסמידטס „לעם" איז מיר פאָרגעקומען פיל בלייכער, פיל אויסדרוקסלאָזער איידער דאַמאָלס. מר. שוואַרצן געלינגט אָבער ניט אָפּט אַ גוטן ליבהאָבער צו שפּילן. דערצו האָט ער ניט איבריקס גוט זיין ראָל געקענט (די אורזאַך קומט נאַטירלעך פון די שלעכטע אומשטענדן פון אונדזער בינע), ווי עס זאָל ניט זיין, זיין „גאַברי" איז ווייט פון אידעאַל געווען. צילי אַדלער האָט געגעבן גאָרניט קיין גוטע „קליינע". ווידער אַמאָל האָט זי איר ראָלע שלעכט פאַרשטאַנען. די קליינע איז עגאָיסטיש, שאַרף אָבער ניט גראָב. זי דאַרף זיין פאַרפירעריש און ממילא ווייבלעך־רייצנד . . . איז די פּערזאָניפיקאַציע פון געשלעכטלעכן עגאָ.זם, וואָס דאָס נעמט שוין ממילא



אַריין אַ געוויסע גראַציע. מיט ברוטאַליטעט אַליין קאָן מען קעגן דער „קליינער" ניט יוצא זיין.

דאָס וויכטיקסטע אין דער פאָרשטעלונג איז נאַטירלעך געווען מאַדאַם שניצערס „גאַאיל" און גאַנץ ניט ווייניק בין איך אויך אין איר אַנטוישט געוואָרן לגבי דער אַמאָליקער פאָרשטעלונג. דאַמאָלס אין גאַרדן־טעאַטער האָט זי דעם דריטן אַקט דורכגעפירט מיט אומגעהויערער קראַפט, איבערהויפּט די סצענע פון חנוכת הבית און פון איינשיכורן זיך. דאַמאָלס איז זי דאָ אמת הינרייסנד געווען. עס האָט פון אירע אויסרופן, פון איר האַלטונג און מאַנירן מיט גרויסע פויעריש־פּרימיטיווער קראַפט געוויעט. דעם דאָנערשטיק האָט דאָס אַלץ שטאַרק געפעלט, און געפעלט האָט אויך פיל פון דער שיינקייט פון פערטן אַקט. דאַמאָלס, געדענק איך, איז מיר די אונטערטעניקע, די איינגעשטילטע, די דורך איר גרויסער טראַגעדיע אויסגעניכטערטע „גאַאיל" אַלס מאַדאָנאַ פאָרגעקומען. דאַמאָלס ווען זי פלעגט זיך ביים וואַנד פון דער הילצערנער כאַלופּקע אַוועקשטעלן, האָב איך פאַר מיר געזען דעם ראַם פון אַ פרומער לעבנס־הערבסטלעכער אידיליע מיט דער מאַד. שניצער אַלס דאָס מוטערלכע מאַדאָנאַ־בילד אין דעם דאָזיקן ראַם. דעם דאָנערשטיק אָבער איז די אידיליע שוין געווען פיל אויסגעלאָשן און די מאַדאָנאַ־שטריכן אַ היבש ביסל צערונען.

איך וויל גלייבן, אַז דער אַראָפּפאַל לגבי דעם גאַרדן־טעאַטער — אויב עס איז ווירקלעך עטוואָס דרויסיקעס און ניט אינערלעכעס אין מיר געווען — איז פּשוט געווען דער רעזולטאַט פון געענדערטער שטימונג אין דער שוישפּילערין און פון געענדערטער רעזשי אַרום איר (די רעזשי דאַמאָלס איז ווירקלעך געשמאַקפול געווען). זיכער איז אָבער, אַז טעכניש האָט די מאַדאַם שניצער זייט דאַמאָלס זייער פיל פּראָגרעסירט. זי פילט זיך היינט אויסגעצייכנט היימיש אויף דער בינע, פאַרלירט זיך ניט, באַרעכנט יעדן קער, יעדע באַוועגונג און פאַרשטייט זייער גוט ווי אויסצונוצן יעדן שפּאַן פון דער קליינער־גרויסער וועלט, וואָס מען רופט בינע".

## „פּראָפעסאָר בערנאַרדי"



אַרטור שניצלער
מחבר

דעם 16טן יאַנואַר 1919 ווערט אויפגעפּירט פון מאָרים שוואַרץ די דראַמע „פּראָפעסאָר בערנאַרדי" פון אַרטור שניצלער.

**די פּיעסע איז לאַנג ניט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר. זי איז אויף קיין אַנדערע יידישע בינע ניט געשפּילט געוואָרן.**

**י. ענטין שרייבט:**

„דאָס איז געווען די גרעסטע דערהייבונג צו וועלכע די יידישע בינע איז ווען זוכה געווען. מען האָט שוין ביי אונדז געשפּילט די גרעסטע קלאַסישע ווערק. מען האָט שוין אויך געשפּילט ביי אונדז די וויכטיקסטע ווערק פון די מאָדערנע יידישע דראַמאַטורגן, אָבער מען האָט ביי אונדז נאָך קיינמאָל ניט געשפּילט דאָס פיינסטע און דאָס נייעסטע צו דער הייך פון אַן אייראָפּעישער בינע, אַז כמעט גלייכצייטיק זאָל אויף איר געשפּילט ווערן דאָס־

זעלבע ווי אויף יענער, אַז מען וועט קאָנען זאָגן דאָס ווען די פיינסטע מאָדערנע גייסטער שאַפן, מעגן זיי דעריבער אויך אונדזער בינע אין זינען האָבן. צו אַזאַ כבוד איז אונדזער בינע דערהויבן געוואָרן ערשט דעם דאָנערשטיק צום ערשטן מאָל דערמיט, וואָס עס איז אויף איר געשפּילט געוואָרן אַרטור שניצלערס „פּראָפעסאָר בערנאַרדי“.

דער דאַנק קומט מר. שוואַרצן. זיין אַמביציע, זיין געוואַגטקייט, זיין ענערגיע האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען. אמת, די אויפפירונג האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט, מיט דער אויסנאַמע פון דעם זייער טאַלענטפולן דייטשן אַרטיסט ריכאַרד פייסט — וועלכער האָט אין דער פּיעסע געשפּילט אויף דייטש בשעת „אוירווינג פּלעיס“ איז נאָך אַ דייטש טעאַטער געווען און וועלכער האָט דעם דאָנערשטיק אויף זיין שפּראַך געשפּילט — און פון מר. זאַק, איז דאָס שפּילן אין די גליקלעכסטע מאָמענטן, ערשט מיטלמעסיק געווען, געוויינלעך אָבער נאָך ערגער ווי מיטלמעסיק.

דאָך דאָס וויכטיקסטע אין גאַנצן טעאַטער־וועזן איז דער עולם. דער עולם זאָל לעבן, און דער עולם איז „פּראָפעסאָר בערנאַרדי“ געקומען זען, און ער איז געשטאַנען אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ און געשלונגען יעדעס וואָרט און ער האָט אַלץ אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען און נאָכגעפאָלגט מיט אינטעליגענטער געשפּאַנטקייט.

...מר. שוואַרץ אַלס בערנאַרדי האָט זיך קענטיק שטאַרק געמיט, אָבער דער רעזולטאַט איז ניט קיין גלענצנדער. ער האַלט זיך גוט און ברענגט אַרויס דעם זין פון פּראָפעסאָר בערנאַרדי. ער ברענגט אָבער ניט אַרויס זיין הויכע אינטעלעקטואַליטעט, זיין שטיל תלמיד־חכמשע באַנעמונג. הער ראָזענטאַל ברענגט גאַנץ גלאַטיק אַרויס די קלעגלעכע ראָלע פון וויצע־דירעקטאָר עבענוואַלד. הער זאַק איז מייסטערהאַפט רירנד, שיין און אַפילו אַמוזאַנט אַלס דער אויגן־פּראָפעסאָר פליגספעלדער. הער בן־עמי האָט נישקשה, הגם אַביסל יידיש טעאַטראַליש־שאַבלאָנע, דורכגעפירט דעם פּריסטער און גאַנץ שלעכט די וויציק־רייכע ראָלע פון הויפראַט ווינקלער. הער ריכאַרד פייסט איז געווען זייער און זייער גוט אַלס דער מיניסטער, אָבער דער הער פייסט געהערט דאָך ניט צו אונדזער בינע און מיט וואָס האָבן מיר זיך דאָ צו פרייען“?

**א. ה. ביאַלין שרייבט וועגן דעם איבערזעצטן רעפּערטואַר:**

„שוואַרץ דער שוישפּילער האָט זיך געריסן אין דער ווייט, צו דער גרויסער, ברייטער וועלט. ער האָט געוואָלט זיין אַלץ: אַן אָסוואַלד, אַ פּראָפעסאָר בערנאַרדי, אַ שיילאָק, אַן אוריאל אקאָסטאַ. ער האָט אָבער ניט געקאָנט זיין אַלץ. ער האָט באַוויזן, אַז ער איז אַ פעיקער שוישפּילער מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן אַמפּלואַ, אָבער זיין קאָן ער בלויז דאָס וואָס ער איז: אַ יידישער פאָלקס־מענטש, און ווען ער שפּילט דאָס וואָס ער איז, איז ער דער שעפערישער קינסטלער, וואָס שטייט אויף אַ פעסטן באָדן. שוואַרץ האָט נאָך באַדאַרפט אַ סך לערנען, אַ סך געווינען און פאַרלירן כדי צו קומען צו דער איבערצייגונג“.

## „דער יידישער קעניג ליר“

דעם 17טן יאַנואַר 1919 ווערט אויפגעפירט די יידישע רעפּערטואַר־פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר“ פון יעקב גאָרדין.



## „שמעטערלינג שלאַכט“

דעם 18טן יאַנואַר 1919 ווערט צום ערן־אָוונט פון צילע אַדלער אויפגעפירט די קאָמעדיע „שמעטערלינג־שלאַכט“ פון הערמאַן זודערמאַן.

[די קאָמעדיע איז נאָך פריער געשפּילט געוואָרן פון דער „ווילנער טרופּע“ אין ווילנע].

**י. ענטין פאַרגלייכט די איצטיקע מיט דער פריערדיקער אויפפירונג אין דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב“ און שרייבט:**

„...האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז לכל הפחות בנוגע דער „שמעטערלינג־שלאַכט“ איז די „קליינע ניט־געזעצלעכע“ בינע פון פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב ניט ערגער געווען, אויב טאַקע ניט בעסער איידער די „גרויסע“ און „געזעצלעכע“. אין קלוב האָט „די שמעטערלינג־שלאַכט“ געטאַנצט און געשוועבט. אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער“ האָט זי זיך געשלעפּט און געהויבן און אָפּט יאָמערלעך און גרילצנדיק מיט קראַנקע פליגלען געפּאַטשט.

...אַ וווּנדערלעכע פּיעסע מיט אַזויפיל ראָלן און דאָך איז זי אַזוי אָרעם געשפּילט געוואָרן ...אַזוי אָרעמלעך דאָס אַרום און אַרום האָט זי דער אָרעמער פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב בעסער געשפּילט. די ראָלע פון דעם דורכגעטריבענעם, וויציקן קעסלער, למשל, האָט מר. מערליס [דער איבערזעצער פון שטיק] פון „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב“ פיל, פיל בעסער געשפּילט איידער מר. [באָריס] ראָזענטאַל, וועלכער איז געווען ווייניק באַוועגלעך, ווייניק וויציק, ווייניק לעבעדיק. די קליינע ראָלע פון אָרעמען קווענדעט האָט מר. מאַקס ליפּאָ בעסער דורכגעפירט איידער פריילין קלאַראַ ראָזענטאַל, וועלכע האָט די ראָלע טאַקע ניט אַרויסגעבראַכט. מאַדאַם אַפּעל אַלס די אלמנה איז בלויז געווען פלינקער, היימישער אויף דער בינע איידער פריילין לענגסנער פון „פּראָג. דראַמאַטיק קלאָב“ און מר. בן־עמי אין דער ראָלע פון מאַקס האָט זיין ראָלע אַ ביסל בעסער געשפּילט איידער מר. דובינסקי פון קלאָב. מר. בן־עמי איז דאָך געווען גוט נאָר מיט זיין האַלטונג, אָבער ער איז ניט געווען באַשטימט צו קלאָר מיט זיין ריידן, מיט זיין אַלגעמיינעם שפּילן. מר. גאָלדסמידט האָט די ראָלע געשפּילט פּונקט ווי דאַמאָלס אין קלאָב, האָבנדיק אין די אַלע יאָרן בנוגע צו דער ראָלע גאָרניט געלערנט און גאָרניט פאַרגעסן. ער האָט ניט פאַרגעסן זיין ניט אימער גוטע באַטאָנונג און האָט ניט געלערנט אַריינצוגעבן אין דער פּיעסע מער האַרץ און מער שאַטירונגען. פריילין אַננאַ מעלצער האָט די ראָלע פון דער דריטער שוועסטער לאָראַ געשפּילט ניט שלעכט, אָבער זי האָט זיכער געמעגט מאַכן שענער, וועלטלעכער, מער פאַרפירעריש. די מאַדאַם גערסטען איז צייטנווייז גאַנץ גוט געווען אַלס עלזאַ. זי איז געווען מער שטיפעריש, מער לעבעדיק אַלס די פריילין לינאַ מעלצער פון „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב“. זי איז דאָך ניט געווען שענער, איידעלער און טראַגישער פון איר. די גרויסע, די אויסערגעוויינלעכע, די טיף־טראַגישע און אָן אַ שיעור רייד־ראָלע פון דער פּיעסע

איז ראָזרעק. זי איז אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב״ געשפּילט געוואָרן פון פריילין מלכה קאָרענשטיין און דעם דינסטיק אין „אירווינג פּלייס טעאַטער״ פון מאַדאַם ציליע אַדלער.

ציליע האָט איר ראָלע געשפּילט גוט, זאָגאַר זייער גוט, אָבער ניט אימער שיין, און זיכער האָט זי ניט אַרויסגעבראַכט די גאַנצע פּאָעטישע נאַטור, די גאַנצע טיפע, צאַרט־רירנדע און אומפאַרגלייכלעכע איינדרוק־איבערלאָזנדיקע טראַגעדיע פון זעכצן־יאָריקן קינד. זי האָט גוט אַרויסגעבראַכט דעם הומאָר, די גרעבסטע [שאַרפסטע] שטריכן פון דער העלדין, איז געווען קינדיש, גענוג נאַיוו געווען. איר לאַכן, איר וויינען, טיילן אַפילו פון איר שכרות־סצענע אין דעם גרויסן דריטן אַקט, זיינען געווען זייער עכט, אָבער עס האָט פיל געפעלט אין דעם קינדס בענקשאַפט, אין איר אומעט, אין איר פּיעשטשען זיך ביי זיך אַליין און ביי דעם לעבן, אין איר פּאָעזיע, אין איר טראַגיק. די פריילין קאָרנשטיין, פאַרקערט, האָט די שיינע, די אידעלע, די טרוימערישע, די טראַגישע זייט פון ראָזכען אַרויסגעבראַכט קלוגער, טיפער. דערהויפּט האָט זיך דאָס אָרעמלעכע שפּילן געפילט אין גרויסן, פון פּאָעטישן, וויציקן, טיף־פּסיכאָלאָגישן דריטן אַקט. דאָ האָבן זיך אי ציליע אַדלער, אי בערטאַ גערסטען, אי באָריס ראָזענטאַל — דאָ האָבן זיך אַלע דריי פאַרלאָרן — ... אין דער פּיעסע איז נאָך דאָ אַ קליינע ראָלע פון אַן אויבערלערער, וועלכער ווערט וואַרשיינלעך אַריינגעבראַכט צוליב הומאָריסטישע צוועקן. מר. טענענהאָלץ האָט דעם הומאָר פון די [דער] ראָלע ווייניק אַרויסגעבראַכט, זיכער ניט מער איידער מר. אַסטאָר, בשעת דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב״ האָט די פּיעסע געשפּילט״.



צילע אַדלער
אַלס
„ראָזכען״

**לומינוס שרייבט:**

„...אַלץ איז געווען פיין, שיין, יאָ — פּאָעטיש. דאָס שפּילן, דער אויסדרוק פון ליבע, וואָס די הויפּט־העלדין ציליע אַדלער האָט באַקומען פון אירע קאָלעגן און פון דעם פּובליקום און באַזונדערס די סצענע ווען זי איז באַגריסט געוואָרן פון איר טאַטע־מאַמע, אַליין אַלטע אָנגעזעענע שוישפּילער. מען האָט געשפּילט הערמאַן זודערמאַנס „שמעטערלינגס־שלאַכט״ ... זודערמאַנס פּיעסע איז ניט פון זיינע בעסטע און ניט פון די בעסטע פּיעסן בכלל, אָבער זודערמאַן איז אַ קינסטלער, און אַפילו אַ פּשוטע זאַך קומט ביי אים אַרויס גוט און ריין.

...ווי איז די זאַך געשפּילט געוואָרן? ווי געזאָגט — פיין! די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט סיליע אַדלער נאַטירלעך און ווירקלעך געשפּילט אויסגעצייכנט, ניט נאָר העכסט טאַלענטפול, נאָר קלוג. אויב די הויפּט־אויפגאַבע פון אַן אַקטיאָר איז צו אינטערפּרעטירן, האָט סיליאַ אַדלער איר אויפגאַבע גלענצנד דערגרייכט. זי האָט ניט בלויז אינטערפּרעטירט. זי האָט געשאַפן, געשאַפן אַ „טיפּ״. „ראָזכען״, ווי סיליע אַדלער האָט זי פאָרגעשטעלט, איז אַזוי רייצנד אין איר נאַיוויטעט, אַזוי נאַיוו אין איר קלוגשאַפט, אַז זי האַלט די אויפמערקזאַמקייט פון דער צושויער פולקומען. ....ניט בלויז סיליע אַדלער האָט זייער גוט געשפּילט, אַלע האָבן ווירקלעך אויסגעצייכנט געשפּילט ...גאָלדסמידט אַלס הער ווינקעלמאַן, דער רייכער פאַראַליזירטער פערדהענדלער איז מאָמענטנווייז, ניט איבערטרייבנדיק, פולקומען. געדענקנדיק, אַז ער איז נאָך אַלעמען אַ פאַרהעלטניסמעסיק יונגער אומבאַקאַנטער אַקטיאָר, איז פאַרשטענדלעך די איבעראַשונג, וואָס ער מאַכט איינפאַך מיט זיין שפּילן, אויסגעצייכנט, כמעט פּערפעקט. מיס גערסטען אַלס עלזע, די עלטערע שוועסטער און כלה, איז אויך געווען אויסגעצייכנט ...ערטערווייז איז זי ניט אויף דער געהעריקער הויך. זי פאַרגעסט צייטנווייז צו „שפּילן״ ווען זי האָט ניט צו ריידן. זי קאָן נאָך ניט געהעריק שפּילן מיט שווייגן. בן־עמי אַלס דער צעטומלטער בחור, דער „רייכער חתן״ איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט זיין. צייטנווייז איז ער גלענצנד. גוט איז אויך ה׳ ראָזענטאַל אַלס דער קאָמי־וואָיאַזשאָר. ער שפּילט פלינק, זיכער, שוין אַ ביסל צו זיכער. ...מאַדאַם אַפּעל אַלס די מוטער, מרס. מעלצער אַלס די צווייטע טאָכטער, ה׳ טענענהאָלץ אַלס אויבער־לערער און מרס. ראָזענטאַל. אַלע זיינען גוט און העלפן פיל דער האַרמאָניע און דעם פיינעם איינדרוק, וואָס דאָס גאַנצע שפּילן פון דער פּיעסע מאַכט״.

## „מירעלע אפרת״

דעם 1טן פעברואַר 1919 ווערט אויפגעפירט די רעפּערטואַר־פּיעסע „מירעלע אפרת״ פון יעקב גאָרדין.

## „סוקסעס״



משה נאַדיר
מחבר

דעם 7טן פעברואַר 1919 ווערט דורך מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט די קאָמעדיע „סוקסעס״ פון משה נאַדיר.

[ניט געקוקט אויפן שווידערלעכן דורכפאַל פון דער פּיעסע, האָט שוואַרץ שפּעטער פאָרט אויפגעפירט נאָך אַ נאַדיר־פּיעסע].

**הלל ראָגאָף שרייבט:**

„אויף דעם פּראָגראַם ווערט די נייע פּיעסע אין „אירווינג פּלעיס טעאַטער״ באַצייכנט אַלס אַ סאַטירישע קאָמעדיע. אין דער אמתן איז זי ניט קיין סאַטירע און ניט קיין קאָמעדיע. דער ערשטער און דריטער אַקט זיינען ביליקע פעליעטאָנען, פאַרגעלעזן פון אַקטיאָרן. דער מיטלסטער אַקט איז אַ „טראַגישער כאָרס״ אָדער אַ „באָירלעסק טראַגעדיע״, עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף רירן צו טרערן און רירט ניט, וואָס דאַרף קיצלען צום לאַכן און לאַכט און קיצלט ניט, וואָס דאַרף זיין טריי צום לעבן און לעבט ניט.

משה נאַדיר, דער פאַרפאַסער פון דער פּיעסע, האָט זיך אין איר אונטערגענומען צו שילדערן דעם לעבן פון דעם יידישן שרייבער. וואָס ביי אים אין קאָפּ איז געווען בשעת ער האָט די פּיעסע געפּלאַנעוועט, ווייסן מיר ניט. צי האָט ער געזוכט צו שילדערן די טראַגישע זייט פון דיזן לעבן, צי די קאָמישע, צי האָט ער געוואָלט גאָר אויסלאַכן פון די יידישע שרייבער, אָפּשפּאָטן פון זיי, אַרויסשטעלן זיי פאַר דער וועלט אַלס אָפּשטויסנדע, אומווירדיקע ברואים. דאָס וואָס דער פּראָגראַם ערקלערט, אַז די פּיעסע איז אַ סאַטירישע קאָמעדיע, העלפט אונדז ווייניק אַרויס, ווייל, ווי געזאָגט, באַרעכטיקט די פּיעסע בשום אופן ניט דיזע כאַראַקעריסטיק.

אַ סאַטירע איז די פּיעסע ניט, ווייל זי שילדערט ניט די שוואַכקייטן אָדער די פעלערן, וועלכע געהערן ווירקלעך צו דער שרייבער־וועלט, וועלכע זיינען ספּעציפיש שרייבעריש, קיין קאָמעדיע איז די פּיעסע איינפאַך ניט דערפאַר, וואָס זי אַנטהאַלט ניט קיין לעבעדיקע מענטשן, און וואָס זי האָט ניט קיין דראַמאַטישן אינהאַלט. אַ קאָמעדיע דאַרף דאָך פריער פון אַלץ זיין אַ דראַמע. זי דאַרף דאָך האָבן אַ פּלאַט, אַ האַנדלונג, וועלכע אַנטוויקלט זיך, עס דאַרף דאָך זיין אַ לאָגישער צוזאַמענהאַנג צווישן איין אַקט און דעם צווייטן, און די מענטשן דאַרפן האָבן אין זיך לעבן. דער אינהאַלט פון „סוקסעס" איז פון אַ צעצויגענעם פעליעטאָן אין וועלכן דער שרייבער רעדט אָן אַ פּאָר קאָלומס אום צו פאַרנעמען פּלאַץ, און אין די לעצטע עטלעכע שורות פּלאַצט פּלוצלינג אַרויס דער וויץ. וואָס אַלזאָ איז די פּיעסע? ניט מער ווי אַ רייע פון וויצן, עפּיגראַמען, קונדסעריי און גלאַט פּורים־שפּילעריי, אַלץ אויפן חשבון פון יידישע שרייבער, ווי געזאָגט, ווערט אַ פאַרזוך געמאַכט ערשט אין צווייטן אַקט אויף עטוואָס ערנסטעס, אויף עטוואָס קינסטלערישעס, אָבער דער ערפאָלג איז נעבעך אַ שוואַכער. אין די טראַגישסטע מאָמענטן ווייס ניט דער עולם צי ער זאָל וויינען צי לאַכן. דער אַקט איז דערפאַר אַ לאַנגווייליקער און מאַכט ניט קיין איינדרוק ניט אַהער ניט אַהין.

די טעמע פון דער שפּיל. דער „פּאָינט", דער וויץ, איז אַן אַנטנומענער. דער ערשטער אַקט שטעלט פאַר אַ יובילעום פאַר אַ גרויסן יידישן שרייבער, דוד אשכנזי, אין קופּער יוניאָן. דער גאַנצער אַקט באַשטייט פון דעם וואָס איין אַקטיאָר נאָכן צווייטן שטעלט זיך אויף און לעזט פאַר אַ פעליעטאָן וואָס משה נאַדיר האָט פאַר אים אָנגעשריבן. דער יובילעום איז אַ דורכפאַל מאָראַליש און פינאַנסיעל. מאָראַליש, ווייל די קאָלעגן שרייבער פון יובילאַר האָבן אַנשטאָט לויבן אים, באַליידיקט און באַשמוצט, פינאַנסיעל, ווייל מען האָט צו דער אונטערנעמונג צוגעלייגט דעם קאָפּ.

דער צווייטער אַקט שפּילט זיך אָפּ ביי אשכנזין אין הויז. ער איז קראַנק פון עגמת־נפש און אַ פאַרקילונג. זיין קליינער יינגל ליגט אין בעטל מיט אַ צעבראָכענעם הענטל, אויך אַ רעזולטאַט פון יובילעום (ער איז געפאַלן יענע נאַכט גייענדיק שפּעט אַהיים). די ווייב שעלט און שימפּט [זידלט] איר מאַן און אַלע יידישע שרייבער. עס קומען מבקר חולה זיין אשכנזין שרייבער און ליטעראַרישע מיידלעך, וועלכע ברענגען אים פינצטערע בשורות פון רעדאַקציע און פון די טעאַטערס פאַר וועלכע ער שרייבט פּיעסן. איינער פון די שרייבער שאַרט זיך צו דער ווייבל און זי נעמט ביי אים געלט. אַם ענדע פון אַקט פאַרלאָזט זי די הויז און אשכנזי פאַלט אַריין אין אַ היסטעריקע.

דער דריטער אַקט קומט ווידער פאַר אין קופּער יוניאָן. אשכנזי איז טויט, און די זעלבע שרייבער, וואָס האָבן ביי זיין יובילעום אים אויסגעלאַכט, קומען איצט אים מספּיד זיין. זיי לויבן אים ביזן הימל. מען מאַכט אַ קאָלעקשאַן [זאַמלונג] פאַר דער אלמנה און דאָס ברענגט אַריין גאַנץ צו טויזנט דאָלאַר. יעדער נעמט אויף זיך אַ נדר צו טאָן אַלץ אין דער וועלט פאַרן טויטן אויב ער זאָל נאָר צוריק לעבעדיק ווערן. דער רעדאַקטאָר, וועלכער האָט אים אַנטזאַגט, איז בערייט אים צו געבן אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר, און דאַן שפּרינגט אשכנזי אַרויס פון דער טרומנע. זיין טויט איז געווען קאָמופלאַזש, אַ טריק, דורכגעפירט אויפן ראַט פון זיין פריינט אַ מאָלער מיטן נאָמען ברענער.

דער פּלאָט איז, ווי געזאָגט, ניט קיין נייער. ער איז שוין באַנוצט געוואָרן אין ראָמאַנען און אין פּיעסן. און וואָס איז מכח די וויצן אַליין, די עפּיגראַמען, די שטיפעריייען? מאַנכע פון זיי זיינען גאַנץ געלונגענע. מאַנכע פון זיי זיינען אָבער וווּלגאַר און כמעט אַלע פון זיי זיינען ביליקע, אויסגעדראָשענע. דער, וואָס איז באַקאַנט מיט משה נאַדירס אַרט שרייבן, מיט זיין הומאָר, האָט שוין דיזע וויצן געהערט אָדער געלעזן, אויב ניט פּונקט ווי מען גיט זיי אים אין טעאַטער, איז אָבער גאַנץ ענלעך צו זיי. עס איז דאָ נאָך אַ פּונקט, וואָס מוז באַרירט ווערן. משה נאַדיר באַנעמט זיך צו די יידישע שרייבער אין דיזער פּיעסע איינפאַך סקאַנדאַליעז. וואָלט ער זיך געוויצלט אויף זייער חשבון, וואָלט קיינער צו אים גאָרניט געהאַט, וואָלט ער אויסגעלאַכט, אָפּגעשפּאָט פון זייערע אמתע פעלערן, פון זייערע ווירקלעכע שוואַכקייטן, וואָלט מען אים דערפאַר אפשר גאָר געדאַרפט דאַנקן. ער מאַכט אָבער פון זי חוזק ווי אַ לויפער [אַ גאַסן־יינגל], וואָס באַפאַלט אַ גאַנץ פרעמדן מענטשן אין גאַס און שרייט אים נאָך. ער שטעלט אַרויס עטלעכע „טיפּן שרייבער", איינער, וואָס קלערט נאָר און רעדט נאָר וועגן יונגע ווייבלעך, אַ צווייטער, וואָס שרייט ווי אַ פורמאַן, אַ דריטער, וואָס איז אַ לעמעשקע, אַ קוואַטש, אַ פערטער, אַ פינפטער און אַ זעקסטער, וועלכע זיינען גאָר אָן שום גייסטיקע פיזיאָנאָמיע. אין קיינעם פון די „טיפּן" דערקענט מען ניט קיין איין שטריך פון אַ שרייבער, קיין איין ווירקלעכע שוואַכקייט וואָס אָנבאַלאַנגט אין די שילדערונגען פון דעם לעבן, איז עס פּונקט אַזוי לעכערלעך פאַלש. אַ יידישער שרייבער, וואָס איז באַרימט אַזוי ווי דער העלד אשכנזי אין דער פּיעסע, שטאַרבט איצטער ניט פון הונגער, און די ווייב זיינע וועט אים ניט שיקן זיין אַן אונטערפּרעסער.

אויב די פּיעסע וועט האָבן ערפאָלג, טראָץ די אַלע פעלערן אירע, טראָץ דעם, וואָס זי איז איבערהויפּט קיין פּיעסע ניט, וועט דער דאַנק קומען די שוישפּילער. די גאַנצע קאָמפּאַניע איז געווען איינפאַך צו באַוווּנדערן. זאָץ אין דער הויפּט ראָלע דוד אשכנזי האָט זיך איבערטראָפן. טראָץ דעם וואָס דער פאַרפאַסער האָט אים קיין ווערטער ניט געגעבן, קיין האַנדלונג ניט געגעבן, קיין נשמה ניט געגעבן, לעבט ער פאַר אונדז און האַלט אונדזער אויפמערקזאַמקייט די גאַנצע צייט וואָס ער איז אויף דער בינע. אין ערשטן און צווייטן אַקט גייט ער פון סטיידזש ניט אַראָפּ. ווערטער האָט ער אין די צוויי אַקטן בלויז געציילטע. ער זיצט די גאַנצע צייט כמעט אַ שטילער, אָן צו ריידן אַ וואָרט. פונדעסטוועגן ערלויבט זיך קיינער ניט פון די צושויער פון אים אויף אַ רגע די אויגן אַראָפּצונעמען. ער שפּילט אָן ווערטער. אַזאַ קראַפט האָבן זייער ווייניק צווישן די בעסטע אַקטיאָרן זאָגאַר. אַ זייער ניט שיינע זאַך האָט אָבער זאָץ געטאָן, וואָס ער האָט זיך גרימירט ווי אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער. דאָס איז איינפאַך ניט אָנשטענדיק, ווייל דער שרייבער וועמען זאָץ מאַכט נאָך, איז ניט כעיק אויף די גראָבקייטן, וואָס ער באַגייט אין דער פּיעסע.

אויסגעצייכנט גוט האָט אויך געשפּילט אַננאַ אַפּעל אין דער ראָלע פון מרס. אשכנזי. זי איז געווען נאַטירלעך און איינגע־

האַלטן. זי איז בייגעשטאַנען דעם נסיון צו איבערטרייבן, וועלכער איז געווען זייער שטאַרק. זעלטן ווען האָבן מיר איר געזען אַזוי גוט שפּילן. מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט צוויי ראָלן. אין ערשטן און דריטן אַקט אַלס „דוד שאַפּיר“, אַ „פילאָזאָפישער שרייבער“, און אין צווייטן אַקט, דר. חיריק, אַ „ליטעראַרישער דאָקטאָר“. קיין כאַראַקטערע זיינען זיי ביידע ניט, אויף ווי ווייט מען האָט די צוויי ראָלן געקאָנט מאַכן אינטערעסאַנט, דורך דעם גרים און די מימיק, האָט עס שוואַרץ געטאָן. מאַדאַם גערסטען אין דער ראָל פון נינאַ, אַ פאַרערערין פון קונסט, האָט געשאַפן אַ טיפּ מיט איר שפּילן. צום ערשטן מאָל זעען מיר די אין אַ ראָלע, ווו זי טאָר זיך ניט באַנוצן מיט איר קערפּערלעכער שיינקייט. מיר דענקן, אַז דאָס האָט פיל מיטגעהאָלפן, אַז זי זאָל טראַכטן מער פון דעם שפּילן. זי איז געווען אויסערגעוויינלעך גוט. קאָמפּלימענטן קומען אויך טענענהאָלצן און גאָלדסמידטן און באָריס ראָזענטאַלן. ... מיידעלע, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון אַשכנזיס קינד, סאַראַ קליידער, איז געווען נאַטירלעכער ווי מאַנכע פון די ערוואַקסענע אַקטיאָרן. ניט שלעכט זיינען געווען גילראָד, פישקינד און מרס. מעלצער“.

**דער ענין ווי אַזוי נאַדיר באַהאַנדלט די יידישע שרייבער האָט אויך געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר די „טהעאַטער שמועסען“ פון אַ „טהעאַטער פּאַטריאָט“:**

„...[שוואַרץ] האָט זיין טעאַטער געעפנט מיט אַ מעלאָדראַמע און דעטעקטיוו־מעשיות. האָט דער טעאַטער גענומען ניכווען און מען האָט שוואַרצן ערקלערט דאָס ניט קוקנדיק וואָס אירווינג פּלייס טעאַטער האָט זיך געעפנט אַלס ליטעראַרישער, פעלט אים אַ ביסל ליטעראַטור, האָט ... שוואַרץ אויפגעפירט הירשביינס ליטעראַרישע דראַמע „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל“ און דער אירווינג פּלייס טעאַטער האָט אויפגעלעבט און [ווען] הירשביינס ליטעראַרישע דראַמע איז אַרונטער פון דער בינע, האָט שוואַרץ זיך משער געווען אַז אַזוי ווי מיט אַ ליטעראַרישע דראַמע מאַכט מען גוטע ביזנעס, קאָן מען דאָך מיט די ליטעראַטן אַליין ווערן אַ מיליאָנער, האָט שוואַרץ גענומען אַ באַנטש [פּאַק] פון נאַדירס פּאַסקווילן אויף יידישע שרייבער, וואָס זיינען ערשינען אין די וויצן־בלעטער און האָט עס געשטעלט אַלס אַ פּיעסע. די גאַנצע איטסט באַדווייי מיט אירע ליטעראַטן און ליטעראַרישע שמשים ערשיינען אויף דער בינע און עס איז אַ רעגולערער פּורים־שפּיל. ...אַ ליטעראַרישע פּיעסע העלפט טאַקע צו אויפהאַלטן אַ ליטעראַרישן טעאַטער, אָבער אַרויפצושלעפּן די גאַנצע כאַליאַסטריע ליטעראַטן אויף דער בינע זיי זאָלן פאַרנודיען דעם עולם די יאָרן און זיך אַליין מאַכן פאַר פּורים־שפּילער, איז...“

**ישראל דער יענקי שרייבט:**

„פאַראַן אין יעדן טעאַטער נויט־פּיעסן, אַ בינטל פאַרלעגערטער „סטאַק“ פּיעסן, וואָס ווערן געבראַכט צו די מענעדזשערס פון אַלערליי „פּאַטריאָטן“, „יאָלדעס“ און גלאָט לצים און אויף וועלכע די מענעדזשערס קוקן זיך קיינמאָל ניט אום. זיי ווערן געהאַלטן יאָרן און יאָרן די דאָזיקע פּיעסן. זיי אַנטהאַלטן אידיאָטסטוואָ פון ריינסטן סאָרט, ניט געמישט חלילה מיט וועלכן ס'איז מענטשלעכן געדאַנק, ווייט פון יעדן מענטשלעכן זין, און דאָך ווערט אַמאָל אַזאַ מין פּיעסע אויפגעפירט. עס טרעפט, אַז עס איז ניטאָ קיין פּיעסע צו דער האַנט, מען האָט ניט וואָס צו שטעלן, און דער מענעדזשער רעכנט „אוי ירחום, ווער ווייס אפשר וועט אַמאָל אַ גוטע פּיעסע אויך גיין“, און ער שטעלט זי איינע פון די דאָזיקע פּיעסן איז משה נאַדירס „סוקסעס“, וואָס ווערט געשפּילט אין „אירווינג פּלייס טעאַטער“. אַ ריזיקער אידיאָטישער קיבעץ, אַ שטיק שוואַץ [פלוידעריי] אין דער פאָרמע פון אַ דראַמאַטיזירטער טעלעפאָן־דירעקטאָרי פון רעדנער, אין דריי גלות־לאַנגע אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּי־פּראָלאָג פון וועלכן עס בלייבט אַ היבש ביסל זויער אין מויל און עס דרייען די קישקעס פון גאָלער דיספּעפּסיע.

דער גאַנצער שטות וואָלט ניט ווערט געווען דערמאָנט צו ווערן אַפילו אין איין שורה ווען עס זאָל זיך אין דעם ניט געפינען אַ צרהדיקער פאַרזוך פון אַ קריפּל צו דערלאַנגען מיט דער קוליע אַלע יידישער שרייבער אָן זייט, און ווען מר. מאָריס שוואַרץ, דער דירעקטאָר פון „אירווינג פּלייס טעאַטער“ זאָל ניט אויף זיין אייגענעם חשבון — אָן פאַרפאַסערס וויסן — אַרויסברענגען צוויי בריליאַנטענע איסט סיידער טיפּן, וואָס זיינען אַלעמען באַקענט, און ווען טענענהאָלץ און מאַד. אַפּעל זאָלן ניט שאַפן צוויי געשטאַלטן, וואָס זיינען ווערט צו זען אַפילו ווען מען זאָל צו זיי קיין פּיעסע ניט צוטשעפּן.

...אַ חוץ פאַר אייגענע אָפּגעשמאַקטע וויצן, אַ פּאָר אַלטע סאַפּיר־וויצן און אַ ניט־געלונגענער פּאַסקוויל אויף יידישע שרייבער און דיכטער, אַז זיי לעבן ווי חזירים, איז אין דעם „גוף“ פון דער פּיעסע גאָרנישט פאַראַן. דאָס וווּנדערבאַרע איז נאָר וואָס אין אַזאַ אומגליקלעכן שמירעכץ האָבן שוואַרץ, טענענהאָלץ און מאַדאַם אַפּעל געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו געבן דעם פּובליקום איבערגענוג פאַר די פּאָר סענט וואָס ער באַצאָלט צו זען די פאָרשטעלונג. מר. שוואַרץ שפּילט נעמלעך צוויי ראָלן, וועלכע, מ'קאָן זאָגן, ער האָט אַליין געשאַפן און פאַרקערפּערט אין פלייש און בלוט. ער שפּילט אַ „טשערמאַן פון יובילעום“ און אַ דר. חיריק און ביידע זיינען זיי געטרייע קאָפּיעס פון ניו־יאָרקער יידישן לעבן. דער ערשטער איז אַ באַוווסטער רעדנער און דער צווייטער איז אַ דאָקטאָר, וואָס איז נאַכלעסיק אין קליידונג און זיין פּראַקטיק, און ער מישט רק מעדיצין מיט ציוניזם, וועלט־פּאָליטיק און אָפּגעלעבטע וויצן. שוואַרץ ענדערט זיין שטימע אין יעדע פון די ראָלן און אַזוי מייסטערהאַפט ספּראַוועט ער זיך מיט זיי, אַז איר זעט און איר הערט די צוויי מענטשן לעבעדיקע אַזוי ווי יעדער קען זיי. דאָס איז ניט קיין געוויינלעכע אימיטאַציע, קיין פּשוטע נאָכמאַכונג. דאָס איז אָפּגעריסן אַ שטיק לעבן און עס געבראַכט אויף דער בינע. קיין געוויינלעכער שוישפּילער וואָלט די דאָזיקע טיפּן ניט געקאָנט דורכפירן. טענענהאָלץ שפּילט די ראָלע פון ברענער, אַ מאָלער, אַ יידישער אַרטיסט, וואָס קוקט אויף דער וועלט איבער די אַקסל און פאַראַכטעט אַלעס, וואָס שמעקט מיט בלאָף אין דעם ליטעראַרישן וועלטל. אַ חוץ דעם באַזיצט ער די „איך האָב אייך אַלעמען אין דער ערד“־נאַטור, וואָס גיט אים אַ גלענצנדע געלעגנהייט צו זען די שוואַכע זייט אין אַלעס און ער זאָל קאָנען אָפּלאַכן און חוזק מאַכן פון אַ זאַך אין דער ריכטיקער מאָס, און טענענהאָלץ ברענגט אַרויס יעדן שטריך פון דיזן מין מענטשן מיט באַזונדערן טאַלענט. מאַד. אַפּעל שפּילט מרס. אש כנזי, די פאַרוואָגלטע ווייב פון דעם צרהדיקן דיכטער, וועלכן מען מאַכט אַ לויה ביי זיין יובילעום און אַ יובילעום ביי זיין לויה, מיט אומגעהויערן ערפאָלג. אַלע אַנדערע ראָלן אין דעם שטיק זיינען אַלע ווי בוכשטאַבלעך אַרויסגענומען פון די „זרח און ברוך“־וויצן פון געוועזענעם „קיביצער“ צוליב וועלכן דער „קיביצער“ איז אונטערגאַנגען“.

**לומינוס אַטאַקירט שאַרף דעם מחבר:**

„האָט משה נאַדיר טאַלענט? געוויס! קאָן משה נאַדיר שרייבן? געוויס! קאָן משה נאַדיר זיין אַ ראַפינירטער שריפטשטעלער? אָן צווייפל! אָט די אַלע פראַגן האָב איך זיך געשטעלט און די ענטפערס האָב איך זיך געגעבן ווען איך בין געזעסן לעצטן פרייטיק אָוונט און זיך געלאַנגווייליקט צום טויט מיט אַן אמתן פאַרדרוס פאַר [אויף] משה נאַדירן אַלס איינער פון דעם „ווערטן פובליקום" ביי דער אויפפירונג פון זיין „סוקסעס". פאַרוואָס. אַלזאָ, אַזאַ אידיאָטיש, יאָ, אידיאָטיש שטיק, וואָס טראָגט משה נאַדירס נאָמען אַלס אויטאָר? צו וואָס האָט משה נאַדיר געשריבן אַזאַ אומגעלומפּערטע, ביליקע בורלעסק?

ער האָט אונדז, זיינע קאָלעגן, געטאָן אַ טובה, און אין זיין רעדע צום סוף דערציילט, אַז ער האָט זיין פּיעסע געשריבן צוליב געלט. אָלרייט, האָט ער דען ניט געקאָנט אָנשרייבן אַ גערווינלעכע, געזונטע קאָמעדיע, אַפילו אַ ביליקע קאָמעדיע, אָבער אַ קאָמעדיע?

פאַרוואָס האָט ער געשריבן אַ נאַרישע, אומגעלומפּערע מאַכערייקע, וועלכע פּאַסט זיך העכסטנס פאַר גענעצנדיקע דאַטשניקעס ערגעץ אין די „מאָונטענס" [בערג] ווען עס איז ניטאָ וואָס צו טאָן און עס פאַלט עמעצן איין צו שטעלן אַ „ספּעקטאַקל" ווו מען וויל אַרויספירן אייגענע מענטשן און זיי, מעשה פאַיאַץ, אויסלאַכן און רידיקולירן.

דער ענטפער אויף די אַלע פראַגן קאָן בלויז זיין איינער. משה נאַדיר איז אַ ציניקער און דער ציניזם האָט זיך אים איינגעגעסן אַזוי אין די ביינער, אַז ער האָט שוין פאַרלאָרן יעדן זין פאַר גרענעץ און פאַר מאָס, יעדן זין אַפילו פאַר עלעמענטאַרער אָנשטענדיקייט. ציניזם איז ביי אים געוואָרן אַ פּראָגראַם, אַ קרעדאָ, און ער פאַרגעסט אָדער פאַרשטייט ניט, אַז דאָס וואָס האָט נאָך אַ שטיקל זין, וואָס קאָן נאָך אָנגיין פאַר אַ „באָן טאָן", פאַר אַ גוט ווערטל צווישן „אנשי שלומינו" [אייגענע מענטשן] ביים קאַפע־טישל, איז אַבסאָלוט נאַריש און אומגליק אויף דער סצענע פאַר אַן עולם, וואָס קומט זען אַ פּיעסע, נאָך דערצו אַ „ליטעראַרישע" פּיעסע.

בלויז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט מען אויף דער זעלבער בינע, געשפּילט פון די זעלבע אַקטיאָרן, אויפגעפירט מיט אַזיפיל ערפאָלג, צו דער אמתער פרייד פון דער גאַנצער שרייבער־פּראָפעסיע און פון דעם בעסערן יידישן עולם פּרץ הירשביינס „דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל". דאָס פובליקום האָט נאַטירלעכערוייז ערוואַרט, אַז אין אַזאַ טעאַטער נאָך אַזאַ ערפאָלג פון אַן עכטער פּיעסע, וועט מען אודאי שטעלן נאָך אַ גוטע זאַך. האָט נישט משה נאַדיר אַ נאָמען פאַר אַ גוטן שרייבער? האָט ער ניט יאָרןלאַנג געריסן אַלע טעאַטערס פאַר זייערע שונד־פּיעסן? און מיט אַ מאָל — אַזאַ שטיק דומהייט און אומגעלומפּערטקייט. יאָ, דאָס איז אַ רעזולטאַט, אפשר די שטראָף פון משה נאַדירס איינגעגעסענעם ציניזם. מעגלעך, אויך אַן אויסדרוק פון יענעם ציניזם, וואָס האָט גענומען הערשן בכלל אויף אונדזער ליטעראַרישער וועלט, און וועלכער דאַרף אויסגעראָט ווערן. אָבער ביז איצט איז אָט דער ציניזם אין דער ליטעראַרישער וועלט בלויז געווען צווישן זיך. משה נאַדיר האָט דעם טרויעריקן פאַרדינסט, וואָס ער האָט אים אַרויסגעטראָגן פאַר דער וועלט.

פון וועמען האָט משה נאַדיר געלאַכט אין דער פּיעסע? פון זיך און פון דעם פובליקום. פון זיך — דאָס איז זיין קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט, אָבער פאַרוואָס קומט עס דעם פובליקום? פאַרוואָס קומט עס דעם עולם, וועלכער האָט גענומען טראַכטן, אַז אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" שפּילט מען בעסערע פּיעסן, אונטערצוטראָגן אַזאַ גראָבע געשמאַקלאָזיקייט. .... עס איז ווירקלעך ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן דער פּיעסע. ... עס איז קיין פּיעסע ניט. עס איז: לעכערלעכער אומזין. איך בין ניט „עמפּערט" [אויפגערעגט, באַליידיקט] דערפון, וואָס משה נאַדיר האָט אין זיין שטיק אַרויסגעפירט קאַריקאַטורן פון יידישע שרייבער און אַ שאַרזש פון דער יידישער שרייבער־סביבה. איך מיר רעדט ניט די באַליידיקטע מאָראַל פאַר מאַכן די פּרוי פון אַ יידישן שרייבער דאָס, וואָס יעדער ביליקער שונד־שרייבער מאַכט פון דער טאָכטער פון יעדן אַרבעטער ווען זי קומט פנים לפנים מיט נויט. מיך אַרט דאָס וואָס זיי זיינען קיין שרייבער ניט, קיין קאַריקאַטורן ניט און קיין שאַרזש ניט. מיך אַרט דאָס, וואָס איך זע אין דער פּיעסע קיין שאָטן פון טאַלענט ניט. מיך אַרט דאָס וואָס איך האָב ערוואַרט צו זען אין משה נאַדירס אַ שטיק עפּעס, וואָס זאָל מיך דערמאָנען, אַז דאָס איז געשריבן פון אַ קאָלעגע־ליטעראַט און ניט פון אַ „פּיעסן מייקער", וועלכער שלעפּט צונויף קאַשע מיט באָטשווינע, בראָקט דערין אַריין אַ פּאָר „קלוגע" ווערטער, רחמנא לצלן, וואָס זיינען אַלט ווי די בערג און פלאַך ווי אַ לאָקשן־ברעט. מיך אַרט וואָס איך מוז רחמנות האָבן אויף משה נאַדירן, וועלכער האָט זיך אַזוי אָפן לפני כל עם ועדה אַרויסגעשטעלט אין אונטערוועש. די גאַנצע „פּיעסע" איז אַ פּוילער וויץ און ניט מער. ביים קאַפע־טישל, אין דעם נייטיקן פּלאַץ, צום געהעריקן וואָרט, קלינגט עס נאָך נישקשה... אָבער ווען אַקטיאָרן דאַרפן שפּילן אַ וויץ, ווען דער וויץ דאַרף דעקלאַמירט ווערן, איז ער שוין גאָרניט, און עס איז אַש און רויך פון אַ פאַרברענטער שמאַטע. לאַכט כאָטש דער עולם? איך האָב קיין סך געלעכטער ניט געהערט. אַפילו די דעקלאַמירטע וויצן זיינען פאַרשטענדלעך נאָר פאַר אַ באַגרענעצטע צאָל מענטשן. פאַר די, וואָס האָבן זיי שוין טויזנט מאָל געהערט אין קאַפע. דער ברייטער עולם ווייס גאָרניט ווען ער זאָל לאַכן. צומאָל ווערט מען עפּעס געקיצלט פון אַ וואָרט, פון אַ מעכאַנישע באַוועגונג, אָבער דער געלעכטער, וואָס קומט דערפון אַרויס, איז ניט קיין אַנדערער ווי די ליפּן־קרימענע גרימאַסע פון אַ מענטש ביי וועמען מען קיצלט די פּיאַטעס אַפילו ווען אָט דער מענטש געפינט זיך בעת מעשה אויף דעם שטול פון אַ דאַנטיסט.

אָרעמע אַקטיאָרן! זיי האָבן דאָך גאָרניט וואָס צו שפּילן. זיי מוזן מאַכן נאַרישע אימיטאַציעס, מיט דער אויסנאַמע פון מאָריס שוואַרצן, וועלכער האָט גוט איינגעשטודירט די אימיטירונגען, און וועלכער שטעלט אַוועק צו דעם גרעסטן טייל פון דעם פּיאַטע־געלעכטער, זיינען אַלע אונדזערע אַקטיאָרן שוואַך און לאַנגווייליק, אַפילו זאַק, אַפילו גאָלדשמידט און וואָס איז דער וווּנדער? די אַקטיאָרן, וואָס האָבן אַזוי פיין געשפּילט דאָס „פאַרוואָרפן ווינקל", זיינען אַקטיאָרן און ניט פּוילע וויץ־דעקלאַמאַטאָרן, און צו וואָס האָט עס מאָריס שוואַרץ אינגאַנצן גענומען אָט די פּיעסע? צו וואָס האָט ער דערמיט קאַלע געמאַכט די גוטע רעפּוטאַציע פון זיין טעאַטער? האָט ער זיך אפשר געוואָלט נוקם זיין אָן משה נאַדירן, אָן די יידישע ליטעראַטן, און ווייזן, אַז זיי גרייכן ניט די קנעכל פון זאָלאָטאַרעווסקין און אַנשל שאָרן?

קאָלעגע משה נאַדיר: עס טוט אונדז לייד, צו קריגן פינף־סענטיקע פון יעדן דאָלאַר איז ניט נייטיק געווען אַרויפצושלעפּן אַ מטה אויף דער בינע, צו מאַטערן מיט דעקלאַמאַציעס אַ קליין

קינד, צו מאַכן עטלעכע גרעסערע קינדער זינגען „אויפן פריפיטשאָק“, צו צווינגען אַן אַקטעריסע צו פּלאַפּלען מיט אַ ציניש קנייטש וועגן „אַ שטאַנדפּונקט“, צו נייטן אַן אַקטיאָר צו רעוועז „וואַט טו העל“, צו בלאַמירן דעם טאַלענט פון שוואַרצן, זאַצן און גאָלדשמידטן. דערצו איז געווען גענוג אָנצושרייבן אַ קאָמעדיע, אַ גוטע קאָמעדיע, אַפילו אַ ביליקע קאָמעדיע, אָדער אפשר קאָנט איר עס ניט? אפשר האָבן מיר געמאַכט אַ טעות אין אייער טאַלענט בכלל? האָט בירגערלעכן מוט, קאָלעגע משה נאַדיר, הייסט די פּיעסע אַראָפּנעמען וואָס שנעלער און צעזייט אונדזער שווערן איינדרוק און שווערע צווייפלען...“

## „דער אוצר“

דעם 18טן פעברואַר 1919 ווערט אויפגעפירט „דער אוצר“, קאָמעדיע פון דוד פּינסקי.

**י. ענטין שרייבט:**

„דוד פּינסקיס קאָמעדיע „דער אוצר“, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָך מיט פיל יאָרן פריער, איז ענדלעך געשפּילט געוואָרן דעם דינסטיק אויף דער יידישער בינע צו לודוויג זאַצס ערן־אָוונט. ביז איצט איז „דער אוצר“, אַ פּאָר מאָל געשפּילט געוואָרן [אויף דייטש] אין בערלין פון ריינהאַרט און זיין טרופּע און איינמאָל איז עס אין אָריגינאַל געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרק מיט רודאָלף שילדקרויט, פּרוי יאָנג און הער מאַרק שווייד אין די הויפּט־ראָלן און אַן אָנצאָל יידישע שרייבער אין די אַנדערע ראָלן: „דער אוצר“ איז אַמוזאַנט צום לעזן און איז געווען זייער אַמוזאַנט אין דער שילדקרויטישער אויפפירונג. אויב עס איז ביי אונדז ניט געשפּילט געוואָרן די גאַנצע צייט, איז עס צום טייל איבער טעכנישע שוועריקייטן (די פּיעסע האָט אַ ריזיקן פּערסאָנאַל) און צום טייל איבער דעם פאַרשלאָפענעם שוישפּילעריש ניט־אונטערנעמעריש גייסט פון אונדזער בינע. „דער אוצר“ האָט אַ רייכן הומאָר אי פון כאַראַקטערע, אי פון סיטואַציאָנען. דעם דינסטיק, כאָטש די אויפפירונג איז געווען אַרום און אַרום אַ גאַנץ אָרעמע, האָט דאָס „אירווינג פּלייס טעאַטער“ אין משך פון די ערשטע דריי אַקטן פאַריינס געהילכט פון געלעכטער. עס איז אַ ליטעראַריש ווערק מיט איייניקע טיפן און אַ גאַנץ רייכער גאַלערעע פון סילועטן. עס אַנטהאַלט אַ גאַנץ ברייטע שילדערונג פון קליינשטעטלדיקע יידישע זיטן. עס האָט אויך אין זיך אַ ביסל פּסיכאָלאָגיע, די פּסיכאָלאָגיע פון אָרעמען מיידל, וואָס רייסט זיך צום לעבן און פרייד. כאָטש איין טאָג אין איר לעבן טרעט זי אין די גאָלדענע שיכעלעך פון רייכקייט און גליק. דער כאַראַקטער פונם דאָזיקן מיידל איז אָמפּעקסטן געצייכנט אין דער פּיעסע. אַרום איר קאָנצענטרירט זיך דאָס ליטעראַרישע פון דער פּיעסע. פון דאָזיקן מיידל און איר נייע „גאָלדענע“ איבערלעבונג שטראַלט אויך אַרויס דער איידלסטער הומאָר פון דער קאָמעדיע. זאָנסט [אויסער דעם] איז דער הומאָר דער געווינלעכער שפּאַס פון דעם גאָלד־פיבער, וואָס צינדט זיך פון צייט צו צייט אָן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אויף פאַרשיידענע בינען.

...[דעם קברנס טאָכטער] ציליס זאָנדערבאַרע רייזע אין דער וועלט פון עשירות איז בלויז אַ גרויסער עפּיזאָד אין דער קאָמעדיע, און דאָס איז אַ שאָד. דאָס טיפערע און דאָס פיינערע פאַרנעמט אין דער פּיעסע און אין די סיטואַציאָנען אַ סך ווייניקער פּלאַץ ווי עס וואָלט געקאָנט פאַרנעמען בשעת ווען דער אַנדערער הומאָר — פון געלט־פיבער און דעם קברנס פאַלשע לאַגע — איז אי ניט אַזוי פיין ווי דער ערשטער, אי ער איז מער צעצויגן. די פּיעסע ליידט פון צעצויגענקייט און ווידערהאָלונגען. עס איז דער זעלבער גאָלד־פיבער אין אַלע אַקטן, אַ חוץ, וואָס ער צעשפּרייט זיך איבער אַלץ ברייטערע קרייזן ביז לסוף פאַרכאַפּט ער ניט נאָר דאָס גאַנצע שטעטל, נאָר אויך אַרומיקע שטעטלעך. עס איז דיזעלבע סיטואַציע מיט דאָזיעס פאַלשע עשירות, נאָר מיט פאַרשידענע וואַריאַציעס. נאָכן שדכן קומט דער נגיד פון שטעטל,



סצענע פון „דער אוצר“

נאָכן נגיד קומט דער ראש הקהל, נאָכן ראש הקהל קומט חברה הכנסת כלה, חברה בקור חולים, חברה קדישא, און איבעראַל דאָס זעלבע צושאַרן זיך, דאָסזעלבע צושטיין מצד די קומענדע און דיזעלבע ביטערע פאַרלעגנהייט פון קברנס צד. עס באַקומט זיך אַן איינדרוק אַזוי ווי פון אַ קלעצל אַרום וועלכן עס וויקלען זיך פיל סטענגעס מיט בלויז לייכטער אָפּוועקסלונג פון קאָלירן. דאַקעגן איז אין הומאָר פון ציליס פּראַנטעווען אין אירע נייאיינגעקויפטע קליידער, פון איר אונטערהאַנדלען מיטן שדכן, איר לאָזן זיך אויסשרייבן אַ גרויסאַרטיקן חתן און איר באַזינגען די פרייד פון רייך זיין, קיין מידקייט ניטאָ. די קוים מערקבאַרע איינטאָניקייט ווערט אָפּגעוויקלט דורך אַ בליק אין אַ יונג מיידלס נשמה, דורך איר ריזיקאַליש פאַרצווייפלטן רייסן זיך נאָך גליק און לעבנס־פרייד.

אונטערן סוזשעט, אונטער די סצענעס פליסט אויך אַ דין, דין שטרעמעלע פון געזעלשאַפטלעכע סאַטירע. דאָס גאַנצע שטעטל קריכט פון דער הויט דעם אוצר צו געפינען און דאָס גיט דער ממזרישער צילין די מעגלעכקייט דורך איר האַלב־משוגעגעם ברודער צו מאַכן גאַנץ קהל פאַר משוגעים. דאָס סאַטירישע שטרעמעלע איז אַזוי דין, אַז עס זעט זיך קוים אָן. דערצו איז עס אויך מער סאַרקאַסטיש איידער סאַטיריש. עס הייסט, עס איז עטוואָס אומליבלעך.

פּינסקי האָט אויך געבלאָנדזשעט מכח דעם סוף פון דער פּיעסע. אין בוך, געדענק איך, ענדיקט עס זיך מיט אַ שרעקלעכע בשורה וועגן אַ פּאָגראָם. דאָס איז געווען אַ העכסט ווילדער פינאַל. פּינסקי האָט משמעות די ווילדקייט איינגעזען און דעם דינסטיק האָט זיך שוין די פּיעסע געענדיקט מיטן הינטלס צווייטע באַגרעבעניש און יודקעס באַנייט באַוויינען אים. דאָס איז שוין ניט ווילד, אָבער דערפאַר אַ לאַנגווייליקע ווידערהאָלונג. „דער

אוצר״, אַ דאַנק אירע פילע מעלות און ניט קוקנדיק אויף אירע עטלעכע חסרונות, קאָן זיין זייער אַ גוטע, כמעט אַן אויסגעצייכנטע קאָמעדיע. זי קאָן אָפט געשפילט ווערן און געבן אַקטיאָרן אַ מעגלעכקייט צו שיינען אין לעבן און דעם עולם צו פרייען זיך מיטן קינסטלערישן לעבן און זיך אַמוזירן. קודם כל אָבער מוז די פיעסע שטאַרק, טיכטיק רעזשיסירט ווערן, און די רעזשי דאַרף זיך אויך ניט אָפשרעקן פאַרן שנייד־מעסער. דעם דינסטיק, ווי שוין אָנגעטייט, איז די פיעסע גאַנץ אָרעמלעך געשפילט געוואָרן. אין טעאַטער איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרן, אַז אין גאַנצן זיינען געווען צוויי פראָבן. פאַר אַזאַ פיעסע ווי „דער אוצר״ מיט אַזוי פיל פאָלקס סצענעס, איז אַזוינס איינפאַך קינסטלעריש־פאַרברעכעריש. צוויי פון די הויפט־ראָלן זיינען זיכער בעסער געשפילט געוואָרן אין דער שילדקרויטישער אויפפירונג. די קלענערע ראָלן און סצענעס האָבן זיכער בעסער געלעבט דאַמאָלט, כאָטש דאַן זיינען זיי געשפילט געוואָרן דורכויס פון דילעטאַנטן.

הער זאַק האָט געשפילט דעם עפילעפטיקער יודקע. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם עפילעפטיקער. ער איז געווען רירעוודיק און לעבעדיק און האָט איבעראַל געשפילט. קיין חידושים האָט ער אָבער ניט אויפגעטאָן. די שרעקלעך איינטאָניקע קאַרג־ווערטערדיקע און קנאַפ־האַנדלנדע ראָלע איז געבליבן קנאַפ און קאַרג. אין דער שילדקרויטישער פאַרשטעלונג האָט די ראָלע געשפילט הער שווייד. עס געדענקט זיך מיר ניט, אַז דער הער שווייד זאָל זיין קאָנטיק שוואַכער אין דער ראָלע איידער הער זאַק. געשיינט און געלויכטן האָט צילי אַדלער אין דער ראָלע פון קברנס טאָכטער. די ראָלע איז פאַר אירע כוחות ווי אָנגעמאָסטן און זי האָט אין איר געלעבט טיף, ברייט און ערפינדעריש פאַרשיידנאַרטיק. איר מימיקע אין דער ראָלע איז אונערשעפלעך. איר האַלטונג רייך און קלוג און גאַנץ געוואַקסן פאַר די פילע מאָמענטן פון אירע סצענעס. שוין צוליב צילי אַדלער דאַרף די פיעסע ווייטער געשפילט ווערן. מר. שוואַרץ האָט דורכגעפירט די ראָלע פון קברן, וועלכע דאַמאָלסט האָט שילדקרויט געשפילט. פאַרגלייכונגען אין דעם פאַל זיינען לעכערלעך. דערמאָנט מען זיך אָבער ווי ווייניק הער שוואַרץ האָט זיין ראָלע געקענט, מוז מען, ביי זיין גאַנצן ניט דערשפילן זי, דאָך באַוווּנדערן זיין בריהשקייט, האָט ער דאָך פון זיין ראָלע אַרויסגעבראַכט אַ סך הומאָר, און איינציקע שטעלן פאַנטאָמימע האָט ער דורכגעפירט אמת פרעכטיק. די מאַדאַם נאַדאָלסקי אַלס דעם קברנס ווייב איז געווען א היבש ביסל שוואַכלעך. מען האָט געזען, אַז די טאַפט ערשט אַן איר ראָלע, דערצו האָט זי אויך ניט געלונגען באַהערשט איר שטימע. אַ גאַנץ גלאַטיקע געשטאַלט פון דעם שטעטלדיקן גבי. כאָסקין האָט געשאַפן הער גאָלדסמידט. ערטרעגלעך איז אויך געווען הער באָריס ראָזענטאַל אַלס דער ראש הקהל. דער הע נאַדאָלסקי אַלס דער שדכן איז טיילווייז געווען ביים וועג. מר. גילראָד אַלס בקור חולים גבאי האָט געשאַפן אַ שטיקל ענלעכקייט אויף אַ מענטשן און מר. פישקינד אַלס הכנסת כלה גבאי האָט צוגעגעבן זיין חלק קאָמיזם צו דער פאַרשטעלונג״.

### הלל ראָגאָף שרייבט:

„דוד פינסקי האָט מיט אַ יאָר צען צוריק אויפגעשריבן אַ קאָמעדיע מיטן נאָמען „דער אוצר״. אויפגעפירט די פיעסע צום ערשטן מאָל האָט מען אין דעם באַרימטן מאַקס ריינהאַרדטס טעאַטער אין בערלין, שפעטער אַ ביסל האָט אַ גרופע אַמאַטאָרן מיט דער הילפע פון איינציקע פראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן איר איינמאָל געשטעלט אין ניו־יאָרק. אין די ליטעראַרישע קרייזן איז דאָס ווערק געווען גוט באַקאַנט און דער ווונטש איז אויסגעדריקט געוואָרן איר צו זען אויף דער רעגעלער בינע, געשפילט פון אַ גוטער קאָמפּאַניע. און דיזער ווונטש איז ערפילט געוואָרן לעצטן דינסטיק אָוונט אין דעם „אוירווינג פּלייס טעאַטער״ צום ערן־אָוונט פון לודוויג זאַק.

...„דער אוצר״ איז איינע פון די בעסטע זאַכן, וואָס דוד פינסקי האָט געשאַפן פאַר דער בינע. זי האָט אָבער געוויסע פעלערן, וואָס זיינען וואַרשיינלעך די אורזאַכע, וואָס זי האָט קיין מזל ניט געהאַט צו די יידישע מענעדזשערס. צווייטנס, זיינען אין איר ניטאָ אַזעלכע פערזאָנען, וואָס רופן אַרויס סימפּאַטיע ביי די צושויער אין וועמנס שיקזאַל דאָס פובליקום זאָל זיך פאַרינטערעסירן. און, דריטנס, איז די פיעסע אַזוי געבויט, אַז די שטאַרקייט אירע, אַנשטאָט צו שטייגן, פאַלט. דער בעסטער און שטאַרקסטער אַקט איז דער ערשטער. דער דריטער אַקט איז שוואַכער און ווייניקער אינטערעסאַנט ווי דער צווייטער און דער פערטער זינקט ערטערווייז גאָר אַראָפּ צו איינפאַכער בוירלעסק.

...ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, פעלט אין דער פיעסע „מענטשלעכע סימפּאַטיע״. די מעשה איז טאַקע אַ קאָמישע. עס איז אָבער ניטאָ קיין איין פערזאָן אַרום וועמען די קאָמעדיע זאָל זיך אָפשפילן. עס פעלט אין דער פיעסע דער „קרבן״ פון דעם קאָמישן פלאָנטער. קיינער אייגנטלעך ליידט ניט פון דער לאַגע. ...דאָס איז דער הויפט חסרון פון דעם „אוצר״. באַזונדערע סצענען זיינען אין דער פיעסע פאַראַן גאַנץ געראָטענע, ספּעציעל אין צווייטן אַקט. ...דער קאָמיזם איז אין אַלגעמיין אַ ליטעראַרישער. ער וואַקסט אַרויס פון די סיטואַציאָנען.

די אַקטיאָרן האָבן דעם אָוונט ניט שטאַרק זיך אויסגעצייכנט. פולקום גוט האָט געשפילט בלויז לודוויג זאַק. ער האָט אין דער ראָלע פון יודקע געשאַפן עטוואָס וואָס מען קאָן בלויז באַוווּנדערן. אויסער אים האָט גוט געשפילט שוואַרץ אין דער ראָלע כאָניע. ליידער אָבער איז דער טיפּ שלעכט געמאָלן פון פאַרפאַסער און [ער] איז אין איינציקע סצענען געצוווּנגען צו שפילן בוירלעסק. די וויכטיקסטע ראָלע אין דער פיעסע איז פון דער טאָכטער סילי, וועלכע איז געשפילט געוואָרן פון צילע אַדלער. די ראָלע איז אַ פאַרפלאָנטערטע און אַ שווערע און מיס אַדלער האָט איר ליידער ניט גוט פאַרשטאַנען. פון אַ קברנס אַ טאָכטער איז אין איר קיין סימן ניט, ניט אין איר אויסזען, ניט אין איר שפילן. די איינציקע אייגנשאַפט פון כאַראַקטער, וועלכן זי ברענגט טיילווייז אַרויס, איז די ביטערקייט, אָבער אַפילו אין דעם פאַרלירט זי זיך אָפט. די איבריקע ראָלן זיינען ניט וויכטיק. מאַדאַם נאַדאָלסקי אַלס דעם קברנס ווייב איז די געוויינלעכע סטיידזש־מאַמע פון ערגערן סאָרט, וועלכע שרייט און גוואַלדעוועט, קלאָגט און שילט, און מאַדאַם נאַדאָלסקי האָט געשפילט ווי געוויינלעך. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן גאָלדשמידטן אין דער ראָלע פון גביר און ראָזענטאַלן אין דער ראָלע פון ראש הועד״.

## „דעם שמידס טעכטער״

דעם 21סטן פעברואַר 1919 ווערט דורך מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט די קאָמעדיע „דעם שמידס טעכטער״ פון פרץ הירשביין.

### י. ענטין שרייבט:

„דער אומגעהויערער ערפאָלג פון פרץ הירשביינס „פאַרוואָרפן ווינקל״ האָט אַריינגעגעבן מר. שוואַרצן חשק הירשביינען ווייטער

צו שפּילן, און אַלס רעזולטאַט האָט ער לעצטן פרייטיק אויפגעפירט זיין צווייטע קאָמעדיע „דעם שמידס טעכטער". אויך די נייע פּיעסע, ווערט אַן צווייפל, אַן ערפאָלג האָבן, הגם עס איז אַ פראַגע צי וועט די איצטיקע פּיעסע אויך גיין אַזוי לאַנג ווי יענע. אַן און פאַר זיך פאַרדינט די צווייטע קאָמעדיע ניט קיין קלענערן, אויב ניט קיין גרעסערן ערפאָלג ווי די ערשטע, אָבוואָל אַ קלענערע פּיעסע („דעם שמידס טעכטער" איז נאָר דריי אַקטן) מיט ווייניקער כאַראַקטערע און אַ קלענערן הינטערגרונט איידער „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", איז אָבער די איצטיקע פּיעסע באַטייטנט שפּילבאַרער איידער יענע, האָבנדיק מער רירעוודיקייט און זייענדיק געצייכנט מיט אַ לייכטערן פּינדזל. דערצו שלאָגט די איצטיקע פּיעסע אָן מער אַלגעמיינע טענער און עס וואַרפן זיך אין איר דורך אייניקע זאַפטיק־האַרציקע יידישע פאַרבן. די וועלט פון „דעם שמידס טעכטער" איז ניט אַזוי אָפּגעלעגן, ניט אַזוי „פאַרוואָרפן" ווי יענע. די מענטשן זיינען ניט אַזוי פרימיטיווי־אַלטמאָדיש און איבער די פּאַסירונגען שפּירט זיך דער פריש־היימישער דופט פון פרימאָרגנדיקע זמירות און ימים־נוראימדיקע מאָטיוון. אויך „דעם שמידס טעכטער" איז אַ ליבעס־אידיליע. זי איז אָבער פסיכאָלאָגיש טיפער דערמיט וואָס איר קאַמף שפּילט זיך דאָ אָפּ צווישן צוויי שוועסטער, און לוסטיקער איז זי, וואָס ביז צום סאַמע סוף פּלאָנטערט זי זיך מיט דאָרפישער נאַיוויטעט צווישן זיי ביידען, און וואַרעם איז זי וואָס אַנשטאָט צו וואַנדערן צווישן קברים, שוועבט איבער איר דער אַלט־ליבער שאָטן פון אַ ראש השנה־יום כיפורדיקן בית המדרש.

...די גאַנצע פּיעסע איז אַ שוים. די מענטשן זיינען צאַרט און איינפאַך און אומגעקינצלט זיינען זייערע באַציונגען איינע צו די צווייטע ...עס איז אַ רייכער און אָריגינעלער הומאָר, אַזאַ וואָס קאָן נאָר איינפאַלן אַזאַ צאַרטן יידישן זיטן־מאָלער, אַזאַ פּאָעטיש־דאָרפישן צייכענער פון אָפּגעלעגן אינטימע יידישע פריידן און ליידן ווי פּרץ הירשביין ...אינגאַנצן איז דער ליבעס־פּלאָנטער איינגעהילט אין אַ פרום־יידישלעכער שטימונג אַזוי ווי אין אַ פּאָטערלעכן טלית. מיטן „געזאַנג פון די שטערן" הייבט עס זיך אָן און מיט אַ סצענע ווי אַלע לייגן זיך אויס אויף דער ערד באַקוקן דעם פּאַקן־טרעגערס ספרים און אתרוגים ענדיקט עס זיך. אַ שלוס־פאָרהאַנג, וועלכן נאָר איין פּרץ הירשביין האָט געקאָנט צוטראַכטן, און ביי אַלע וואונדערלעך־שיינע מעלות פון דער פּיעסע איז דאָך אַ פראַגע צי וועט זי האָבן אַזאַ לאַנגען און רוישיקן ערפאָלג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". עס איז ווייט ניט געקומען איבער דעם, וואָס אונדזער עולם זאָל פּלוצלינג האָבן געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז אַ ליטעראַרישע פּיעסע איז בעסער איידער אַ שונדיקע, אַז לעבעדיקע מענטשן מיט לעבעדיקן וויל און ווי זיינען בעסער איידער קנאַקעדיקע פראַזן מיט עלעקטרישע עפעקטן. די משיחס צייטן פאַר אונדזער טעאַטער זיינען נאָך ניט אָנגעקומען. מער ניט, „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז אַ יום־טוב געווען, אָבער אַ יום־טוב איז גוט איינמאָל. די אַנדערע טעג יום־טוב עסן זיך שוין צו. „דעם שמידס טעכטער" האָט ווידער אַמאָל, פאַר איר בעסטער אָנצ.ונג, בלוי די נאַיִוויטעט, די איינפאַכקייט און די ערלעכקייט, שוין ניט ריידנדיק וואָס צווישן דער אומגעבונג פון די ביידע פּיעסן און צווישן די צוויי וויכטיקסטע פרויען־פיגורן און טיילווייז אויך צווישן די אַנדערע פּערזאָנען איז דאָ ניט ווייניק ענלעכקייט. עס וואָלט דעריבער אפשר ראַטזאַמער געווען צווישן די צוויי פּיעסן צו האָבן אַ לענגערן צווישנצייט איידער זיי האָבן איצט געהאַט אין „אירווינג פּלייס טעאַטער".





אַ צווייטע אורזאַך, וואָס קאָן טיילווייז שאַטן דעם ערפאָלג פון דער איצטיקער פּיעסע איז דאָס, וואָס זי ווערט ניט אַזוי גלענצנד געשפּילט ווי יענע, הגם מען מעג אָננעמען, אַז ווען די פּיעסע וועט זיך איינשפּילן און עס וועלן אין איר געמאַכט ווערן ענדערונגען אין דער אויסשטאַטונג און אפשר אויך אין דער באַזעצונג פון די ראָלן, וועט קעגן דער אויפפירונג ניט זיין וואָס אויסצוזעצן. איצט ווערט די פּיעסע, קודם כל, ניט געשפּילט מיטן געהעריקן טעמפּ. דער איצטיקער טעמפּ איז אַ לאַנגזאַמער. די פּיעסע קריכט און שלעפּט זיך אַזוי ווי אַ שליימיק אָזערקעלע צווישן שוואַרץ־בלאָטיקע ברעגעס אין געדיכטע גראָזן. זי דאַרף אָבער לויפן און שפּרינגען און קלינגען אַזוי ווי אַ לוסטיק שטרעמל, וואָס קאַטשעט זיך אַראָפּ באַרג צווישן פעלזן. דער צווילינגער ליבעס־פּלאָנטער פון דער ליבעס־פּיעסע איז אַ קלאָר פינקלענדיקער שוים און שוימען דאַרף אויך דאָס שפּילן. די פּיעסע זויגט אַ גרויסן טייל פון איר חיות פון איר אומגעבונג, אָבער די אומגעבונג ווערט אין דער פּיעסע אין איר איצטיקער אויפפירונג זייער נאַכלעסיק אויפגעבויט, אַזוי, אַז עס באַקומט זיך קוים אַן אילוזיע. דעם שמידס קוזשניע איז לחלוטין קיין קוזשניע ניט און זיכער מאַכט זי ניט דעם איינדרוק פון קיין גליקלעכער, פרייִלעכער, הצלחהדיקער קוזשניע, ווו עס טאָפּעט פריילעך דער בלאָז־זאַק און לוסטיק טאַנצן די פונקען און עס קלאַפּן ריטמיש, מעלאָדיש, די האַמערס. און פּונקט אַזוי פעלט אויך עטוואָס וואַרעמקייט אין דער אַטמאָספערע פון דעם שמידס שטוב און עס שפּירט זיך ניט גענוג דאָס ספּעציפיש יידישע, ספּעציפיש שטאָטישע און ימים־נוראימדיקע, וואָס זאַפּט אַזוי דורך דעם דריטן אַקט.

די ראָלן דאָסמאָל זיינען ניט אַזוי גוט פאַרטיילט געוואָרן ווי אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". דער הער גאָלדסמיט, וועלכער שפּילט דעם זיידען, גיט אים ניט אַריין גענוג זיידעשיס, אַז עס זאָל זיך באַקומען די אילוזיע פון אַזאַ גוטן אַלטיטשקן, וואָס אָטעמט מיט וואַרעמקייט איבער אַלץ און איז דער געטרייסטער וועכטער פון די אַלט־יידישע טראַדיציעס דאָ אין דאָרפישן הייזל. ניט דעם הער גאָלדסמיטס שטימע און זיין מייסטע האַלטונג זיינען גענוג ווייך־האַרציק פאַר דעם אַלטיטשקן, כאָטש מאַנכעס מאָל, אויסערלעך, קאָפּירט הער גאָלדסמיט דעם זיידען ניט שלעכט. דאָסזעלבע קאָן אומגעפער געזאָגט ווערן וועגן דעם הער טענענהאָלץ אין דער ראָלע פון דעם צווייטן בחור ברוך־משה. ער ברענגט אַרויס אַ ביסל הומאָר. ער איז ניט שלעכט אין זיין האַלטונג. דאָ און דאָרט קלינגט פון אים אַרויס אַן אויפריכטיקער טאָן, אָבער זיין ברוך־משה איז ניט קיין באַשטימטע, ניט קיין קלאָרע פיגור און דעריבער שמידט זי ניט צו דעם צושויערס אויפמערקזאַמקייט. דער הער שוואַרץ פירט די ראָלע פון דעם ערשטן בחור ניסן־אַלטער דורך זייער גוט, מיט פיל חן און וואַרעמקייט., און בכלל באַקומט זיך ביי אים אַן אמתע, אַ קלאָרע און זיכערע געשטאַלט, וואָס איז אויך גאַנץ אין איינקלאַנג מיט הירשביינס מיין. בלויז דאָס וואָס דאָ און דאָרט גיט ער זיין ניסן־אַלטערן צו אַ שאַטירונגל פון ביטערקייט. און זיין האַלטונג קעגנאיבער זיין בעל־הבית שטימט שוין ניט מיטן כאַראַקטער, וועלכער דאַרף זיין דורכויס נאַיִוויטעט. אויך וואָס אָבוואָל מר. שוואַרץ זינגט דאָס פאָלקסליד „מיידל, מיידל" גאַנץ באַטעמט (כאָטש, ווי ווייט איך געדענק, איז עס איו דער פּיעסע ניטאָ), איז אָבער ניט גוט ווען מען גיט צו אַ פאָלקסלידל אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן, אַ „ביס".

דאָס בעסטע שפּילן אין דער פּיעסע, און דאָס איז אויך נאַטירלעך — ווייל זייערע זייַנען די צוויי גרעסטע און בעסטע ראָלן — ווערט געגעבן פון צילי אַדלער און בערטאַ גערסטען. צילי, וועלכע שפּילט די קלענערע, אָבער מזיקשע שווּעסטער, שפּילט זי מייסטערהאַפט גוט. זי איז אומגעהייער לעבעדיק, גרויסאַרטיק מיט איר האַלטן, אויסערגעוויינלעך רייך מיט איר מימיקע און איינפאַך גלענצנד אין דער מאָדעלירונג פון איר שטימע. צילי שפּילט דאָ אומגעפער אַזאַ ראָלע ווי אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל“. דאָרטן האָט זי אָבער געמאַכט דעם פעלער וואָס זי האָט די שטיל־צאַרטע צירלען אויפגעפּאַסט אַ ביסל צו גראָבלעך. דאָ אָבער, פאַרן מיידל־קאָזאַק פּאַסט די דאָזיקע דאָרפישע גראָבקייט און פאַרשאַרטקייט. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן צילי׳ס איצטיקן שפּילן און דאַמאָלסטיקן איז דאָ אַ היבש ביסל ענלעכקייט, אָבער דאָס איז דאָך אומפאַרמיידלעך און זיכער איצט יעדנפאַלס איז צילי אין דעם ניט שולדיק. געוויס, ווען זי וואָלט צירלען מער לויטן כאַראַקטער געשפּילט, וואָלט די איצטיקע קענטיקע ענלעכקייט ניט געקומען.

מאַד. גערסטען פירט דורך די ראָלע פון דער גרעסערער שטילערער צווילינגס־שוועסטער מיט אויסערגעוויינלעכן חן און אויפריכטיקייט. זי שפּילט מיט ענערגיע און קראַפט און פירט אמת זיכער און שיין דורך די פיל ניואַנסן פון איר ראָלע: דאָרפישע נאַיוויטעט און געזונטקייט, צאָרן, קאָקעטעריי, דאגה און אומבאַהאָלפנקייט. די איינציקע פעלערן וואָס די מאַד. גערסטען מאַכט, איז מיט איר גרים און האַלטונג. זי איז ניט גוט גענוג גרימירט ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּראָסטע, האָרעפּאַשנע דאָרפסמויד און זי האַלט זיך אַ ביסל צו שלאַנק און שיין פאַר אַזאַ מין פאַרשוין. ווען ניט ווען פאַרגעסט זי זיך און פאַלט אויף אַ רגע אויך לייכט אַריין אין אַ שטאָטיש־עלעגאַנטן טאָן אין רײדן. דעם פינאַל פון צווייטן אַקט, ווען עס טרעפט די סיבה מיטן ליבעסגעטראַנק, וואָס פאַרגיסט זיך אויפן דיל, פירט די מאַד. גערסטען דורך אָן דער פאַנטאָמימע פון געהעריקע צעטומלטקייט, שולדיקייט און דערשלאָגנקייט. דער הער ראָזענטאַל פירט די פאַרהעלטניסמעסיק קליינע ראָלע פון פאָטער דורך נישקשה אויף דעם געוויינלעכן ראָזענטאַלשן שטייגער, אויסערלעך גלאַט און גאַנץ קאָרעקט, אָבער אָן אינערלעכן פייער און אָן צופיל איבערצייגונג. הער זאַץ אין דער קליינער ראָלעכל פון דעם מוכר ספרימל ווייזט אַן אמתן קונץ. אין דער פּיעסע זעט זיך דאָס מוכר ספרימל קוים אָן, אָבער אין מר. זאַצס שפּילן ווערט דערפון אַ גאַנצער און גרויסער יש. מיט זיין רירעוודיקייט, לעבעדיקייט און נאַטירלעכן הומאָר מאַכט ער פריילעך דאָס טעאַטער און מאַנאָפּאָליזירט פאַר זיך דאָס גרעסטע טייל פון פּובליקומס אויפמערקזאַמקייט. דער איינפאַל צו מאַכן דעם מוכר סרים ריידן ווי איינער, וואָס ליידט פון אַ „מאַנדל נעזל“ רופט אַרויס אַ סך שפּאַס.

די אונטערשטע שורה איז, אַז דראַמאַטיש פאַרדינט שוין איצט „דעם שמידס טעכטער“ פּונקט אַזאַ, אויב ניט נאָך אַ גרעסערן, ערפאָלג ווי „דאָס פאַרוואָרפן ווינקל“, און שוישפּילעריש, כאָטש די אויפפירונג איז איצט נאָך ניט אַזוי גוט דורכויס גלענצנד ווי אין דער ערשטער קאָמעדיע, קאָן זי אָבער דורך דער ערמוטיקונג פון פּובליקום און דער אויפריכטיקער באַמיונג פון רעזשי, ווערן ניט וויניקער רייך און פיין אידער יענע“.



### ישראל דער יענקי שרייבט:

„אין דער צייט וואָס טעאַטער־מענעדזשערס גייען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, וואָס זיי האָבן ניט קיין „לייטישע“ פּיעסן אויפצופירן, האָט זיך מאָריס שוואַרץ, דער דירעקטאָר פון „אוירווינג פּלייס טעאַטער“ זיין אייגענעם „פּעטענט“. ער גיט אַ נעם אַרויס פּרץ הירשביינס אַ פּיעסע און „יורעקא“, עס איז דאָ! און



מאָריס שוואַרץ



בערטאַ גערסטען



לודוויג זאַץ



צילע אַדלער

(צייכענונגען — לאָלאַ).

דאָס איז ווירקלעך אַ „פּעטענט“. קיין אַנדערער „סטאַר“ אָדער דירעקטאָר טאָר דעם דאָזיקן פּעטענט ניט נאָכמאַכן, ווייל לויט דעם שטרענגן טעאַטער־געזעץ פון „אָנבאָט און פאַרלאַנג“, וועלן זיי באַשטראָפט ווערן מיט ליידיקע הייזער אויב זיי וועלן דאָס יאָ טאָן.

דער שרייבער געדענקט ווי איינער פון אונדזערע געהויבענע „סטאַרס“ האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַר הירשביינס בעסטע ווערקל, און דער רעזולטאַט איז געווען אַ דורכפאַל מיטן קנאַק. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער סטאַר האָט דאַן באַשולדיקט הירשביינען און זיין ווערק, אָבער ניט זיין אייגענע אומוויסנהייט. וועגן ד׳עם זעלביקן סטאַר דערציילט מען, אַז עמיצער האָט אים פּשוט

געצווונגען איבערצולייענען פּרצס „שטריימל“, און ווען ער איז דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָט ער מיט גרויס חוצפּה געזאָגט „עס האָט פּונקט אַזוי געקאָנט הייסן דער לאָקשן־טאָפּ“. אַזאַ מין אינטעליגענץ האָט דער דאָזיקער „סטאַר“ אַרויסגעצייגט. עס איז ד׳עריבער גרינג צו פאַרשטיין פאַרוואָס שוואַרץ האָט יאָ אַן ערפאָלג מיט הירשביינס ווערקלעך. ערשטנס, האָט שוואַרץ זיך אַרויסגעריסן פון דעם אַלטן, פאַרשימלטן „סטאַריזם“, צווייטנס, האָט ער זיך, ניט פאַר קיין שום יידישן אַקטיאָר געדאַכט, מער אַריינגעלאָזט אין דער „קליפּה“־ליטעראַטור, און, דריטנס, האָט ער אויסגעקליבן אַ „סעט“ [גרופּע] טאַלענטיווע אַקטיאָרן, וואָס זיינען אויך, רחמנא לצלן, געכאַפּט [אין דער מעשה] און וועלכע וועלן אייך אָוועקגעבן צען „סטאַר“־ראָלן פון שונד־פּיעסן פאַר איין רעפּליק פון אַ מער ליטעראַרישע פּיעסע.

און איצט אַ וואָרט וועגן פּרץ הירשביינס „דעם שמידס טעכטער“, וועלכע שוואַרץ פירט איצט אויף אין זיין „אירווינג פּלייס טעאַטער“ נאָכדעם ווי ער האָט צווישן הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל“ און „דעם שמידס טעכטער“ דעם טעאַטער־פּובליקום געזאָגט: „נאַדיר אַ סוקסעס“. „דעם שמידס טעכטער“ איז אַ שיינינקע, ריינינקע קאָמעדיעלע, וועלכע, אויב גוט געשפּילט, שטייגט הויך אַריבער די געוויינלעכע פּיעסן, וואָס ווערן אין די לעצטע יאָרן געגעבן אויף דער יידישער בינע, אָבער אַן און פאַר זיך, פון דעם שטאַנדפּונקט פון ריינער קריטיק, איז דאָ פיל אויסצוזעצן. די קאָמעדיע איז געבויט אויף דעם, וואָס איז באַקאַנט אין דער קריטיק אַלס „דער דרייעק“. דזשאָן לילי, דער פאָרגענגער פון שעקספּיר, האָט דעם „דרייעק“ אַריינגעבראַכט אין דער דראַמע און ער האָט אים אויסגענוצט אויפן ווונדערבאַרסטן אופן, אַזוי, אַז ס׳איז שוין מער גאָרניט געבליבן פאַר די נאָכקומנדע דראַמאַטורגן. זייט דאַן איז אין דער ליטעראַטור, איבערהויפּט אין דער דראַמע, דער „דרייעק“ מער ניט גענוצט געוואָרן [?]. איר געפינט אים ניט אין קיינע פון שעקספּירס דראַמען און אויך ניט אין קיינע פון די מאָדערנע דראַמען.

די „פאָרמולע“ פון אַ „דרייעק“ אין אַ דראַמע באַשטייט געוויינלעך פון אַ ליבע צווישן אַ מאַן און אַ פרוי און עס מישט זיך אַריין אַ דריטער. אויף אַזאַ אופן קאָנען זיין צוויי פרויען און איין מאַן אָדער צוויי מענער און איין פרוי, אַלע דריי ליבן און איינער פון די דריי איז אייפערזיכטיק... ביי הירשביינען איז אַ טאָפּלטער „דרייעק“ אַזוי ווי אַ מגן־דוד, אָבער פאַר אַ טאָפּלטן „דרייעק“ זיינען ניט נייטיק קיין זעקס פּערזאָנען, נאָר עס זיינען גענוג פיר: צוויי מענער און צוויי פרויען. דאָס איז אַ סאָרט „קריס־קראָס“, אַ סאָרט „עטל־בעטל“, וואָס די קינדער שפּילן מיט אַ רונדן שטריקל. אַראָפּנעמענדיק איינער פון צווייטנס הענט דאָ אַ בעטל, דאָ אַ וויגעלע, דאָ אַן אַנדער זאַך. דער פּלאָנטער קאָן דאָ ווערן אומגעהייער. איר קאָנט האָבן צוויי באַזונדערע פרויען, וואָס ליבן צוויי באַזונדערע מענער, צוויי פרויען, וואָס ליבן איין מאַן, צוויי מענער, וואָס ליבן איין פרוי א.אַ.וו. און ווייל די „דרייעק“־פאָרמולע ווערט גערעכנט אַלס די גרינגסטע אין אויסאַרבעטן אַ סחשעט, באַנוצט זיך קיינער ניט מיט איר, שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס זי איז אַזוי אַלט און וואָס עס איז ווי אָנגענומען פון יעדן מאָדערנעם דראַמאַטורג, אַז עס איז אין איר קיין דראַמאַטישער מאַטעריאַל ניט פאַראַן. אַ חוץ דעם בויט הירשביין אַ גאַנצע דראַמאַטישע סיטואַציע אויף דעם אויסגעבלאָזענעם ליבעס־פּראָשעק, וועלכער איז שוין לאַנג פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער



ליטעראַטור אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער שילדערונג פון דאָרפישן לעבן, איבערהויפּט נאָך וועגן יידישן דאָרפישן לעבן. ביי די גויים האָט מען אַפילו אין שעקספּירס צייטן שוין מער ניט באַנוצט דיזן באַנאַלן ליבעס־פּראָצעס. שעקספּיר אַליין באַנוצט אים בלויז אין דער פאָרמע פון אַ באָבע־מעשהלע אין זיין „אַ מיטן זומער־נאַכט טרוים“. די קריטיק פון אַלע צייטן האָט דיזן „טריק“ [קונץ] באַטראַכט פאַר אַן אומלעגאַלן וויץ. און ווען איר נעמט ווייטער אַנאַליזירן „דעם שמידס טעכטער“, געפינט איר, אַז זי באַשטייט פון קאָנטראַסטן ...אין לעבן זיינען די דאָזיקע זאַכן ניט אַזוי איינפאַך. דאָס איז אַ סאָרט פעלשונג פון לעבן, און דאָך איז דאָס אַלעס צוזאַמען אַזוי שיין פאַרפּלאָכטן, אַזוי פּרעכטיק אויסגעאַרבעט, אַזוי זיס און באַטעמט באַצירט, אַז אַלס גאַנצעס קומט עס פון הירשביינס מייסטער־האַנט אַרויס אַן עכטער קונסט־ווערק. די עכט־יידישע דיאַלאָגן, די יידיש־פּויערישע נאַיִוויטעט, די בריליאַנטענע, באַזונדערע סצענקעלעך, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג, די אידעלע שטריכן פון דער דאָרפישער נשמה, די ווונדערבאַרע שילדערונג פון דעם איינפאַכסטן יידישן לעבן, דאָס באַשאַפן פון איניקע עכטע לעבעדיקע יידישע טיפּן — דאָס אַלעס העלפט דאָס ווערקעלע צו פאַרפולקומענונג.

מאָריס שוואַרץ שאַפט אַ ניסן־אַלטער, אַן איינפאַכן אַרבעטס־יונג, אַז עס איז אַ נחת אים צו זען. טענענהאָלץ אַלס דער צווייטער אַרבעטער ברוך־משה שפּילט זיין ראָלע גאַנץ גלאַט און אויסגעהאַלטן. מאַד. בערטאַ גערסטען און מאַד. צילע אַדלער אַלס דער צווילינג שפּילן כמעט פעלערלאָז. קיין שענערע און ערלעכערע פאַרקערפּערונג פון צוויי יידישע דאָרפס־טעכטער האָט מען נאָך אויף דער יידישער בינע ניט געזען. יחיאל גאָלדשמידט אַלס דער אַלטער טאַטע איז, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל אַרויס פון זיין געוויינלעכן זשאַנר, שטעלט פאַר דעם טאַטען פון צווילינג גלאַט, אָבער אויבערפלאַכלעך. עס פּלאָנטערן זיך אויך אַ מוכר ספרים און אַ האַלבער שדכן אין לעצטן אַקט, וועלכער האָט מיט דעם תמצית פון דער קאָמעדיע גאָרניט צו טאָן, אָבער ביי הירשביינען פּלאָנטערט זיך אָפּט אַזאַ מין זאַך, און מר. לודוויג זאַץ פאַסט דיזן מוכר ספרים אויף אויף אַ גאַנץ קאָמישן שטייגער, אָבער ער קומט דאָך אַרויס מער קאַריקאַטור ווי מוכר ספרים. זאַץ מאַכט אים ריידן מיט אַ פאַרשטאָפּטע נאָז. ער זאָגט כסדר אַ „ד“ אַנשטאָט אַ „נ“ און דאָס רופט אַרויס פיל געלעכטער. אַלעס צוזאַמען מעג מען זיך ווינטשן הלואי ווערט די יידישע בינע כסדר געבענטשט מיט אַזעלכע פּיעסן. בעסער האָט קיין שיעור ניט“.

**א. פ. [פרומקין] שרייבט:**

„מיט עטלעכע וואָכן צוריק ווען פּרץ הירשביינס „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל“ איז געווען דער ערפאָלג פון טאָג ... האָט זיך אין מיין פרייד אַריינגעמישט אַ טראָפּעלע צוויפל. איינער פון די טעאַטער־מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר קענער פון דעם גרויסן „פּובליקום“ און זיין געשמאַק, האָט געזוכט מיר צו באַווייזן, אַז איך פריי זיך אומזיסט איבער דעם „זיג פון דער ליטעראַרישער פּיעסע“, איבער דעם „ערפאָלג פון דער בעסערער, אידעלער בינע“. ... „דער ערפאָלג פון הירשביינס פּיעסע איז אַ בלויזער צופאַל, אַ נס, ס׳האָט נאָר איינמאָל געטראָפן אַזאַ זאַך. ס׳וועט מער ניט טרעפן“ ... זיין מיינונג האָט געהאַט אַ שטיקל ווירקונג אויף מיר. מיין באַגייסטערונג איז אַ ביסל אָפּגעקילט געוואָרן, וואָרעם אין דער אמתן פון וואַנען האָט זיך דאָס מיט אַמאָל ביי אונדז גע־

נומען אַ טעאַטער־עולם מיט אַזאַ אַנטוויקלטן געשמאַק? איז דאָס ווירקלעך דער אָנפאַנג פון אַ נייער עפּאָכע אויף אונדזער בינע? דאַרף דאָס באמת פאַרצייכנט ווערן אַלס זיג פון דער ליטעראַרישער פּיעסע, אָדער איז דער ערפאָלג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" צוצושרייבן ניט צו דעם קרעדיט פון דעם ווערק, נאָר צו דעם מערקווירדיקן אַנסאַמבל, צו דער גלענצנדער אויפפירונג פון דער פּיעסע? מיט דיזע פראַגן ... בין איך געגאַנגען אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" זען הירשביינס צווייטע שטיק, זיין קאָמעדיע „דעם שמידס טעכטער", און די פאָרשטעלונג האָט מיך איבערציַגט, אַז יענער טעאַטער־מאַן האָט געהאַט אַ טעות. ניין, דאָס איז ניט קיין צופאַל. עס איז דאָ אַן אינטעליגענט פּובליקום, וואָס וואַרט אויף אַזעלכע ווערק און ווייסט ווי אַזוי אויפצונעמען און ווי אַזוי אָפּצושאַצן.

ווי ווייט איז הירשביינס קאָמעדיע פון דער רוב דורכשניטלעכער פּיעסע, וואָס פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין די מערסטע פון אונדזערע טעאַטערס, ווי הימל־ווייט! און ווי ווייט זיינען מיר דאָ פון דעם שטילן, רויִקן, בנעימותדיקן דאָרפישן לעבן, וואָס ווערט פאַר אונדז פאַרגעשטעלט, דאָך, ווי אייגן איז עס אונדז און ווי אָנגענעם, ווי היימיש און וואַרעם מיר פילן זיך.

...געשפּילט ווערט הירשביינס קאָמעדיע זייער גוט. מר. מאָריס שוואַרץ פאַרדינט קרעדיט ניט נאָר פאַר דער שיינער אויפפירונג, נאָר אויך פאַר זיין אויסגעצייכנטן שפּילן די ראָלע פון ניסן־אַלטער, אין וועלכער ער גיט אַריין פיל לעבן און פאַרב. דאָ און דאָרט טראָגט ער אַריין אין דעם שטיק עטוואָס אייגנס; אַ קליינע דעקאָראַטיווע סצענקע אָדער אַ לידל, אָבער ער טוט עס מיט מאָס און אויף אַזאַ דעליקאַטן אופן, אַז דאָס איז אַבסאָלוט ניט איבעריק. אַ מעכטיקן איינדרוק מאַכט צילע אַדלער. זי שיינט אַרויס אין דער ראָלע פון דער קליינער זעלדע, וועלכע זי פירט דורך אויף אַ גלענצנדן אופן. די קאָמפּליצירטקייט פון דיזן מערקווירדיקן מיידלשן כאַראַקטער, — איר ליבע, אירע סימפּאַטיען צו די צוויי בחורים, איר שטרייט מיט דער שוועסטער, אירע קאַפּריזן און אירע קליינע פריידן און ליידן –– דאָס אַלעס ברענגט די טאַלענטפולע צילע אַרויס אַזוי בלוט און אַזוי נאַטירלעך, אַז איר פאַרגעסט גאָר אינגאַנצן ווי ווייט איר זענט פון יענעם דערפל אין דער ליטע, פון נחמן־בערס קוזשניע און פון דעם אייגנאַרטיקן לעבן, וואָס ווערט דאָרטן געפירט. ווייט ניט אַזוי געלונגען איז די ראָלע פון דער צווייטער שוועסטער, דאָבע־לאה, געשפּילט פון בערטאַ גערסטען. זי האָט מאַנכע שיינע און רירנדע מאָמענטן, אָבער אין אַלגעמיין מאַכט זי ניט דעם איינדרוק פון דער נאַיִווער שעמעוודיקער דאָרפס־מיידל. איר פילט, אַז דאָס איז געמאַכט,


מאָריס שוואַרץ אַלס „ניסן־אַלטער"



אויסגעלערנט, און איר גלייבט איר ניט. אומגעלונגען איז אויך באָריס ראָזענטאַל אין דער ראָלע פון נחמן־בער. עס פעלט לעבן אין זיין שפּילן, און עס פילט זיך אַ מין אָפּגעלאָזנקייט אין זיינע באַוועגונגען. דערפאַר ווערט די ראָלע פון דעם אַלטן זיידען, שמואל־שמחה, גלענצנד דורכגעפירט פון יחיאל גאָלדסמיט. ער מאַכט אַ טיפן רושם מיט זיין שפּילן און דאָס ניגונדל, וואָס ער זינגט אַזוי שטיל און האַרציק, גלעט איבער דער יידישער נשמה. גאַנץ פּעַק און אויסגעהאַלטן איז מר. טענענהאָלץ אין דער ראָלע פון ברוך־משה. לודוויג זאַץ שפּילט אין דער פּיעסע אַ גאַנץ קליינע ראָלע — אַ מוכר ספרים, אַ יידל, וואָס קומט צופאָרן אין דאָרף מיט מחזורים, אתרוגים און לולבים. ווי זיין שטייגער איז, שאַפט דאָ זאַץ ווידער אַ קאָמישן טיפּ. ס׳איז זיכער אַ גרויסער געניוס אים צו זען אין די פּאָר סצענקעס אין דעם דריטן אַקט. אַן און פאַר זיך איז דאָס אַ געניוס. אָבער דער טיפּ איז ניט הירשביינס. עס איז ניט זיין מוכר ספרים".

**הלל ראַגאָף שרייבט:**

„אין דעם „אירווינג פּלייס טעאַטער" ווערט איצט אויפגעפירט אַ צווייטע פּערל פון פּרץ הירשביינס דראַמאַטישע אוצרות, „דעם שמידס טעכטער", אַ דראַמע, וואָס פאַרדינט די זעלבע ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע, די זעלבע באַגייסטערטע, אָפּשאַצונג פון יידישן עולם ווי „דער פאַרוואָרפענער ווינקל".

דער גרויסער ערפאָלג פון „פאַרוואָרפענער ווינקל" איז געווען די פריילכסטע ערשיינונג אין דער טעאַטער־וועלט דיזן יאָר. זיינען די גרויסע מאַכן טעאַטער־גייער ווירקלעך דערוואָקסן צו אַזאַ פּאָעטיש־צאַרט, ליטעראַריש־אידעלע שוישפּיל? דיזע פראַגע איז געווען ביי יעדן אויף די ליפּן. מאַנכע האָבן געזוכט צו ערקלערן די געשעעניש אַלס אַ צופאַל, אַלס אַ מין נס, און מען האָט געוואַרט צו זען צי דיזע פּאַסירונג וועט ווידערהאָלט ווערן, צי אַ צווייטע פּיעסע פון דיזן סאָרט וועט אויך האָבן אַן ערפאָלג? די פּראָבע ווערט איצט געמאַכט. די מענעדזשערס פון די יידישע טעאַטערס, די קריטיקער פון יידישע פּיעסן וועלן פיל לערנען פון דעם שיקזאַל פון „דעם שמידס טעכטער". אַן ערפאָלג פון דיזער דראַמע וועט זיין דער גרעסטער זיג פאַר דער שענערער, בעסערער דראַמע אויף דער יידישער בינע.

[נאָכן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע, שרייבט ער ווייטער].

...די האַנדלונג איז אַ העכסט אינטערעסאַנטע, פול מיט לעבן, מיט דראַמע. יעדער דראַמאַטורג וואָלט פון אַזאַ מאַטעריאַל געקאָנט מאַכן אַ גוטע שטיקל סחורה פאַר די [דער] בינע, אָבער ניט אין דעם פּלאַט ליגט דער הויפּט צויבער פון דער דראַמע. אים מוז מען זוכן אין דער פּאָעזיע, וועלכע הירשביין האָט איבער די פּערזאָנען און איבער דער שטוב און דער קוזשניע צעגאָסן. אים מוז מען זוכן אין דעם ספּעציעלן יידישן חן, וואָס פינקלט אַרויס פון יעדן ווינקעלע, וואָס שיינט אַרויס פון יעדן מענטשן אין דער דראַמע. אָט דיזע פּאָעזיע, דיזן חן קאָן בלויז פּרץ הירשביין שאַפן.

אַלע כאַראַקטערן אין דער פּיעסע געהערן צום פּראָסטן שטאַנד, דאָרף־מענטשן, ניט געלערנט, ניט געהיבלט, דאָך הערט איר אין די אַלע דריי אַקטן קיין גראָב וואָרט ניט. איר הערט זעלטן אַ הויכע שטימע, אַ זידלעריי, אַן איבערגעטריבענעם שרייען. אין דער פּיעסע זיינען פאַראַן אַ מיטל־יאָריקער טאַטע און אַן אַלטיטשקער זיידע. דער פאָטער, דער שמיד, האָט ווייניק צו טאָן, האָט ווייניק פאַרבינדונג מיט דער פּיעסע. אויף וויפל עס לאָזט זיך, שפּילט מר. ראָזענטאַל די ראָלע נישקשה. דער זיידע

האָט מיט דער פּיעסע גופא נאָך וויניקער פאַרבינדונג ווי דער טאַטע. ער האָט אָבער די אויפגאַבע צו שאַפן אַ געוויסע אַטמאָספערע אויף דער בינע, פאַרשפּרייטן אין דער לופט אַ האַרציקייט, אַ ליבלעכקייט, אַ רעליגיעזע בענקעניש. מר. גאָלדסמיט, וועלכער שפּילט די ראָלע, פירט דיזע אויפגאַבע אויס מייסטערהאַפט. יעדעס מאָל, וואָס ער באַווייזט זיך אויף דער בינע, ווערט די בינע אָנגעפילט מיט אַ „פּאָעטישע וואַרעמקייט, אַ וואַרעמע, זיסע אומעטיקייט".

...פּרץ הירשביין האָט פאַר זיינע העלדן אין דיזער פּיעסע אויסגעקליבן פיר ריינע יידישע הערצער, פיר יונגע מענטשן, וועלכע זיינען נאָך ניט פאַרפלעקט געוואָרן פון דער ערפאַרונג. די ליבע זייערע איז אַ ריינע, אַ שיינע. דער קאַמף זייערער האָט אין זיך ניט קיין סימן פון גרויזאַמקייט, פון גיפט. יעדער וואָלט בעסער געוואָלט פון שלאַכטפעלד אַנטלויפן, אָפּלאָזן דעם פּלאַץ פאַרן קעגנער. אַ פּיעסע אין וועלכע אַלע פּערזאָנען האָבן די פולסטע סימפּאַטיע, די פולסטע ליבע פון די צושויער. אַ פּיעסע, ווו אַלעס איז שיין, ווו אַלעס איז ריין, ווו אַלעס באָדט זיך אין פּאָעזיע.

און די אַקטיאָרן און אַקטעריסעס האָבן געכאַפּט דעם אמתן גייסט פון דער פּיעסע און זיי שפּילן זייערע ראָלן מערקווירדיק קינסטלעריש. צילי אַדלער אין דער ראָלע פון זעלדע און מאָריס שוואַרץ אין דער ראָלע פון ניסן־אַלטער האָבן זיך אַליין איבערטראָפן. זיצנדיק אין טעאַטער און קוקנדיק אויף זייער שפּילן, ווילט איר ניט אַנדערש גלייבן, דאָס פּרץ הירשביין האָט דיזע ראָלן ספּעציעל געשאַפן פאַר זיי, אַז איידער ער האָט די צוויי כאַראַקטערע אויפגעמאָלט, האָט ער אויסגעפאָרשט די פעיִקייטן פון די צוויי שוישפּילער. בערטאַ גערסטען אין דער ראָלע פון לאה־דאָבע איז אויך גוט. זי ברענגט אַרויס די פּראָסטקייט, די איינפאַכקייט און די הילפלאָזיקייט פון דער געזונטער מויד דאָבע שאַרף. זי איז אָבער צייטנווייז מאָנאָטאָן. אין די ליבעס־מאָמענטן פאַרלירט זי דעם טיפּ. ברוך־משה ווערט געשפּילט פון טענענהאָלץ און דער טיפּ איז גוט צוגעפּאַסט צו זיין אויסזען און זיין פיגור. ער שפּילט אינטעליגענט, אָבער ניט שטאַרק גענוג. עפּעס מאַכט ער ניט דעם איינדרוק אויף דעם צושויער, וואָס ער האָט געדאַרפט מאַכן און געקאָנט מאַכן. די ראָלע פון מוכר ספרים אין לעצטן אַקט ווערט געשפּילט פון לודוויג זאַץ. אין דער פּיעסע איז דיזער פּאַרשוין פון גאָר וויניק באַטייטונג. ער ווערט אַריינגעפירט בלויז אַרויסצוהעלפן אין דער אַנטוויקלונג, אָבער זאַץ האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז ער זאָל זיך טאַקע גוט אָנזען אויף דער בינע אין די עטלעכע מינוטן וואָס ער ווייזט זיך. ער האָט פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע געשאַפן אַ טיפּ פון אַ מוכר ספרים, וועלכער הייבט אַלעמען אַרויס פון די פּלעצער. איר זעט פאַר זיך אַ יידל, וועלכער קאָן פון אונטער דער ערד אויסגראָבן אַ שטיקל געשעפט. ער האָוועט, שמייעט, פּליט, לויפט, טענהט, כאָטש קיינער קען אים ניט און ער קען קיינעם ניט, כאָטש ער ליידט עפּעס פון אַ פעלער אין לשון, קאָן ניט אַרויסריידן קיין גאַנצע ווערטער, און די האַלבע, וואָס ער רעדט שוין יאָ אַרויס, זיינען אַזוי צעקאַלעטשעט, אַז מען קאָן אים מיט צרות פאַרשטיין. זאַצן דאַרף מען נאָר אויף דער בינע אַרויפלאָזן. דאָס איבריקע וועט ער שוין אַליין אַטענדן [באַזאָרגן]. קוים געפינט ער זיך נאָר אויפן סטיידזש [בינע], וועט מען אים שוין מוזן שענקן די אויפמערקזאַמקייט, ניט אַ ביסעלע, ניט אַ טייל נאָר טאַקע אינגאַנצן.





**הלל ראָגאָף ווייזט אָן, אַז אין זיין רעצענזיע האָט ער פאַרגעסן אָנצוווייזן אויף אַ געוויסן חסרון ביי צילע אַדלער:**

„דער חסרון איז ניט אין דעם שפּילן, נאָר אין דעם גרים אירן, און וויכטיק איז עס וועגן דעם צו ריידן דערפאַר וואָס ער מערקט זיך ביי אַ סך יידישע אַקטיאָרן און אַקטעריסעס. מיס אַדלער שפּילט אין דער פּיעסע די ראָלע פון אַ שמידס אַ טאָכטער. די הויז איז אַן אָרעמע און אַ דאָרפישע, דאָך גייט זי אָנגעטאָן אין אַ נייע, שיינע קלייד און אין אַ נאָך שענערע, שניי־ווייסע פיין־געפּרעסטע אונטער־קלייד. דיזער קאָסטיום גריצלט איינפאַך אויף דעם בעסערן געשמאַק. עס טרייבט אַריין אַ דיסקאָרט, אַ פאַלשן טאָן אין איר האַרמאָנישן שפּילן. מיס גערסטען, וועלכע שפּילט די ראָלע פון דער שוועסטער, אויך אַ שמידס טאָכטער, האָט שוין דיזן פעלער אויסגעמידן. ווי מען דערציילט, האָט זי ביי די ערשטע פּאָר פאָרשטעלונגען אויך געזינדיקט ווי מיס אַדלער, דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעזען און געביטן די קליידער. ווען מיר האָבן זי געזען, איז זי געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקעלע פּראָסטע קאָפּטע ווי עס פּאַסט זיך פאַר דער פּערזאָן, וואָס זי שטעלט פאָר. ...דער פעלער, וואָס צילע אַדלער באַגייט דאָ, איז ניט אַ צופאַל און זי איז אין דעם ניט קיין אויסנאַמע. צווישן די יידישע אַקטיאָרן און אַקטעריסעס הערשט אַ פאָרורטייל קעגן אָרעמע פּראָסטע קליידער. וואָס גרעסער דער סטאַר, אַלץ שטאַרקער הערשט אין אים אָדער אין איר דיזער פאָרורטייל. זיי ווילן אויסזען שיין און ווילן מאַכן אויף דער בינע דעם זעלבן סאָרט איינדרוק ווי זיי וואָלטן וועלן מאַכן אין גאַס אָדער אין געזעלשאַפט.

...די אמת־גוטע, אמת־ליטעראַרישע פּיעסע פאָדערט אויפריכטיקייט און אמת פון די שפּילער. אין אַזאַ פּיעסע ווי „דעם שמידס טעכטער", וועלכע איז פול מיט פּאָעזיע, וועלכע איז איינגנטלעך אַ דראַמאַטישע סימפאָניע, פאָדערט זיך פון די אַקטיאָרן און אַקטעריסעס נאָך מער פּאַרזיכטיקייט. דער מינדסטער פלעק זעט זיך בולט אַרויס".

## „גלויב דיין פרוי"

דעם 6טן מערץ 1919 איז דורך מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט געוואָרן „גלויב דיין פרוי" פון לעאָניד אַנדרעיעוו.



בערטאַ גערסטען אַלס „העדאַ גאַבלער"

### „העדאַ גאַבלער"

דעם 11טן מערץ 1919 איז, צום ערן־אָוונט פון בערטאַ גערסטען, אויפגעפירט געוואָרן „העדאַ גאַבלער" פון הענריק איבסען מיט איר אין דער טיטל־ראָל.

### „דער אידעאַלער מאַן"

דעם 3טן אַפּריל 1919 האָט מאָריס שוואַרץ צו זיין ערן־אָוונט אויפגעפירט „דער אידעאַלער מאַן" פון אָסקאַר וואַיילד.

### „צוויי קוני לעמעל"

דעם 17טן אַפּריל 1919, צום ערן־אָוונט פון סופלער דזשוליוס ערבער, איז אויפ־

געפירט געוואָרן גאָלדפאַדנס קאָמעדיע „די צוויי קוני לעמעל" מיט דרויסיקע אַקטיאָרן ווי סעם קעסטין, פיטער גראַף, דזשוליוס נאַטאַנסאָן און בעסי ווייסמאַן.

## „שמשון און דלילה"

דעם 23סטן אַפּריל 1919 האָט יעקב בן־עמי אויפגעפירט צו זיין ערן־אָוונט די פּיעסע „שמשון און דלילה" פון סווען לאַנגע, איבערזעצט פון ל. קרישטאַל.

**א. פּ. [פרומקין] שרייבט:**

„צו דעם רעפּערטואַר פון איבערזעצטע זאַכן, וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין פאַרלויף פון דיזן סעזאָן אין „אירווינג פּלייס טעאַטער", איז צוגעקומען נאָך אַ גוטע פּיעסע. דאָס איז „שמשון און דלילה", די דריי־אַקטיקע טראַגי־קאָמעדיע פון דעם סקאַנדינאַווישן שרייבער סווען לאַנגע, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן פאַריקן דאָנערשטיק צו דער געלעגנהייט פון בן־עמיס ערן־אָוונט, און די פריינט פון דער בעסערער בינע מעגן זיין צופרידן, ווייל אי אין דעם שטיק גופא, אי אין דער אויפפירונג, איז דאָס געווען אַ באַטייטנדער געווינס. וואָס עס איז שייך צו דעם טאַלענטירטן שוישפּילער פאַר וועמנס ערע די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן, האָט ער אונדז גאָר קיין בעסערן באַווייז ניט געקאָנט געבן פאַר זיין פיינעם געשמאַק, און ער פאַרדינט קרעדיט ניט נאָר פאַר אַרויסברענגען סווען לאַנגעס שטיק אויף דער יידישער בינע, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אין דער ראָלע, וואָס ער שפּילט פאַר אונדז, געגעבן אַ געלעגנהייט צו זען עטוואָס פון זיין טאַלענט, וואָס האָט זיך ביז איצט אַזוי ווייניק אַרויסגעצייגט פון זיין שפּילן.

דער סוזשעט פון סווען לאַנגעס „שמשון און דלילה" איז ניט קיין ביבלישער ווי מאַנכע באַזוכער האָבן ערוואַרטעט. די ביבלישע לעגענדע ווערט דאָ בלויז אַריינגעפלאָכטן אַלס סימבאָל. ס'איז די געשיכטע פון דעם דיכטער, וואָס קעמפט מיט דער פּיליסטער־וועלט, מיט דער וועלט פון זאַטע, צופרידענע קרעמער־זעלען און ווערט פון איר באַזיגט. ס'איז די פּאָעזיע, וועלכע ראַנגלט זיך מיט אַלע כוחות, אָבער פאַלט דאָך אַריין אין די ביליקע הענט פון די שונד־שוישפּילער, וועלכע פאַרקריפּלען זי און פאַרקויפן זי צום „ליבן פּובליקום" — דער העלד שמשון, וועלכע ווערט פאַרפירט פון דער רייצנדער דלילה און פאַרקויפט צו די פלשתים.

דער פּאָעט פּעטער קראָמבאַק מאַכט דורך דיזן ביטערן קאַמף. אין זיין יונגער דיכטער־קאַריערע איז ער געקומען פּנים אל פּנים מיט דער עקלהאַפטער פּיליסטער־וועלט, מיט דער וואָכעדיקייט און מיט איר גרויסן ציניזם. ווי אַלע יונגע פּאָעטן האָט ער זיך געראַנגלט, איבערגעלעבט איין אַנטוישונג נאָך דער צווייטער ביז די פּיליסטער־וועלט האָט אים אָפּגעעקלט און ער באַשליסט נוקם צו זיין זיך אין איר. ער שרייבט אַן אַ סימבאָלישע דראַמע „שמשון און דלילה" פאַרשטעלנדיק דעם העלד פון דער ביבל ווי ער ווערט פאַרפירט פון דער רייצנדער שיינקייט פון דער פּראָסטיטוטקע, וועלכע גיט אים איבער אין די הענט פון זיינע שונאים — די פלשתים. דיזע דראַמע זיינע וועט אויפגעפירט ווערן אין טעאַטער, און זיין אייגענע פרוי, זיין באַליבטע דאַגמאַר, די שוישפּילערין, וועט אויפטרעטן אין דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכער ראָלע פון דלילה. ווי וועלן זיי דאָס אַביסל קריצן די ציין, די פּיליסטער, די אָנגעפרעסענע קרעמערישע זעלן, פילנדיק די פיילן, וועלכע ער שליידערט אין זיי. אָבער וועט דאָס שטיק אָנגענומען ווערן? לאַנג וואַרט קראָמבאַק אויף דעם ענטפער ביז ער דערוואַרט זיך ענדלעך. דאָס שטיק ווערט אָנגענומען, און די בשורה וועגן דעם ברענגט אים דער מעבל־הענדלער מייער, אַ „הויז־פריינד" זיינער, וועלכער שטעלט צו די דעקאָראַציעס אין טעאַטער. און דער בשורה־ברענגער פאַרשטערט דעם דיכטער די גאַנצע שמחה. ווי ער האַסט אָט דעם מעבל־הענדלער, וועלכער איז פאַר אים אייגנטלעך די פאַרקערפּערונג פון פּיליסטערטום, פון די עקלהאַפטע קרעמערישע נשמות. אָבער דאָס איז ניט אַלעס. דיזע צוויי מענער האָבן אויך אַ פּערזענלעכע רעכענונג. דער אָרעמער דיכטער קוקט זיך אַרום, אַז ער ווערט באַטראָגן פון זיין פרוי, פון זיין דאַגמאַר, וועלכע ער ליבט אַזוי הייס, אַזוי ליידנשאַפטלעך, און ער ווייסט ווער זיין קאָנקורענט איז. דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי טאַקע דיזער מעבל־הענדלער, וועלכער האָט ביז אַהער געפירט אַ שטילע ליבע מיט דער שיינער אַקטריסע.

די טראַגעדיע ווערט אַלזאָ טאָפּלט. עס ליידט דאָ ניט נאָר דער מיט דער וועלט זיך־ראַנגלדיקער דיכטער, נאָר אויך דער באַטראָגענער מאַן, אַ טאָפּלט ליידנדער שמשון. מיר זעען אים אין אויפברויזנדיקע אייפערזיכטיקע מאָמענטן ביי זיך אין הויז, און אין פייערדיקע, טעמפּעראַמענטפולע אויסברוכן אויף דער בינע, ביי דער רעפּעטיציע פון זיין שטיק. ס'איז אַ טאָפּלט געמישט געפיל פון אַ באַליידיקטער, באַשפּיגענער דיכטער־נשמה און פון אַ פאַרלעצט, צעריסן האַרץ פון אַן אָפּגענאַרטן מאַן. ...עס גייט דאָך אים, דוכט זיך, אַזוי אין לעבן צו זען זיין שטיק אויפגעפירט כדי געבן די פּיליסטער אַ טויט־קלאַפּ. אָבער, ניין! ער קאָן עס ניט מער אַריבערטראָגן. ביי דער פּ ר אָ ב ע, רעפּעטירנדיק אַליין די שמשון־ראָלע, אין דעם מאָמענט ווען ער ליגט אין דלילהס שויס, דערזעט ער אירע אויגן, די ברענענדע, ליידנשאַפטלעכע אויגן פון דער פרוי, וועלכע זיינען געווענדט צו איר ליובאָווניק, דעם מעבל־הענדלער. ער כאַפּט זיך אויף, באַפאַלט דעם צעשראָקענעם קרעמער און עס ווערט אַ סקאַנדאַל. קראָמבאַק וועט שוין מער ניט מאַכן קיין רעפּעטיציעס. ער וועט זאָגאַר ביי דער פאַרשטעלונג פון זיין פּיעסע ניט זיין. ער אַנטלויפט, פאַרשווינדט אויף אַ וואָך צייט, דאַן קומט ער צוריק אין אַ האַלב־וואַנזיניקן צושטאַנד. געפינענדיק זיין פרוי צוזאַמען מיט דעם מעבל־הענדלער, וועלכע דרייען זיך און קאָרטשן זיך צעשראָקענע קעגנאיבער זיין רעוואָלווער, אָבער ער קאָן זיי ניט טויטן. ער האָט קיין האַרץ ניט דערצו, און ער מאַכט אַ סוף צו זיין אייגענעם לעבן.



יעקב בן־עמי

אַלס „פּעטער קרומבאַק"

די אויפפירונג בכלל איז געווען זייער אַ געלונגענע. בן־עמי האָט ניט נאָר געשפּילט, נאָר די אויפפירונג איז געווען פולשטענדיק אונטער זיין לייטונג, און איר האָט דאָ און דאָרט דערקענט די האַנט פון אַ גענייטן, פעיקן רעזשיסער. וואָס אָנבאַלאַנגט זיין שפּילן, האָט ער, אין דער ראָלע פון פּעטער קראָמבאַק, זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין אַ גאַנץ ניי ליכט. ביז אַהער, אָנפאַנגנדיק פון דעם לאָנדאָנער פאָלקס־טעאַטער, וווּ דער שרייבער פון די ציילן האָט זיך צוערשט מיט אים באַקענט, און אין די אַלע ראָלן אין וועלכע ער האָט אים זינט דאַן געזען דאָ אין אַמעריקע, האָט בן־עמי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַקטיאָר מיט שול, אַן אינטעליגענטער, ערנסטער שוישפּילער, וועלכער פאַרטיפט זיך אין זיין ראָלע און שפּילט מייסטנס קאָרעקט און שיין. אַ טרוימער, אַ שטילע פּאָעטישע נאַטור, דאָס האָבן מיר זיך אימער פאָרגע־

שטעלט, איז אַ פּאַסנדע ראָלע פאַר בן־עמין. דערויף קאָן מען זיך אויף אים פולשטענדיק פאַרלאָזן. אָבער אַזויפיל לײדנשאַפט, אַזאַ פייער, וואָס ברענט אין דעם פאַרוואונדעטן, צערייצטן דיכטער קראָמבאַק אַרויסצוברענגען! ווו האָט זיך דאָס גענומען אַזויפיל טעמפּעראַמענט צו בן־עמין? און ווי אָפּגעמאָסטן, איינגעהאַלטן ער איז פונדעסטוועגן זאָגאָר אין זיינע ברויזנסטע מאָמענטן! דיזער סאָרט שפּילן איז געווען אַן אמתע אַנטפּלעקונג פאַר די צאָלרייכע פאַרערער פון דעם טאַלענטירטן שוישפּילער, און זיי האָבן אים אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג אין הילכנדע און וואָרעמע אָוואַציעס, וועלכע ער האָט כשר פאַרדינט.

די צווייטע וויכטיקע ראָלע אין דעם שטיק איז קראָמבאַקס פרוי, די שיינע אַקטריסע דאַגמאַר, און זי איז גלענצנד דורכגעפירט געוואָרן פון מיס בערטאַ גערסטען. זי האָט זייער פיין אַרויסגעבראַכט די געפילן פון דער פרוי, וואָס געהערט מיט איר גאַנצער נשמה צו יענער פיליסטער־וועלט, וועלכע איז אַזוי פאַרהאַסט ביי דעם דיכטער אין די אויגן, און איז געווען אַ זייער פּאַסנדע פּאַר פאַר דעם קראָמבאַק, וואָס בן־עמי האָט פאָרגעשטעלט. גאַנץ גוט און אויסגעהאַלטן איז אויך געווען באָריס ראָזענטאַל אַלס דער מעבל־הענדלער מייער, און אַן אמתער גענוס איז געווען צו זען גאָלדסמידטן אין דער פאַרהעלטניסמעסיק קליינע ראָלע פון דעם טעאַטער־דירעקטאָר. אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך אויך באַטייליקט די שוישפּילער צוויג אַלס דער רעזשיסער, פיקערט אַלס דער אַקטיאָר לומבערג און קלאַראַ ראַזענטאַל אַלס דאָס דינסטמיידל „לאַאוראַ“.

## „דער פּאָטער“

**דעם 1טן מיי 1919 איז א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט געוואָרן „דער פאָטער“ פון א. סטרינדבערג.**

**א. פרומקין שרייבט:**



א. סטרינדבערג — מחבר

„מער ווי דאָס שטיק, וואָס איך האָב שוין פריער געזען היבשע עטלעכע מאָל, מער ווי די אויפפירונג, וועלכע האָט מיך ניט געקאָנט צופיל איבעראַשן, האָט מיך יענעם אָוונט אינטערעסירט דאָס פובליקום... זעלטן ווען איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן אַזאַ פאַרשטענדיקן, אַזאַ אויפמערקזאַמען עולם פון מענער און פרויען. ס׳איז געווען אַ באַזונדער פאַרגניגן צו זען ווי זיי פאָלגן נאָך יעדן ריר, יעדע באַוועגונג פון די אַקטיאָרן, ווי זיי שפּילן, אַזוי צו זאָגן, מיט מיט זיי, ווי זיי פאַרשטייען די דראַמע און זיינען אַריינגעטאָן מיט אַלע זייערע געדאַנקען אין דער פאָרשטעלונג. גליקלעך זיינען ערנסטע שוישפּילער, וועלכע האָבן אַזאַ ערנסט פובליקום.

...ס׳איז איינע פון די פיינסטע דראַמען אויף דער אייראָפעישער בינע און עס טוט ווירקלעך הנאה צו וויסן, אַז אַזאַ זאַך קאָן געשפּילט ווערן מיט אַ באַטייטנדן ערפאָלג אין יידיש.

וואָס איז שייך צו דער אויפפירונג, הגם איך האָב אין אָנפאַנג געזאָגט, אַז זי האָט מיך ניט געקאָנט צו שטאַרק איבעראַשן, איז זי אָבער בכלל לויבנסווערט. די הויפּט מעלה איז דאָ די ערנסטקייט מיט וועלכע די שוישפּילער באַציען זיך צו סטרינדבערגס ווערק און זיי ערלויבן זיך ניט קיינע פרייהייטן. דאָס שטיק ווערט





אין אַלגעמיין געשפּילט אין דעם גייסט פון דעם פאַרפאַסער, ווען דאָס יידיש וואָלט נאָר געווען אַ ביסל בעסער. די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע פון דעם ריטמייסטער [דער פאָטער] שפּילט מאָריס שוואַרץ, און ער מאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק אין גאַנצן ערשטן אַקט און [אין] אַ טייל פון צווייטן אַקט. אין די אויפברויזנדע סצענען צווישן אים און זיין פרוי און צווישן אים און דעם קינד, איז ער ניט זייער איבערצייגנד. איבערהויפּט פילט זיך די שטייגערונג צום וואַנזין ניט גענוג בולט אַרויס ביי אים. מאַדאַם זילבערט אין דער ראָלע פון לאורא וואָלט גאָרניט שלעכט קלאַראַ ראָזענטאַל“.

**אוריאל מזיק שרייבט:**

„מיר האָבן געזען צום ערשטן מאָל אויפפירן די באַרימטע דראַמע „דער פאָטער“ פון סטרינדבערג אויף דער יידישער בינע מיט ה׳ מאָריס שוואַרץ אין דער הויפּט־ראָלע, און מיר מוזן זיך מודה זיין, אַז די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט געמאַכט אויף אונדז אַ זייער שלעכטן איינדרוק. אויב מיר האָבן ווען עס איז געזען אַ פרעמדע זאַך פאַר אונדז, עטוואָס וואָס איז אין קעגנזאַץ צו אונדזער אַרט לעבן, איז דאָס „דער פאָטער“, ווי ער איז געשפּילט געוואָרן אין דעם „אוירווינג פּלייס טעאַטער“, און ניט דערפאַר, ווייל די אַרטיסטן האָבן געטאָן זייער אַרבעט שלעכט, ווייל זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס און וועמען זיי דאַרפן אַרויסברענגען. ניין, דאָס גראַדע ניט. אין דער באַציונג פון די שוישפּילער צו דער זאַך, איז געווען צו מערקן אַ טיפן ערנסט און אַ גרויסן ווילן צו שאַפן עטוואָס גוטעס, ווערטפולעס, אָבער דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. די גאַנצע צייט וואָס די מענטשן אויף דער בינע האָבן גערעדט, זיך געפּילפּול געחכמהעט און געליטן, זיינען זיי געבליבן פרעמד און ווייט פון פובליקום, ווייט און ניט פאַרשטענדלעך, אַזוי, אַז צוליב דעם האָט זיך געפילט אַ קעלט אין דעם באַקוועמען און אימער וואַרעמען טעאַטער.

דער הויפּט־מאָטיוו פון דעם „פאָטער“ איז דער האַס צו דעם פרויען־געשלעכט. דער שרייבער, וועלכער האָט אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן געפּרעדיקט אָט די אידעע, האָט אין דעם „פאָטער“ דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון גיפט, בייזקייט און צאָרן. עס זיינען ניט נאָר דאָ אויף דער וועלט פאַרשיידענע ראַסן, נאַציאָנען און רעליגיאָנען, וואָס קעמפן איינע קעגן די אַנדערע, נאָר עס איז דאָ אויך אַ סעקסועלער אַנטאַגאָניזם, אַ האַס צווישן די געשלעכטער, אַ מלחמה, וואָס ווערט געפירט פון איין טייל קעגן דער אַנדערער, און צום אומגליק זיינען די מענער די שוואַכערע. זיי, די אומגליקלעכע, שאַפן קאַריערעס, מאַטערן זיך אין דער מלחמה פאַר עקזיסטענץ, און אַלץ פאַר דער פרוי. זייער מאַרך, זייערע פעיקייטן, די בעסטע שטרעבונגען ווערן פאַרשוועגדט נאָר פאַר דער פרוי, און זי, די בייזע חיה, נאַרט, אינטריגירט. זי אונטערדריקט אונדז און פאַרראַט אונדז.

ווייסן מיר ווער דער „אמתער“ פאָטער פון אונדזערע קינדער איז? ניין, די פרוי, זי ווייס, אַז דאָס קינד איז אירער. דער מאַן אָבער ניט. ווייס דער מאַן וואָס עס טוט זיך אין דער פרויס קאַבינעט ווען ער איז פאַרטאָן אין דער אַרבעט? ניין, ער ווייס ניט. עס קאָן זיין, אַז אין דעם מאָמענט, וואָס זיינע געהירן אַרבעטן מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, נאַרט זי אים אָפּ און לאַכט אים אויס. דאָס איז אַ מלחמה פאַר הערשאַפט. די פרוי זוכט צו פאַרכאַפן די ערציונג פון קומנדן דור. זי זוכט צו האַלטן די קינדער

אונטער איר איינפלוס, און אויב דער קנעכט דער מאַן, ווערט צו תקיף ביי זיך און רעבעלירט, רייצט זי אָן די אייגענע קינדער אויף אים. אַפילו די טרייעסטע, די וואָס האָט אונדז ערצויגן און געהאָדעוועט, איז אונדזער ערגסטער פיינט. זי פאַרראָט אונדז. זי נעמט צו אונדזער פרייהייט און פאַרניכטעט אונדז צוליב איר אינסטינקט פון אַ פרוי. און פרוווט זיך דער מאַן ווערן, ווען ער הייבט אויף דעם רעוואָלווער צו דערשיסן זיין קינד און זיך, געפינט ער, אַז די פאַלשע פרוי האָט די קוילן אַרויסגעגנבעט, און דער אָרעמער געשלעכט, דער מאַן, ליגט געבונדן אין אַ צוואַנגס־יאַק פאַר משוגעים און שטאַרבט אַן אָפּגענאַרטער, אַ פאַרשפּאָטעטער, אַרומגערינגלט פון היפּאָקריטן און מערדער. און אַפילו נאָכן טויט באַנוצט זיך די פרוי מיט אונדזערע אָנזיכטן איבער רעליגיאָן. זי שרייבט אונדז צו אַ גלויבן, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאָט, בלויז דערפאַר אַליין, ווייל פאַר איר לוינט זיך עס. דער אומגליקלעכער מאַן וואָלט, ווען ער וואָלט געווען פריי פון דער פרוי, געלאָזן נאָך זיך גרויסע ערפינדונגען. ער וואָלט געלעבט אייביק אין זכרון פון פאָלק. ער וואָלט געווען אַ העלד, האָט זי אָבער פאַרניכטעט זיינע בריוו, ניט דערלאָזן צו אים קיין ביכער, און קיין זכר איז פון אים ניט געבליבן.

אָט דאָס איז וואָס סטרינדבערג דערציילט אונדז אין זיין שטאַרקער דראַמע „דער פאָטער". וואָס אָבער דערציילט אונדז דער יידישער מאַן און פרוי, וואָס קומען אין „קונסט־טעאַטער" זען עפּעס וויכטיקעס, גוטס? דער יידישער מאַן און פרוי גלייכן איינער דעם אַנדערן. דער פאַרבאַנד אין דער יידישער משפחה איז אַ שטאַרקער, אַן אייביקער. דער צוטרויען איינער צום אַנדערן, די הילף, דער ראַט, דאָס זיינען פון די נייטיקסטע עלעמענטן אין דעם יידישן לעבן. און זינדיקט די פרוי, איז דאָס אַ גרויסער אומגליק. אַ שאַנדע און אַ שמאַך. שיידן זיך אַ פּאָרל, וויינט די שכינה אין הימל, און ווי ווילד אים וועט אויסקומען ווען מען וועט אים זאָגן, אַז זיין כאַצקל אָדער שמערל זיינען ניט זיינע. קען ער ניט זיין פלוניתטע? זעט ער דען ניט אויף די פּנימער פון זיינע קדישי זיין חתימה? צי אין דער אָדער אין אַן אַנדערער פאָרם טראַכט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, סיי דער יונגער, סיי דער אַלטער דור, זיין מוטער און זיין פרוי זיינען טיילן פון זיין פלייש און בלוט. וועט ער דען זיי ניט גלייבן? און אָט דערפאַר זיינען די אַלע מיזאַנטראָפּישע און פרויען־פיינטלעכע געדאַנקן פון דעם שוועדישן שרייבער ווילד־פרעמד פאַר אונדזער פובליקום און מאַכן אויף אים קיין איינדרוק ניט. דערצו איז „דער פאָטער" אַ דראַמע מיט זייער ווייניק האַנדלונג. דאָס איז אַן אמתע ליטעראַרישע ווערק. עס זעט זיך אין דעם די האַנט פון אַ גרויסן גייסט, אַ דענקער און אַ קלוגן מענטשן. אָבער דאָס איז אַ טענדענץ־פּיעסע ווו דעם שרייבער איז ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען די בינע־טעטיקייט און די אַלע קונץ־שטיק, וואָס מאַכן אַ זאַך פאַר אַן ערפאָלג. מענטשן זיצן און ריידן זייער אַ סך, אָבער טוען גאָרניט. (דאָס איז אין דעם סטייל פון בערנאַרד שאָוס פּיעסן) און ווילנדיק צי ניט מוז עס ווערן לאַנגווייליק.

און אונדזערע יידישע שוישפּילער זיינען אַבסאָלוט ניט צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ סאָרט פּיעסע. די שולע איז געווען אַזאַ, ווו מען האָט וועלטן געקערט: געזונגען, געטאַנצט, געיאָמערט אויף דער העכסטער אָקטאַווע און געלאַכט, אַז די ווענט האָבן געציטערט. ווי קומט צו זיי אַזאַ שטילע אין זיך־באַגראָבענע פּערזאָן ווי דער



מאַיאָר (הער שוואַרץ) אָדער לאָראַ (מאַדאַם זילבערט), וועלכע זיינען ניט קיין מלאכים און קיין טייוואָלים ווי די וואָס מיר זעען ביי אונדז אַזוי אָפט, נאָר מענטשן, וואָס דאַרפן סימבאָליזירן אַ געוויסע אידעע, אַרויסברענגען אַ באַשטימטע פילאָזאָפיע, און דאָס אַלעס. הער שוואַרץ וועלכער האָט געשאַפן אַ היבש ביסל ליידן, האָט זיך דאָך ניט געקאָנט דערנענטערן צו די צושויער, אַז ער זאָל ווערן באַגרייפלעך און נאָנט. יאָ, ניט קוקנדיק אויף די שיינע, אין אַרטיסטישן הינזיכט, מאָמענטן, איז הער שוואַרץ דאָך פאַרבליבן אַ ווייטער און פרעמדער מענטש, וואָס האָט קיין טיפע סימפּאַטיע צו זיך ניט אַרויסגערופן, און מיר ווייסן ניט ווער עס וואָלט עס יאָ געקאָנט טאָן ביי אונדז. דער מאַיאָר איז אַ טשיקאַווער וועזן, און מען דאַרף האָבן גאַנץ אַנדערע קרעפטן ווי די, וועלכע מיר פאַרמאָגן, אים צו פאַרטייטשן און קלאָר מאַכן פאַרן יידישן פובליקום".

### ישראל דער יענקי שרייבט:

„עס איז ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז מאָריס שוואַרץ דער דירעקטאָר פון „אורווינג פּלייס טעאַטער", האָט אין איין סעזאָן מער אויפגעטאָן פאַר דער בעסערער דראַמע, פאַר דער יידישער בינע, ווי עס איז פילייכט אויפגעטאָן געוואָרן אין פילע יאָרן. ניט נאָר האָט ער באַרייכערט דעם געשפּילטן רעפּערטואַר פונם יידישן טעאַטער, נאָר האָט אויך דערמיט געמאַכט, אַז די טעאַטער־קונסט זאָל פיל פאַרפיינערט ווערן און עס זאָלן אויפוואַקסן נייע טאַלענטן, נייע קרעפטן פאַר דער יידישער בינע. די פּיעסן זיינען נעמלעך אַזעלכע אין וועלכע די יעניקע שוישפּילער, וועלכע האָבן טאַלענט, קאָנען זיך ווירקלעך אויסצייכענען. זיך אַליין האָט שוואַרץ אויך אַ גרויסער טובה געטאָן, ניט דווקא דערמיט, וואָס ער איז געוואָרן אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער, נאָר אַלס אַ שוישפּילער. ער אַליין האָט זיך דיזן סעזאָן מער אַרויסגעוויזן אַלס אַקטיאָר ווי ער האָט זיך ווען אַרויסגעזען אין זיין גאַנצער קאַריערע.

דאָס לעצטע מאָל ווען דער שרייבער האָט אים געזען, איז דאָס געווען אין דער ראָלע פונם מאַיאָר פון „דער פאָטער" פון אויגוסט סטרינדבערג, וועלכע איז אין זיין טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס ערפאָלג. ער האָט אין מאַנכע פון די סצענעס, איבערהויפּט פון די לעצטע, פּשוט באַוויזן וווּנדער אַלס דער אומגליקלעכער קרבן פון אַרומיקע אומוויסנהייט און בייזוויליקייט און געפּלאָגטער פאָטער וועמענס האַרץ ווערט צעריסן אין שטיקער, ווייל ער זוכט אַ טאָלק אין אַ תוהו ובוהודיקער וועלט. עס האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט מאַד. זילבערט, בן־עמי און טענענהאָלץ".

## „דער אמת" און „מענטשן"

דעם 6טן מאַי 1919 איז אויפגעפירט געוואָרן דער איינאַקטער „דער אמת" פון סט. פּשיבישעווסקי און דער איינאַקטער „מענטשן" פון שלום־עליכם.

## ענדערונגען אין דער טרופּע

פון 16טן מאַי 1919 ווערט מאָריס שוואַרץ בלויז דער דירעקטאָר פון טעאַטער און די דערעפֿנונג פון פרילינגס־סעזאָן קומט שוין פאָר אונטער דער לייטונג פון יעקב בן־עמי. אין דער טרופּע פאַר ניו־יאָרק בלייבן: יעקב בן־עמי, בערטאַ גערסטען, גרשון רובין, מישאַ גערמאַן, חנה אַפּעל,

יודל דובינסקי, סאניא גורסקא, בעסי מאגולעסקא און מלכה קארנשטיין, מאריס שווארץ פארט ארוים מיט די אנדערע מיטגלידער פון דער טרופע איבער דער פראווינץ, ווו זיי שפילן הירשביינס קאמעדיעס „א פארווארפן ווינקל״ און „דעם שמידס טעכטער״.

## „די מאכט פון פינסטערניש״

דעם 23סטן מאי 1919 איז דורך יעקב בן־עמי אויפגעפירט געווארן די דראמע „די מאכט פון פינסטערניש״ פון גראף ל. טאלסטאי, איבערזעצט לעאן קרישטאל.

## „גרינע פעלדער״

דעם 30סטן מאי 1919 איז דורך יעקב בן־עמי אויפגעפירט געווארן הירשביינס קאמעדיע „גרינע פעלדער״.

**הלל ראגאף שרייבט:**

„די פילע טויזנטער טעאטער־באזוכער, וועלכע האבן וואך נאך וואך אנגעפאקט דעם „אירווינג פלייס טעאטער״ ווען דארט זיינען אויפגעפירט געווארן „אין א פארווארפענער ווינקל״ און „דעם שמידס טעכטער״ האבן איצט א געלעגנהייט אין דעם זעלבן טעאטער צו זען נאך א פערל פון דעם זעלבן פארפאסער. עס ווערט דארטן אויפגעפירט איינע פון די סאמע שענסטע און ליטעראריש־ריינסטע ווערק, וואס איז פון הירשביינס פעדער געשאפן געווארן. „די גרינע פעלדער״ געהערט צו דער זעלבער פאמיליע ווי די פריערדיקע צוויי פיעסן. ...די מענטשן זיינען לעבעדיקע און די סצענען פול מיט הומאר און פאטאס. יעדע פערזאן אויף דער בינע געווינט אונדזער גאנצע פולע סימפאטיע. ...די כאראקטערע זיינען כמעט אלע דיזעלבע ווי „אין א פארווארפענער ווינקל״ און אין „שמידס טעכטער״. ענלעכע טאטעס, ענלעכע קינדער. די איינציקע נייע פערזאן איז לוי־יצחק דער ישיבה־בחור. מאנכע סיטואציאנען זיינען אויך ענלעכע, דאס אבער פארקלענערט ניט אויף א האר דעם עסטעטישן גענוס וואס מען האט פון דער פארשטעלונג. די פערזאנען זיינען אזוינע הארציקע, אזוינע ליבלעכע, די אטמאספערע איז א באצויבערנדע, אז וואס מער מען באקענט זיך מיט זיי, אלץ מער ווערט מען צו זיי צוגעצויגן, אלץ מער פארגניגן האט מען פון אפשטאטן זיי נאך א באזוך און בייווינען זייערע האנדלונגען, טיילן מיט זיי זייערע לײדן און פריידן.

די אקטיארן און אקטריסעס שפילן אלע זייערע ראלן אינטעליגענט און שיין, כאטש פולקום איז קיינער פון זיי ניט. רובין אלס דוד־נח איז מער שטאטישער בעל־הבית ווי א דארפישער ייד. גערמאן אלס הערש־בער זעט אויס צו כיטרע, צו קלוג פאר דער ראלע, וואס ער שפילט. דובינסקי אלס אברהם־יעקב איז שוין, פארקערט, צו נאריש, צו אידיאטיש כמעט פאר דעם טיפ וועמען ער דארף פארשטעלן. די וויכטיקסטע און שווערסטע ראלע אין דער פיעסע שפילט בערטא גערסטען. זי איז דאס מיידל דינה, די מיידל, וועלכע פארקאכט יעדע קאשע און גלייכט אויס יעדן פלאנטער. זי פארשטייט די ראלע אויסגעצייכנט און איר געלינגט ארויסצוברענגען דעם טיפ. אין געוויסע מאמענטן, די שטילע, פאטעטישע, איז זי ניט איבערצייגנד גענוג. זי ווירקט ניט אויפן עולם. ער זאל מיט איר מיטפילן. דערפאר איז זי אבער גוט אין די אויפרעגנדע סצענעס. בן־עמי אלס לוי־יצחק איז שוין פארקערט; ער שפילט אלע סצענען אין דאס, וואס מען רופט אויף דער מוזיקאלישער שפראך „מיינאר קי״, אין הארציק־פאטעטישע טענער. דאס מאכט אים מאנאטאן. ער שלעפט זיך ארום אויף דער בינע צייטנווייז ווי א גוסס, און איר ווונדערט זיך ווי אזוי אזא נעבעכל קאן געווינען די הארץ פון דער ליכטיקער, פריילעכער, שטיפערישער דינה. מיס אפעל אלס דוד־נחס פרוי איז מער שטאטיש ווי א דארפיש פרוי. מ. סקורניק [מנשה סקולניק], וועלכער נעמט די ראלע פון אלקנה, האבן מיר פריער ניט געזען שפילן. אויף ווי ווייט מען קאן אורטיילן פון איין מאל שפילן, ווייזט ער אויס צו זיין א פעיקער, טאלענטפולער שוישפילער. ער האט די ראלע דורכגעפירט אויסגעצייכנט גוט. עס שפילט אויך סאניא גורסקא. זי שפילט די ראלע פון סטערא. מאדאם וואקסמאן שפילט די ראלע פון גיטל, אלקנהס פרוי״.

**ב. גארין באהאנדלט דאס אויפפירן הירשביינען:**

„עס איז געווען א צופאל, וואס אין זיין קאמפאניע איז געווען דער יונגער שפילער בן־עמי, וועלכער האט דוקא מער געוואוסט וועגן דער נייער בעסערער יידישער דראמע און עס איז געווען אויף זיין רעקאמענדאציע, וואס מאריס שווארץ האט אויפגעפירט [ריכטיקער געלאזט אויפפירן] פרץ הירשביינס קאמעדיע „אין א פארווארפן ווינקל״ ... [די פיעסע] איז אויפגעפירט געווארן אין א געוויינלעכן וואכעדיקן אוונט, און הגם צו דער ערשטער פארשטעלונג איז געקומען זייער א קליינער עולם, האט אבער שווארץ ריכטיק אפגעשאצט דעם פובליקום. ער האט באשיינפערלעך געזען, אז אלע פעסטע כללים, וואס זיינען דעמאלט געווען פעסט אנגענומען אין טעאטער, האבן לחלוטין קיין ממשות ניט. אין דעם אלטן חדר איז געווען אנגענומען, אז א שטיק דארף זיין געזאלצן און געפעפערט. און אויב ניט, וועט דער עולם אנטשלאפן ווערן. א שטיק דארף זיין טעאטראליש, מוז האבן א שטארקע האנדלונג און די פארבן דארפן זיין געדיכטע, אז ניט וועט דער עולם ניט אויסזיצן קיין צווייטן אקט. א שטיק טאר ניט זיין דורכויס טראגעדיע אדער דורכויס קאמעדיע, נאר דאס טראגישע דארף זיין אויסגעמישט מיטן קאמישן און דער געלעכטער דארף אויף א ווײלע פאריאגן דעם טרער, אז ניט וועט זיך דער עולם פילן לאנגווייליק. אין יעדער שטיק מוז דער שלוס־אקט זיין אזוי שטארק און פאקנד, אז דער צושויער זאל דעם רושם פילן דורך דעם גאנצן אנטראקט, אז ניט וועט דער פארהאנג פאלן אויף א טויטן הויז און קיין האנט וועט זיך ניט הייבן צו אפלאדירן. אין יעדן שטיק דארף דער ערשטער אריינטריט פון דעם וויכטיקסטן שפילער זיין צוגעגרייט פון פריער אזוי, אז דער עולם זאל שוין אויף אים ווארטן און אלע אויגן זאלן זיין אויסגעשטעלט אויף אים און אזוי אויך דארף יעדער עקזיט [אראפגאנג פון דער בינע] זיינער פארמאגן עפעס אזוינס, וואס זאל ארויסרופן א שטארקן אפלאז. דאס איז נאר א טייל פון די דינים, וואס זיינען שטארק אפגעהיט געווארן אין טעאטער און פון וועלכע מען האט ניט געטארט אפטרעטן. און הירשביין האט לחלוטין ניט געוווסט די דאזיקע דינים. נאר אנשטאט דער קליינער עולם זאל געניצן און אנטלויפן, האט ער זיך גאר גוט אמוזירט און האט דוקא אפלאדירט די שטילסטע פלעצער.

מאריס שווארץ האט ארויסגעוויזן א געזונטן חוש ווען ער האט זיך ניט דערשראקן פאר דער שוואכער איינגאמע און האט געשטעלט „אין א פארווארפן ווינקל״ א צווייטן מאל און נאכדעם

ריזיקירט אויפצופירן די זעלביקע פּיעסע פּרייטיק, שבת און זונטיק. און דאָ האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן דער אונטערשייד צווישן אים און די אַנדערע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביים טעאַטער־שולחן־ערוך. ער האָט ניט געזאָגט ווי די אַנדערע, אַז דאָס איז אַ צופאַל, נאָר ער האָט גלייך באַגריפן, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער עולם פאַר וועמען די גאָרדינשע דראַמע איז געווען טויט און ער איז געווען איבערצופרידן צו ווערן דער אָנפירער פון דער נייער יידישער דראַמע.

דער סעזאָן איז געווען אַ הירשביין־סעזאָן. נאָך „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז אויפגעפירט געוואָרן „דעם שמידס טעכטער" און סוף סעזאָן האָט בן־עמי געשטעלט „די גרינע פעלדער" און



אַנסאַמבל פון „גרינע פעלדער" מיטן מחבר פרץ הירשביין.

דערמיט געשלאָסן דעם ערשטן יאָר פון דער נייער, בעסערער דראַמע. דער ערפאָלג פון די פיעסן און פון די שפּילער האָט אַריינגעגעבן די מערסטע מיטגלידער פון דער קאָמפּאַניע דעם געדאַנק צו מאַכן שבת פאַר זיך און זיי האָבן געפונען אַן אונ־טערנעמער שניצער, וועלכער האָט מיט אַן אמת ליב געהאַט די בעסערע דראַמע און געדונגען אַן אַנדער טעאַטער.

.... עס איז אמת, אַז די נייע באַוועגונג אין יידישן טעאַטער איז מער אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אומצופרידנקייט מיט די פריערדיקע געטער, נאָר דאָס וואָלט געהייסן, אַז די נייע יידי־שע דראַמע איז געשאַפן געוואָרן אויף נעגאַטיווע יסודות און אויף אַזעלכע יסודות קאָן קיין זאַך ניט געשאַפן ווערן. עס וואָלט געווען אַ גרויסער אומפאַרציילעכער טעות, אַן אומגעלומפּערטע פאַלשע קאָנצעפּציע צו דענקען, אַז דערפאַר וואָס די נייע יידישע דראַמע איז געגאַנגען קעגן אַלע אָנגענומענע כללים אויף דער יידישער בינע, האָט זי געפונען חן ביי דעם נייעם יידישן פּוב־ליקום. די נייע דראַמע פאַרמאָגט אויך פּאָזיטיוועס. נאָר אין דער גרויסער איבעראַשונג, וואָס זי האָט פאַרוואָרפן דעם שולחן־ערוך פון דער בינע, האָט מען ניט באַמערקט איר פּאָזיטיווע זייט.



אַלע קענער, ווייסער, פאָרשטייער פון טעאַטער האָבן נאָכן ערפאָלג פון הירשביינס „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל" פילאָזאָפיש אָדער אפשר גאָר פּראַקטיש ערקלערט, אַז אַ בליץ טרעפט ניט צוויי מאָל אויפן זעלביקן פּלאַץ, און אַז אַ צווייטע שטיק הירש־ביינס אין דעם זעלביקן טעאַטער וועט שוין זיין אַ דורכפאַל. די צווייטע הירשביינס קאָמעדיע אין דעם זעלביקן טעאַטער איז געווען „דעם שמידס טעכטער", און די דאָזיקע קאָמעדיע האָט גע־האַט דעם זעלביקן ערפאָלג ווי די ערשטע, די דריטע קאָמעדיע איז געווען „גרינע פעלדער", און אויב זי האָט זיך אויף דער בינע ניט געהאַלטן דריי חדשים ווי דער פאַל איז געווען מיט די ערשטע צוויי, איז דאָס נאָר דערפאַר וואָס זי איז אויפגעפירט געוואָרן גלייך נאָכדעם ווי דער סעזאָן האָט זיך געענדיקט און דאָס איז ניט די צייט פאַר אַ פּיעסע צו האַלטן זיך אַ פּאָר חד־שים, אָבער אין דער אמתן איז די דאָזיקע קאָמעדיע געגאַנגען ניט ווייניקער ווי די ערשטע צוויי, ווייל אין מיטן פון צווייטן סעזאָן איז זי אויפגעפירט געוואָרן אין דעם „נייעם טעאַטער" און זי האָט זיך דאָרטן אויך געהאַלטן עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד.

.... אין אַלע דריי [פּיעסן] געפינען מיר די אומשולדיקע ליבע פון אַ פּראָסטער דאָרפס־מיידל צו אַ דאָרפישן בחור אָדער שטאָטישע וויל־לערנער, און די אומשולדיקע מיטלען, וואָס זיי אַלע ווענדן אָן, סיי די מיידלעך און סיי די בחורים, צו גע־פינען חן איינער ביים צווייטן אין די אויגן. דאָס זיינען אַלע דריי אידיליעס מיט אַ ריינער תמימותדיקער ליבע. ... אַלע, וואָס האָבן געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער זינט די מעלאָדראַמע האָט זיך דאָרטן איינגעוואָרצלט, האָבן קיין גוסט ניט געוויזן צו דער ריינער אומשולדיקער ליבע. אין טעאַטער איז שטאַרק עקס־פּלאָאַטירט געוואָרן די זינדיקע ליבע, די פאַרברעכערישער ליבע, אָבער קיינער האָט ניט געפונען פאַר אינטערעסאַנט די אומשול־דיקע ליבע, די תמימותדיקע ליבע. פרץ הירשביין האָט אין דער דאָזיקער תמימותדיקייט געפונען אַ וואַלד פון הומאָר, און דער הו־מאָר איז געווען אַזאַ ווייכער, פיינער, צאַרטער. מען האָט זיך אין די זייטן ניט געהאַלטן פאַר געלעכטער, מען האָט זיך פון די שטולן ניט אַרונטערגעקאַטשערט, נאָר אַ פאַרגניגנדער שמייכל איז ניט אַרונטער פון דעם צושויערס ליפּן. עס דאַרף זיין ניט זייער שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער אומצופרידענער עלעמענט צווישן די טעאַטער־באַזוכער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַזעלכע קאָמעדיעס. נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרומגעשלעפּט פון איין זומפּ אין דעם צווייטן און געוויזן אַלערליי פאַרברעכנס, וואָס אַ פּוסטע פאַנטאַזיע קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן, און געשאַפן ביי אים אַ באַגריף, אַז די וועלט איז פול מיט זינד און פאַרברעכנס און קיין אָרנטלעכע מענטשן זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, איז געקומען הירשביין און האָט אים געוויזן מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָכעדיקע מענטשן מיט זייערע קליינע קנאות און שנאות און ליסטיקייטן, און פון אַלעם דעם האָט אַרויסגעוויכט אַ ריינע, שיינע, אומשולדיקע ליבע. און עס איז אויך ניט שווער איינצוזען, אַז צו מאַכן די תמימותדיקע ליבע פאַר דער הויפּט־האַנדלונג און צו געבן דער אידיליע אַ פּנים פון ווירקלעכקייט האָט זיך געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַרוואַרפן דעם פריערדיקן טעאַטער־שולחן־ערוך און איבעררייסן מיט אַלץ, וואָס איז פריער געווען אָנגענומען אויף דער בינע. דער דיאַלאָג אין די דער־מאָנטע קאָמעדיעס וואָלט אין יידישן טעאַטער מיט עטלעכע יאָר צוריק באַטראַכט געוואָרן אַלס רייד, רייד און רייד, און ניט אומ־זיסט האָבן די אַלטע טעאַטראַלן געשריען, אַז דאָס זיינען ניט

קיין פּיעסן. דער דיאַלאָג איז דער סאַמע וויכטיקסטער טייל אין די דאָזיקע קאָמעדיעס. אין דעם דיאַלאָג ליגט דער פיינער הומאָר און דער דיאַלאָג גיט זיי לעבן.

קיינער האָט אַזוי גוט ניט פאַרשטאַנען ווי פּרץ הירשביין גופא פאַרוואָס זיינע דערמאָנטע קאָמעדיעס האָבן געהאַט אין ערפאָלג נאָכן אַנדערן. ער האָט דעמאָלט געהאַט קרוב דריי צענדליק געדרוקטע פּיעסן, רעאַליסטישע לעבנס־בילדער, ראָמאַנטישע טראַגעדיעס, האַלב־סימבאָליסטישע פאַנטאַזיעס. נאָר אין אַ געשפּרעך נאָך „די גרינע פעלדער" האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט שוין באַלד ניט מער וואָס צו געבן פאַר דער בינע. אַזעלכע קאָמעדיעס ווי „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל", „דעם שמידס טעכטער", „גרינע פעלדער", האָט ער מער ניט געהאַט. עס איז אמת, ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן נאָך אַ קאָמעדיע מיט די זעלביקע פּערזאָנען פון „די גרינע פעלדער" [גרייטנדיק גלייכצייטיק ווי אַ טרילאָגיע די פּיעסע „צוויי שטעט"] און הגם די מענטשן זיינען די זעלביקע, איז אָבער די האַנדלונג אַזאַ, וואָס וועט זיין פרעמד דעם דורכשניטלעכן טעאַטער־באַזוכער אַפילו פון די בעסערע טעאַטערס, און דער הומאָר פעלט דאָרטן אינגאַנצן, אַלנפאַלס האָט עס זיך ניט געפילט ביים לייענען די דאָזיקע פּיעסע".

**יואל ענטין שרייבט:**

„די ערשטע אמתע הירשביינישע אויפפירונג איז געווען אין יאָר 1918, וואָס דאַמאָלס איז מאָריס שוואַרץ געוואָרן מאַקס ווילנערס הויפּט־שפּילער אין דעם פון דער דייטשער טרופּע איבערגענומענעם אירווינג פּלייס טעאַטער. אָנגעהויבן דעם סעזאָן האָט שוואַרץ מיט אַן אויסגעצייכנטער טרופּע, אָבער מיט אַ פּיעסע פון ז. ליבין און, באַלד דערנאָך, פון אברהם שאָמערן, דוד פּינסקיס נאָך־מלחמה־פּיעסע, „די קרומע וועגן פון ליבע" איז אודאי קינסטלעריש געווען אַ שענערער צוג פון יענע צוויי. אַרום און אַרום איז אָבער מאָריס שוואַרצס ערפאָלג געווען אַ צווייפלהאַפטער. האָט ער, ערשטנס, געזוכט עפּעס נייעס, איז ער, אפשר, טאַקע גרייט געווען צו עקספּערעמענטירן. דער עיקר איז אָבער יעקב בן עמי, אַ וויכטיקער מיטגליד אין שוואַרצס טרופּע, און זיך צוהערנדיק צו די מיינונגען פון מענטשן מיט אַ שיכות צו דער ליטעראַרישער וועלט, איז שוואַרץ אים גרייט געווען צו פאָלגן. בן עמי, זייענדיק אַן אַלטער אָנהענגער פון הירשביינען און האָבנדיק, העכסטוואַרשיינלעך, געזען די אויפפירונג פון „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל" ביי די מיטגלידער פון פּראָגרעסיוו־דראַמאַטיק קלוב, האָט ער זי שוואַרצן גערעקאָמענדירט.

אין אַ קליינעם גראַד איז שוואַרצס אויפפירונג פון „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל" אפשר טאַקע געווען אַ פאָרטזעצונג פון די אויפפירונגען פון פּראָגרעסיוו־דראַמאַטיק קלוב. עטלעכע ראָליסטן: גרשון רובין, יחיאל גאָלדסמיט, און דאַכט זיך, אויך יידל דובינסקי, זיינען, אין פאַרשידענע צייטן געווען מיטגלידער פון קלוב. דער צוגאַנג, ווי צו אַ פּשוט האַרציק, פריש, פריילעך, און ערדיש פאָלקסשטיק, איז געווען דער זעלביקער. דער פאַרנעם, לכל־הפּחות, בנוגע די מייסטע שפּילער, איז אָבער געווען פיל העכערער (שוואַרץ, בן־עמי, צילי אַדלער און לודוויג זאַץ, שוין ניט ריידנדיק פון די פרויען פאַרקויף און סאַלטשע שאָר). די אויפפירונג איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג, הגם פון אַן אַנדער סאָרט ווי גאָרדינס שטאַרקסטע און בעסטע פּיעסן, אָדער אַפילו ווי קאָברינס „דעם דאָקטאָרס ווייבער". דער עולם אין טעאַטער איז ניט געווען פאַרכאַפּט, אָבער אַפילו ניט שטאַרק



מיטגעריסן, אָבער ער האָט זיך געפרייט, אָנגעקוואָלן, הנאה געהאַט. אין די ערנסטע מאָמענטן האָט ער שטיל מיטגעפילט, אין די קאָמישערע, פריש־האַרציק געלאַכט. עס איז, קורץ געווען דער ערפאָלג פון אַ פרישער אָפּוועקסלונג און באַנייונג, פון אַן אומקערן זיך, נאָך אַ לאַנגן אָפּשייד, צו אַ נאַטור־היימישער סביבה, צו דער מוטער נאַטור.

אַן ענלעכן ערפאָלג האָט געהאַט באַלד די נעקסטע הירשביינישע אויפפירונג „דעם שמידס טעכטער". אַן ענלעכן ערפאָלג, אָבער ניט פּונקט אַזאַ. אפשר ווייל ס'איז שוין אויסגעקומען צום סוף פון סעזאָן, גיכער אָבער דערפאַר, וואָס כאָטש די פּיעסע איז געווען פּונקט אַזוי פאָלקסטימלעך, נאָך מיט אַ צוגאָב, לסוף, פון אַ ימים נוראימדיקער שטימונג, איז זי אָבער געווען שוין עטוואָס צו שפּילעוודיק־שוימיק, מיט קוים עפּעס אַ ממשותדיקן קערן אונטער דער בלישטשעוודיקער אויבערפלאַך, מיט אַ צוגאָב נאָך פון דעם שוין צו־דאָרפישן ליבעס־טראַנק פון איינער פון די מיידלעך צו איינעם פון די בחורים. וואָס איז שיר דראַמאַטיזם. דראַמאַטישע סיטואַציעס זיינען זיי דאָ געווען נאָך קנאַפּער ווי „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל".

געוויס איז דער ערפאָלג, צום גרעסטן טייל, געווען אַ דאַנק דעם שפּילן, וואָס איז אויך דאָ ניט נאָר אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט געווען צום טעקסט, נאָר איז טאַקע, בדרך כלל, גאַנץ גוט געווען אין זיך אַליין. אַ חוץ רובינען, טענענהאָלצן און גאָלדסמיטן פונם פּראָגרעסיוו־דראַמאַטישן קלוב, און שוואַרצן, צילי אדלערן און לודוויג זאַצן, האָט דאָ נאָך בערטאַ גערסטין, אַלס איינע פון די צוויי טעכטער, געשאַפן איינע פון אירע געזונדסטע, פלייש־ און בלוטיקסטע פאַרשוינען.

דערמיט איינגטלעך האָט זיך געענדיקט דער שוואַרץ־הירשביין עפּיזאָד."

**מנחם באָריישא אין אַן אָפּשאַצונג, שרייבט:**

„וואָס איז דער תוך פון יענער סעריע הירשביינס טעאַטערשטיק אויף וועלכע דאָס קונסט־טעאַטער האָט זיך אויפגעבויט? יידישע ערדישקייט. ס'איז ערד ווי אַלע ערדן, וואָס איז אָבער מער ווי אַלע ערדן דורכגעשנירלט מיט ריטשקעס פון קדושה. זיינען דאָ אַזעלכע ריטשקעס, שטרעמלעך, וואָס ליגן אויבן אויף, זיינען דאָ אַנדערע, וואָס זיינען פאַרגראָבן, באַהאַלטן צווישן געדיכטע גראָזן און קוסטעס. קומט אָן קדושה פון דרויסן, דערוועקן זיך די אַלע אָפענע און באַהאַלטענע ריטשקעס און די ערד ווערט פאַרפלייצט דערמיט. זי בלייבט ערד — אי כוואַלעדיק מיט זאַנגען, אי זומפּיק, אי שטייניק. ערטערווייז, אָבער איבער איר צעגיסט זיך די קדושה און זי לויכט אויף.

די מענטשן אין די שטיק זיינען רויע, האַרבע, קינדיש־נאַקעטע אין דער אָפענער אַנטפּלעקונג פון זייערע אַמביציעס, ווילנס, תאוות — פּויערשע מענטשן. אָבער יידישע פּויערים. ווי פאַרגראָבט עס זאָל ניט זיין אין זיי די פרומקייט און דאָס יראת שמים, איז עס דאָ. און צווישן זיי גייט אַלע מאָל אַרום אַ זיידע דורך וועמען די ערדישקייט איז שוין דורכגערונען, און אָפּגעזעצט האָט זיך ריינע לויטערקייט. אין מאָמענטן ווען די ערדישע תאוות צעשפּילן זיך גאָר ראַשיק, שטייט ער אויף, דער זיידע, און מיט דער גבורה פון אַן אויסגעלייטערטן, שטילט ער איין דאָס צעשוימטע בלוט. און ווען עס קומט אָן אַ פרעמדער, וואָס איז הוילע רוחניות, אַ וואַנדערנדיקער ישיבה־בחור, ציט זיך צו אים

די גאַנצע ערדישקייט, בייגט זיך פאַר אים, גיט זיך אונטער און ווערט אין זיין ליכט אויפגעלויכטן. אַזאַ איז די יידישע ערד.

איז דעם יידישן אַקטיאָר געוואָרן גוט מיט הירשביינס מענטשן. ער האָט זיי געקענט באַהערשן, ווייל זיי זיינען געווען נאַיווער, קינדישער פון אים, אָבער ער האָט זיך ניט געדאַרפט אַרונטערלאָזן צו זיי, ווייל מענטשלעך זיינען זיי געווען גאַנץ און ציכטיק עס האָט זיך ניט פאַרלאַנגט קיין דינע און פאַרטיפטע שוישפּיל־אַרבעט פון אויסצוזעלירן אַ קאָמפּליצירטע געשטאַלט, און עס איז געווען דער אָפּצאָל פון דערהייבן זיך דורך דער רויער לויטערקייט — דער לויטערקייט, וואָס איז געווען דער טאַלענט פון יעדן אַקטיאָר. איז געווען יום טוב אויף דער בינע, און פון דער בינע האָט דער יום טוב אַריבערגעלויכטן אין פּובליקום אַריין.

ווער ס׳האָט אַביסל געלעבט מיטן טעאַטער, דערשפּירט ווען די אַרבעט אויף דער בינע איז קונסט —מעג זיין הויכע קונסט— און ווען זי איז פרייד פון פולשטענדיקן צונויפגיסן זיך. מאָריס שוואַרץ, יעקב בן־עמי, לייזער פריד און די אַנדערע, מענער און פרויען, האָבן אין אַנדערע שטיק געהאַט פאַר זיך און געלייזט קאָמפּליצירטערע שוישפּילערישע פּראָבלעמען. אָבער זעלטן ווען זיי זיינען געווען אַזוי אינדערהיים ווי ביי הירשביינען און זעלטן ווען האָט זיך אויף דער בינע געפילט אַזאַ קאָלעקטיווע פרייד ווי ביים „פאַרוואָרפענעם ווינקל״, „דעם שמידס טעכטער״, „די גרינע פעלדער״. עס איז געווען ווי דאָס טעאַטער זאָל זיך באַפרייען פון דער אָנגעצויגנקייט, פון דער שקאַצעריי, פון דער פּראָפעסיאָנעלקייט און ווערן נאַטירלעך, ריין און גאַנץ צוזאַמען מיט די מענטשן, וואָס עס האָט געשילדערט״.

**און שפּעטער שרייבט מנחם:**

„די פּרטים פון די הירשביין־פאָרשטעלונגען זיינען פאַרשריבן אין די כראָניקס און רעצענזיעס פון יענער צייט. עס גייט ניט אין די פּרטים. עס גייט אין דעם תוך, וועלכן הירשביין האָט געבראַכט אין טעאַטער, דער ערדישקייט, גאַנצייט און לויטערקייט, וואָס האָט דאָס טעאַטער אַרויסגעהויבן פון דער מעלאָדראַמאַטישער טעאַטראַלישקייט און עס דערהויבן צו נאַטירלעכער פרייד פון שאַפונג, און אויב דאָס טעאַטער איז דערנאָך גרייט געווען אויפצונעמען שלום עליכמן, ה. לייוויקן, י. ד. בערקאָוויטשן, ה. סעקלערן און די איראָפּעאישע דראַמע, איז די גרייטקייט געקומען נאָכדעם ווי עס האָט דערקענט די פרייד פון ערלעכער שאַפונג דורך הירשביינען.

...אין יאָרן אַרום איז די טעאַטראַלישקייט צוריקגעקומען אין די גרויסע ספּעקטאַקלען פון די אינסצענירטע ראָמאַנען. עס זיינען געווען „סעקסעסן״ אָדער „סוקסעסן״ פון טעאַטראַלישער מעכאַניק סיי אויף דער בינע, סיי אין אַקטיאָר. די כשרע, דערהויבנדיקע פרייד פון דער ערשטער ליבע איז געבליבן אויף יענע ברעטער, וווּ מ׳האָט צוערשט געשפּילט הירשביינען״.

**א. ה. ביאַלין שרייבט:**

„ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער יידישער פאָלקס־דראַמע פון פּרץ הירשביין. ניט צופעליק, ווי מען מיינט. עס איז דאַן געווען דער איינציקער אויסוועג. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג פאַר שוואַרצן וווּ עס ליגן זיינע כוחות; אין די טיפענישן פון פאָלקס־לעבן, אין דעם האַרץ פון דעם איינפאַכן פאָלקס־מענטשן. מיט הירשביינס דראַמע האָט שוואַרץ אָנגעשלאָגן דעם ערשטן ריכטיקן טאָן. הירשביין איז אָבער באַגרענעצט. מען קאָן דורך אים ניט אַרויסברענגען אַלע אייגנשאַפטן וואָס דער טעאַטער פאַרמאָגט. זיינע דראַמען זיינען אָפט מעשות דערציילט אין אַ דיאַלאָג־פאָרם, וואָס באַוועגן זיך צו לאַנגזאַם און מאָנאָטאָן. ניט אַלע מאָל קאָן די אידילישע רויִקייט, וואָס באַהערשט הירשביינס פאָרם אויסוואַקסן צו אַזאַ קינסטלערישן פאַרנעם, וואָס זאָל איבערוועגן אַלע אַנדערע טעאַטראַלע פאַרלאַנגען, ווי עס איז דער פאַל אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ אָדער אין „די גרינע פעלדער״. ניט אַלע מאָל קאָן פאָלקסטימלעכע און דאָס עקזאָטישע, וואָס אין הירשביינס דראַמע, טעאַטראַליש דערהויבן ווערן. דער טעאַטער האָט ניט געקאָנט אינאַנצן זיין אָנגעוואָרפן אויף הירשביינס דראַמעס. שוואַרץ איז דאַן נאָך ניט געווען רייף צו דערזען דעם גאַנצן אוצר פון טעאַטראַלער שאַפונג, וואָס געפינט זיך אין דעם יידישן פאָלקס־לעבן. ער האָט זיך געריסן אויף אַנדערע וועגן. פאַר אים איז געווען ווייניק דאָס יידישע לעבן. ער האָט געוואָלט די וועלט איינעמען״.

**א. גלאַנץ־לעיעלעס שרייבט:**

„מאָריס שוואַרץ האָט אינאיינעם מיט אַ גאַנצער גרופּע נייע יונגע אַקטיאָרן, ווי בן־עמי, לאַזאַר פריד, מאַרק שווייד, יחיאל גאָלדשמידט, גרשון רובין, ציליע אַדלער, חנה אַפּעל, בערטאַ גערסטין א׳אַ, באַשלאָסן צו גיין אויף אייגענע קעסט, גרינדן אַן אייגענע טרופּע. צי ער האָט יעמאָלט געוואָלט טאַקע געבן אַן אַנדערשדיקן בעסערן רעפּערטואַר, בין איך נישט זיכער. מיר דאַכט זיך, אַז ניין. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך פאַרנומען אויף אויסגעטראָטענע וועגן, און — איז ברוך השם דורכגעפאַלן מיט אַ קנאַק. [האָט מען איינגעטענהט מיט שוואַרצן אַז ער מוז שפּילן עפּעס אַנדערש] אָט יעמאָלט איז אונטערגעקומען פּרץ הירשביין. איך בין זיכער, אַז מאָריס שוואַרץ האָט געמאַכט די פּראָבע מיט פּרץ הירשביינס טעאַטער־אידיליעס נישט מיט אַ צו לייכט האַרץ. ער האָט פּשוט ניט געגלייבט, אַז עס וועט גיין. אָבער אָנערקענונג קומט אים, וואָס ער האָט ווייניקסטנס איינגעשטעלט, געפּרוּווט. און צי איז עס געגאַנגען ? . . . דאָס איז געווען אַזאַ „גיין״, אַז מיר וועלן עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. בינע און עולם האָבן זיך פּשוט געוואָרפן אין די אָרעמס פון פאַרגניגן, באַגייסטערונג, התעוררות. נאָך יעדער אויפפירונג האָבן די אַפּלאָדיסמענטן ניט געוואָלט אויפהערן. מאָריס שוואַרץ האָט געהאַלטן רעדעס יעדע נאַכט. הירשביין איז מיד געוואָרן פון ‚דערשיינען׳ אויף דער בינע און פון נייגן זיך צו דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם. . . .פאַר דער קאַסע האָט געגאָלטן דער כלל ליטעראַרישע פּיעסן טויגן אויף כפּרות. מען לייגט צו די בעבּיכעס. כ׳ווייס, אַ ליטעראַרישע פּיעסע גיט מען אַמאָל אין אַ יובל פאַר אַ בענעפיט, אויס רעספּעקט צו אַן אַקטיאָר מיט אַ נאָמען. מיט אַנדערע ווערטער: אַ ליטעראַרישע פּיעסע איז אַ כבוד־פּיעסע. פאַר דער קאַסע שפּילט מען עפּעס אַנדערש. אָבער דאָ — זע נאָר, מאָריס שוואַרץ מאַכט געלט מיט פּרץ הירשביינען, מיט ליטעראַטור, הייסט עס (ליטעראַטאַציע — אויפן לשון פון די „מענעדזשערס״). פאַקטיש האָט פּרץ הירשביין געהאַט אָט די שאַפערישע, באמת רעוואָלוציאָנערע, ווירקונג אויף אַנדערע טעאַטערס. מען האָט אָנגעהויבן צו זוכן גוטע פּיעסן, שיר ניט יאָגן זיך נאָך זיי״.

**ב. גאָרין, דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, באַהאַנדלט אַן ענין, וואָס האָט אין זיין צייט און אויך אַ סך שפּעטער אַרויסגערופן פאַרשיידענע מיינונגס־פאַרשיידנ־**

**הייטן: דאָס פּראָבלעם פון מאָריס שוואַרצס פּאַרדינסטן בנוגע דער גרינדונג פון דעם „יידישן קונסט־טעאַטער" און זיין ראָל בנוגע דעם רעפּערטואַר:**

„איינע פון די אָנגענעמסטע איבעראַשונגען פון דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן איז געווען „אוירווינג פּלייס טעאַטער". ווען דער יונגער שוישפּילער מאָריס שוואַרץ האָט מיט איבער אַ יאָר צוריק באַקאַנט געמאַכט, אַז ער וועט מיט אַ יידישע קאָמפּאַני שפּילן אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער", האָט מען נביאות געזאָגט, אַז ער וועט דאָרטן ברעכן דעם קאָפּ, און די אונטערנעמונג איז טאַקע געווען אַ ריזיקאַלישע. ביים פּאָריקן סעזאָן זיינען אַלע געווען איבערצייגט, אַז יידיש טעאַטער קאָן האָבן נאָר איין פּלאַץ, און דאָס איז צווישן דילענסי און צווייטע סטריט, ניט ווייטער פון דער באַוערי פון איין זייט און צווייטער עוועניו פון דער צווייטער זייט. דער „אוירווינג פּלייס טעאַטער" איז אויף דער פערצענטער סטריט און מען האָט דעריבער גערעכנט, אַז די יידישע טעאַטער־באַזוכער וועלן אַזוי ווייט ניט גיין, אָבער דער פאַרגאַנגענער סעזאָן האָט געוויזן, אַז אַן עולם איז מיט חשק געגאַנגען אין יענעם טעאַטער.

ווען שוואַרץ האָט איבערגענומען דעם „אוירווינג פּלייס טעאַטער", האָט ער ערקלערט, אַז ער וועט דאָרט אַרויסטרעטן אַלס קעמפער פאַר דער בעסערער דראַמע. עס איז איבריק צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען גערעדט בלשון גוזמא. ער, אַזוי ווי די אַלע אַנדערע מענעדזשערס, האָט ניט געגלייבט, אַז אַ יידישער טעאַטער זאָל זיך קאָנען האַלטן דורכויס מיטן זכות פון בעסערע דראַמען. ער, ווי אַלע אַנדערע אַקטיאָרן און מענעדזשערס האָט געגלייבט, אַז נאָר פאַנטאַזיאָרן קאָנען זיך איינריידן, אַז מיט בעסערע פּיעסן וועט מען יעדן זונטיק קאָנען באַצאָלן די ווידושעט פון אַלע אַנגעשטעלטע און טאַקע בשעת ער האָט מיט אַלעמען גערעדט וועגן איינפירן אַ פעסטע פּאָליסי צו שפּילן אמתע בעסערע פּיעסן, האָט ער זיך באַזאָרגט מיט שטיקער פון אַלע יענע פאַרפאַסערס, וועלכע מען כאַפּט אויס אין די אַלע אַנדערע יידישע טעאַטערס. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז די אמתע פּאָליסי, וואָס מען האָט בדעה געהאַט איינצופירן אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער", איז געווען צו געבן דעם זעלביקן סאָרט גאַנגבאַרע שטיקער, וואָס מען שפּילט געוויינלעך אין די אַנדערע טעאַטערס.

נאָר מאָריס שוואַרץ איז אַ יונגער שוישפּילער מיט אַמביציע און ער האָט בשום אופן ניט געמיינט איינגאַנצן אָפּצונאַרן אונדז, און, ווי שוין דערמאָנט, האָט ער ניט געברויכט דעם גוזמאַדיקן לשון צו וועלכן מען איז געוווינט אין טעאַטער. אַלס יונגער און אַמביציעזער אַקטיאָר האָט ער געוווּסט, אַז אויב מען קאָן ניט צאָלן זונטיק די שכירות פון די בעסערע פּיעסן, קאָן אָבער אַן אַקטיאָר אַרויסווייזן זיך אין זיי און שאַפן זיך אַ נאָמען, און ביי אים איז געווען באַשלאָסן מקריב צו זיין איין אָוונט אין וואָך פאַר דער בעסערער דראַמע. דאָס וועט אים געבן אַ פּתחון פּה [אויסריידן] פון צו ריידן וועגן טעאַטער ווי וועגן אַ טעמפּל פון העכערער קונסט, און מען זאָל צו אים ניט צוטרעטן מיט טענות, אַז ער האָט זיינע הבטחות ניט מקיים געווען. דערצו האָט ער באַגריפן, אַז נאָך אַלעמען איז דאָך אַ וועלט ניט משוגע און אַז מענטשן האַלטן אין איין שרייען: „בעסערע דראַמע, בעסערע דראַמע", מוז דאָך זיין ערגעץ אַ פּובליקום. וואָס פאַרלאַנגט אַזעלכע פּיעסן. פאַרשטייט זיך אָבער, אַז אַזאַ פּובליקום איז ניט גענוג פאַר אַ גאַנצע וואָך, נאָר עס דאַרף זיין איבערגענוג פאַר איין אָוונט אין אַ וואָך, און דאָס האָט געהייסן, אַז ניט נאָר וועט דאָס זיין אַ גוטע רעקלאַמע און די אַקטיאָרן וועלן האָבן די מעגלעכקייט אויסצוצייכענען זיך, נאָר דאָס וועט אויך זיין אַ גוטע ביזנעס. און עס איז געווען אַ גרויסע איבעראַשונג פאַר די מענעדזשערס און פאַר דער קאָמפּאַני ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנגבאַרע שטיקער פון די אַלע אַנדערע טעאַטערס, זיינען קיין סחורה ניט פאַר „אוירווינג פּלייס טעאַטער", און ערפאָלג האָט דאָס טעאַטער געהאַט גראָד מיט יענע פּיעסן איבער וועלכע מען האָט איראָניזירט אין די אַנדערע טעאַטערס.

נאָך עטלעכע וואָכן וואַקלען זיך און טאַפּן אין דער פינסטער איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער", אַז דער איינציקער דירעקטער וועג איז ניט דער אויסגעטראָטענער, נאָר אַ נייער איבער וועלכן די אַנדערע האָבן מורא געהאַט צו טרעטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" קומט אַ פּובליקום, וואָס מען זעט ניט געוויינלעך אין די אַנדערע טעאַטערס, און אַז דאָס דאָזיקע פּובליקום פאַרלאַנגט עפּעס אַווינס, וואָס מען גיט ניט אין די אַנדערע טעאַטערס. און דאָ פאַרדינט דער יונגער מאָריס שוואַרץ דעם גרעסטן שבח. ער האָט ניט נאָר באַגריפן דעם פאַרלאַנג פון דעם פּובליקום, וואָס איז געקומען אין זיין טעאַטער, נאָר ער האָט צו אים אַרויסגעוויזן דעם פולסטן צוטרוי און איז אַלץ וואָס ווייטער מיט מער זיכערע טריט געגאַנגען איבער דעם נייעם וועג. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז ניט־פאַרגינער וועלן זאָגן, אַז די נייע פּאָליסי אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" איז איינגעפירט געוואָרן דורך אַ צופאַל און דער מענעדזשער האָט דערמיט גאָרניט געהאַט צו טאָן, און אויב דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ צופאַל, קומט אים ניט קיין שום דאַנק און ער פאַרדינט ניט דערפאַר קיין שום אָנערקענונג. אָבער דאָס וועט זיין גרונט פאַלש.

איך האָב שוין אויבן אָנגעוויזן ווי אַזוי די נייע פּאָליסי איז איינגעפירט געוואָרן אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" קעגן אַלע ערוואַרטונגען פון דעם מענעדזשער און די קאָמפּאַני, אָבער מ׳האָט געדאַרפט האָבן אויגן צו זען, וואָס דאָס אומבאַקאַנטע פּובליקום פון „אוירווינג פּלייס טעאַטער" פאָדערט און צו האָבן אמונה אין יענעם פּובליקום. אין יעדן טעאַטער, אין יעדן סעזאָן, פּאַסירט, אַז איין שטיק פאַלט דורך נאָך דער צווייטער, און טאַקע היינטיקן סעזאָן איז אַזאַ פאַל געווען אין אַלע טעאַטערס. אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן זוכט מען געוויינלעך ניט קיין בעסערע שטיקער, נאָר נאָך ערגערע, ווייל אין טעאַטער איז איינגעוואָרצלט די אמונה, אַז פאַר די ברייטע מאַסן דאַרף מען האָבן שטיקער, וואָס זאָלן אים מער קלאַפּן אין קאָפּ אָדער רייסן אים דאָס האַרץ אָדער צופּן אים די אָדערן, און ווען עס פאַלן דורך שטיקער פון דעם גאַנגבאַרן סאָרט, שליסט מען דערפון, אַז זיי האָבן ניט גענוג געקלאַפּט אין קאָפּ, ניט גענוג געריסן דאָס האַרץ און ניט גענוג געצופּט די אָדערן. אַן אַנדער מענעדזשער אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" וואָלט זיך געזוכט צו ראַטעווען מיט ערגערע שטיק, און מאָריס שוואַרץ האָט אַרויסגעוויזן זעלבסשטענדיקייט ווען ער האָט געהאַט דעם מוט אָפּצוטרייסלען זיך פון דעם אַלטן פאָרורטייל און ציען זיין אייגענעם שלוס.

די נייע פּאָליסי אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" האָט זיך אָנגעהויבן מיט „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". די דאָזיקע קאָמעדיע איז געשטעלט געוואָרן אַ מיטוואָך אָוונט, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר בעסערע פּיעסן. עס איז איבריק צו זאָגן, אַז מאָריס שוואַרץ האָט אַפילו ניט בדעה געהאַט צו שפּילן אַזאַ פּיעסע פּרייטיק,

שבת און זונטיק, נאָר עס האָט זיך געפאָדערט אַ גראַדער שכל, אַ טיפערער בליק און ביז אַ געוויסן גראַד מוט און קוראַזש צו שטעלן ווידער די דאָזיקע פּיעסע נאָכדעם ווי דער באַזוך ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג איז געווען דער שוואַכסטער, וואָס מען האָט געזען ביז דעמאָלט אין די מיטוואָך־אָוונטן. די ליידיקע סיטס [פּלעצער] אין גאַנצן טעאַטער האָבן ממש געריסן די אויגן ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", און דאָס איז געווען נאָך טרויעריקער דערפאַר, וואָס די דאָזיקע קאָמעדיע איז געווען די ערשטע יידישע, וואָס מען האָט געשטעלט אויף די מיטוואָכדיקע ליטעראַרישע אָוונטן. ביז דעמאָלט זיינען די דאָזיקע אָוונטן געווען אָפּגעגעבן פאַר פרעמדע פּיעסן, און מיט שטעלן מיטוואָך אָוונט אַ יידישע פּיעסע האָט ער נאָכגעגעבן די פאָדערונג פון די קריטיקער. ער האָט זיך טאַקע יענעם אָוונט געווענדט צו אונדז און געפרעגט „היתכן"? נאָר אין דער וועלביקער צייט האָט ער פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די וואַרעמע אויפנאַמע, וואָס די פּיעסע האָט געקראָגן און ער האָט ווידער געשטעלט די דאָזיקע פּיעסע. עס איז געווען זייער ריזיקאַליש צו שטעלן „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" פרייטיק, שבת און זונטיק, און מען דאַרף זאָגן, אַז אין די טעאַטער־קרייזן האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף איינעם, וואָס קריכט אויף גלייכע ווענט, נאָר ער האָט עס געטאָן און דערפאַר פאַרדינט ער יעדן קרעדיט און יעדן שבח. און די נייע פּאָליסי אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" איז שטרענג אויסגעהאַלטן געוואָרן ניט נאָר פרייטיק, שבת און זונטיק, נאָר אויך אין די וואָכעדיקע אָוונטן ווען מען שפּילט געוויינלעך פאַר בענעפיטס, און מאָריס שוואַרץ האָט יעדע אורזאַך צו זיין שטאָלץ, וואָס ער איז געווען דער ערשטער צו ווייזן, אַז אַ טעאַטער קאָן זיך איינגאַנצן אָפּגעבן מיט בעסערע פּיעסן און די קאַסע זאָל דערפון גאָרניט ליידן".

**ב. גאָרין ווייזט אָן אויף דער רעוואָלוציע וואָס הירשביינס פּיעסן האָבן געמאַכט אין דעם רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער:**

„מען האָט שוין אַ סך געשריבן היינטיקן סעזאָן וועגן הירשביינס קאָמעדיעס, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן דעם ווינטער אין „אירווינג פּלייס טעאַטער", אָבער דער וויכטיקסטער פּונקט איז ניט אָנגערירט געוואָרן. פילע זיינען אונטער דעם איינדרוק, אַז די וויכטיקייט פון די דריי הירשביין־קאָמעדיעס באַשטייט דערין וואָס מיט זיי הייבט זיך אָן די ליטעראַרישע פּיעסע אין יידישן טעאַטער. קיין פאַלשערער באַגריף ווי אַזאַ קאָן גאָרניט זיין. אויף דער יידישער בינע זיינען אויפגעפירט און געשפּילט געוואָרן פיל בעסערע פּיעסן ווי די דאָזיקע הירשביין־קאָמעדיעס, און ווען עס זאָל זיך נאָר האַנדלען וועגן דער ליטעראַרישער זייט אָדער בינעמעסיקייט, וואָלטן זיי ווייט ניט געמאַכט אַזאַ פוראָר און ווייט, ווייט ניט אויפגעוועקט אַזאַ אינטערעס ביי אונדז. דער גרויסער אינטערעס־פאַרדינסט פון הירשביינס קאָמעדיעס, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן היינטיקן סעזאָן, באַשטייט גאָר אין עפּעס אַנדערש.

הירשביינס קאָמעדיעס זיינען געווען אַן אמתע איבעראַשונג מער ווי אין איין הינזיכט. פריער פון אַלץ דאַרף מען וויסן, אַז אויף דער יידישער בינע זיינען ניט אָנגענומען קיין קאָמעדיעס. דאָס הייסט, אַלע דירעקטאָרן פון אַלע יידישע טעאַטערס האָבן קיין שום צוטרוי ניט צו קיין קאָמעדיעס, ווייל זיי זיינען איבערציינט, אַז דער עולם וויל פון אַזעלכע פּיעסן ניט וויסן, זיי זאָגן, אַז דער יידישער עולם גייט אין טעאַטער אויסוויינען זיך אַ ביסל,



און אַ שטיק, וואָס גיט נאָר אַ לייכטע אונטערהאַלטונג, האָט קיין ממשות ניט אויף דער יידישער בינע און שוין דער פאַקט אַליין, וואָס דער גאַנצע סעזאָן, מיט דער אויסנאַם פון די ערשטע צוויי הדשים, איז געווען איינגאַנצן אָפּגעגעבן אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" צו קאָמעדיע, איז אַ גרויסע איבעראַשונג.

און נאָך אַ סך, אַ סך גרעסערע איז די איבעראַשונג, וואָס הירשביינס קאָמעדיעס האָבן כמעט קיין פּלאַט [סוזשעט] ניט. אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" האָט דעם מילנערס בחור ליב דעם קברנס מיידל, נאָר די עלטערן זיינען אויף מעסערס, אָבער צום סוף גיט דער קברן נאָך. אין „דעם שמידס טעכטער" אַרבעט ביים שמיד אַ געזעלן און זיינעביידע טעכטער הנדלען זיך צו אים, נאָר דאָ קומט אָן צום שמיד אַ צווייטער געזעלן און ביידע שוועסטער קריגן חתנים. אין „די גרינע פעלדער" קומט אָן אַן אָרעם־בחור צו אַ ישובניק אין דאָרף. אים געפעלט דעם ישובניקס געזונטע מיידל און זי פאַרליבט זיך אין דעם אויסגעוויקטן בחור און צווישן זיי ווערט אַ שדוך. עס איז גרינג צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פּלאַטס וואָלטן קוים גענוג געווען פאַר אַנדערע צו מאַכן פון זיי סקיצן, און אויף דער יידישער בינע איז געווען פעסט אָנגענומען, אַז אַ פּיעסע מוז האָבן אַ גרויסן, שטאַרקן פּלאַט. יעדער, וואָס ווייס עטוואָס פון יידישן טעאַטער, דאַרף זיין שטאַרק איבעראַשט וואָס די דאָזיקע קאָמעדיעס כמעט אָן פּלאַטס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן ערפאָלג. אין דערין באַשטייט דער גרויסער פאַרדינסט פון הירשביינס קאָמעדיעס, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן היינטיקן סעזאָן אין „אירווינג פּלייס טעאַטער". זיי האָבן דורכגעבראָכן אַן אייזערנע וואַנט מיט וועלכער דער יידישער טעאַטער איז געווען אַרומגערינגלט. נאָך דעם גרויסן ערפאָלג פון די דערמאָנטע קאָמעדיעס וועט שוין קיין מענעדזשער ניט ריידן מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז אַ פּלאַט מוז זיין אַ פאַרדרייטער און אַ שטאַרקער.

וועט מען פרעגן וואָס איז דאָס פאַרע גרויסע מעלה, אַז אַ פּלאַט איז איינפאַך? די מעלה איז אַ סך גרעסער ווי מ'קאָן זיך פאָרשטעלן. עס איז אויבן געווען דערמאָנט, אַז אין יידישן טעאַטער איז מען געווען איבערציינט, אַז דער עולם וויל ניט זען קיין קאָמעדיעס און ער קומט אין טעאַטער אויסוויינען זיך אַ ביסל, נאָר דאָס האָט בשום אופן ניט געהייסן, אַז דער זעלביקער עולם וויל ניט אַ לאַך טאָן. פאַרקערט, די פאָדערונג איז דורכויס געווען, אַז טרערן און געלעכטער זאָלן גיין האַנט אין האַנט, און גראָד ווי עס האָט ניט געלוינט, אַז דער עולם זאָל האַלטן אין איין לאַכן, אַזוי האָט אויך ניט געלוינט, אַז דער עולם זאָל האַלטן אין איין גיסן טרערן, און אין טעאַטער איז אָנגענומען געוואָרן אַ פעסטער כלל, אַז יעדע שטיק אויף דער יידישער בינע מוז האָבן צוויי עלעמענטן, אַ טראַגישן און אַ קאָמישן, און פון דעם דאָזיקן כלל האָט קיינער ניט געטאָרט אָפּטרעטן. ביי דעם דאָזיקן כלל האָבן זיך פעסט געהאַלטן סיי די שונד־שרייבער און סיי די בעסערע דראַמאַטורגן. דער פּועל יוצא פון אַזאַ מישן דאָס טראַגישע מיט דעם קאָמישן, איז געווען, אַז מיר האָבן ניט געקאָנט האָבן אויף דער בינע ניט קיין טראַגעדיעס און ניט קיין קאָמעדיעס אין דעם מאָדערנעם אייראָפּעיִשן זין. די קאָמעדיעס אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" האָבן באַוויזן, אַז דער גרויסער כלל, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק אָנגענומען אין יידישן טעאַטער, האָט קיין שום יסוד ניט, אַלנפאַלס ניט פאַר דעם יידישן פּובליקום אין ניו־יאָרק. זיי האָבן באַוויזן, אַז אַ ריינע קאָמעדיע מיטן סאַמע איינפאַכן פּלאַט קאָן דאָ האָבן אַ גרויסן ערפאָלג און מען דאַרף

אין זיי [איר] ניט אַריינמישן קיין שום טראַגעדיעס. און פאַרשטייט זיך, אַז אויב עס קאָנען האָבן ערפאָלג ריינע קאָמעדיעס, דאַרפן אויך האָבן ערפאָלג ריינע טראַגעדיעס אָן אַ שום צומיש פון דעם קאָמישן עלעמענט. מען דאַרף דעריבער ניט קריכן אויף גלייכע ווענט און עס איז לחלוטין איבריק צו פאַרפלאָנטערן דעם אינהאַלט. וואָס מער אַ פלאַט ווערט פאַרדרייט, אַלץ מער ליידט דערפון די שילדערונג פון די כאַראַקטערע, און אַלץ מער ווערט אַזאַ פיעסע דערווייטערט פון אמתן לעבן.

ווען עס הייבן אָן צו האָבן ערפאָלג פיעסן מיט איינפאַכע פלאַטס, וועלן די מייסטע דראַמען־מאַכער, וואָס הערשן איצט איבער דער יידישער בינע, מוזן אויפגעבן זייער פראָפעסיע. עס פאָדערט זיך ניט קיין טאַלענט אָנצושרייבן אַ שטיק מיט אַ פאַרפלאָנטערטן, פאַרדרייטן פלאַט, וואָס מען זעט געוויינלעך אין יידישן טעאַטער. אין די דאָזיקע שטיקער איז ניטאָ קיין לעבן, און אַ פאַרפאַסער, אויב ער האָט גענוג וויסטע פאַנטאַזיע צונויפצופירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, קאָן זיך גרינג אַן עצה געבן און נעמען באַזונדערע פאַרטיקע פלאַטס און איבערטאַסעווען זיי. עס פאַרשטייט זיך, אַז די בעסערע שרייבער האָבן תמיד געשילדערט לעבעדיקע מענטשן אין זייערע דראַמען, אָבער מיט זייערע פאַרוויקלטע פלאַטס האָבן זיי שטענדיק געהאַלטן אָפן דעם וועג פאַר מעלאָדראַמעס. דאָס האָט זיי אויך געטריבן צו זוכן דאָס אויסערגעוויינלעכע, דאָס רוישיקע, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַלץ, וואָס איז געוויינלעך און שטיל. דער רעזולטאַט דערפון האָט נאָר געקאָנט זיין איינער: אַז די בינע זאָל דערווייטערט ווערן פון לעבן.

הירשביינס קאָמעדיעס, וואָס זיינען געשפילט געוואָרן פאַרגאַנגענעם סעזאָן אין „אוירווינג פלייס טעאַטער“, זיינען בשום אופן ניט געווען פון אַ ליטעראַרישן שטאַנדפונקט בעסער פון אַנדערע גוטע יידישע פיעסן. אין די יידישע טעאַטערס האָט מען געשפילט פיל בעסערע דראַמען, נאָר הירשביינס קאָמעדיעס זיינען די ערשטע צו פראָקלאַמירן אין יידישן טעאַטער דעם איינפאַכן פלאַט, און דאָס איז געווען עפעס אַזוינס, וואָס אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט מען ניט געוווסט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער איינפאַכער פלאַט וועט נאָך אַזוי גיך ניט איינגעפירט ווערן אין יידישן טעאַטער, נאָר עס איז מער ווי גענוג וואָס הירשביין האָט אונדז געוויזן, אַז צום ערפאָלג פון אַ פיעסע זאָל אומבאַדינגט ניט גרייפן דאָס ניט־געוויינלעכע, און אין אַ בעסער טעאַטער וועט מען איצט האָבן מער צוטרוי צו שטילע דראַמען“.

**יואל ענטין שרייבט:**

„אַ גלענצנדן באַווייז, אַז פון קיין פיעסן — בעסערע, ליטעראַרישע פיעסן — איז קיין מניעה ניט, האָט אונדז היי־יאָר געליווערט דאָס „אוירווינג פלייס טעאַטער“. עס זיינען געשפילט געוואָרן חדשים־לאַנג, מיטן ענטוזיאַסטישן, גליקלעכסטן ערפאָלג, דריי פיעסן פון פרץ הירשביין, דריי אַלטע פיעסן, וואָס ליגן שוין צווישן זייערע טאָוולען אויף דער פאָליצע זייט יאָרן. דריי פיעסן פון הירשביינען, וועלכער שרייבט שוין אַ יאָר זיבעצן, נאָר קיינער, אַ חוץ די דראַמאַטישע קלאָבס, האָבן ביז איצט זיינע פיעסן אין האַנט ניט גענומען, האַלטנדיק זיי פאַר דראַמאַטישע מפילס. פון הירשביינען, וועלכער האָט זיך שוין מיאש געווען פון דער יידישער בינע און איז פון איר געשטאַנען [אַ] מרחק רב, וואָס דאָס איז נאָך ניט איבעריקס [אינגאַנצן] געזאָגט געוואָרן פאַרן דראַמאַטורגס דראַמאַטישן סטיל. פרעגט זיך, וואָס האָט



דען [ניט] הירשביין נאָך פיעסן, וואָס קאָנען געשפילט ווערן? און וויפל פיעסן וואָלט ער אין די אַלע יאָרן נאָך אַרויסגעגעבן ווען ער ווייס, אַז ער שרייבט ניט פאַר לעזער נאָר פאַר צוקוקער? און — וואָס איז אפשר נאָך וויכטיקער — אַזעלכע שטילע דראַמאַטורגן ווי הירשביין, וועלכע נעמען נאָך אַלעמען ניט מיט זייער דראַמאַטישקייט נאָר מיט זייער ליטעראַרישקייט, וואָלט מען דאָך געקאָנט אַרויסוויקלען גאָר פיל פון אונדזערע בעלעטריסטן ווען דאָס טעאַטער זאָל זיי נאָר געווען מקרב זיין.

אין זעלבן שוואַרצס טעאַטער האָט מען היי־יאָר אויך געשפילט גאַנצע פיר פיעסן פון פינסקין, אַ צווייטער, וועלכן אונדזער טעאַטער האָט ביז איצט שטיף־קינדעריש באַהאַנדלט, האַלטנדיק אים פאַר צו שטיל פאַר דער בינע. און — ענדלעך, איז עס דאָך גאָר קיין מוז ניט, אַז מען זאָל אַ לעבן לאַנג אָפלעבן מיט אייגענע יידישע דראַמאַטורגן. אין דעמזעלבן „אוירווינג פלייס טעאַטער“ האָט מען היי־יאָר אויך געשפילט איבסענען, סטרינדבערגן, טאָלסטאָין, בערנאַרד שאָון, שניצלערן, אַנדרעיעוון, און אָסקאַר וויילדן, און דער ערשטער און דער פאַרלעצטער זיינען אויך געווען גאַנץ ערפאָלגרייך. ניין, די טענה, וואָס איניקע זעצן אויס, אַז אונדזער בינע האָט קיין גוטע דראַמאַטורגן ניט, קלינגט מיר קאָמיש־פאַלש“.

**וועגן זיין דראַמאַטורגיע שרייבט פרץ הירשביין אין זיינע זכרונות:**

„די דראַמע, האָט מיר יעמאָלט אויסגעוויזן, שטייט אין פאָרמע אַ סך העכער פון ראָמאַן מיט זיין אופן פאַנאַנדערצולייגן אויף טעלערלעך דאָס לעבן פון איינעם אָדער פון אַ גרופע מענטשן. דער פראָצעס פון באַשרייבן און דערציילן איז אומגעלומפערט אין פאַרגלייך מיט דער שאַרפקייט פון דיאַלאָג. אַ סך העכער זיינען יעמאָלט געשטאַנען אין מיינע אויגן די דראַמעס פון די אייראָפעישע דראַמאַטורגן, העכער פון די פאַרשיידענע באַרימטע ראָמאַנען. אויב דאָס לעבן, אין פראָצעס פון יערן און אויפברויז, שלאָגט אין דער הויך און ניט אין דער ברייט, [און פאַר] אַזאַ לעבן צו כאַראַקטעריזירן, איז די פאָרמע פון דיאַלאָג מער צוגעפאַסט ווי די דערציילונג, איז אַ סך נאַטירלעכער צו הערן ווי דער העלד אַליין רעדט און דעקט אָפ פאַר אונדז דאָס טראַגישע צי דאָס קאָמישע פון זיין לעבן, ווי די דערציילונגען, ווו דער שרייבער באַמיט זיך פאַר אונדז מיט ניין מאָס רייד אויסצומאָלן דאָס לעבן. די דראַמאַטישע פאָרמע דערלויבט ניט איבערצודערציילן אַן איבריק מאָל דאָס, וואָס איז שוין איינמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן. די גרויסע ראָמאַנען פון באַרימטע שרייבער האָט מיר יעמאָלט אויסגעוויזן, זיינען בלויז אַ ים פון איבריקע ווערטער“.

**דערויף באַמערקט ש. ניגער:**

„די דראַמאַטישע פאָרם, זאָל ער, הייסט עס, האָבן געהאַלטן פאַסיקער ניט בלויז פאַר דער כאַראַקטעריזירונג פון אַ לעבן, וואָס איז „אין פראָצעס פון יערן און אויפברויז“, נאָר פאַר יעדער לעבנס־כאַראַקטעריזירונג, און פאַסיקער איז זי אין זיינע אויגן געווען, דוכט זיך מיר, ניט נאָר ווייל זי „דערלויבט ניט קיין איבריקע רייד“, נאָר אויך צוליב אַ טעם, אין וועלכן ער אַליין האָט זיך אפשר ניט אָפגעגעבן קיין חשבון. ער איז געווען מער ליריש ווי דראַמאַטיש, און דווקא אָט די לירישקייט פון זיין געמיט האָט אים סטימולירט צו שרייבן דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן. ער האָט אפשר „אומבאַוווסטזיניק“ — געפילט, אַז דער שטראָם

פון זיין סוביעקטיוויזים, פון זיין אינעווייניקסטן ליריזם, האָט געמוזט איינגעצאַמט ווערן, פאַרהאַלטן ווערן, ער זאָל זיך ניט איבערגיסן איבער די ברעגן. די אינסצענירונג איז געווען דערצו אַ גוט מיטל, אַ מיטל צו אָביעקטיוויזירן און, אַזוי צו זאָגן, צו באַרויקן דעם דיכטערס געמיט".

**אין דעם זאַמלבוך „פּרץ הירשביין" צו זיין זעכציק יאָריקן געבוירנטאָג שרייבט א. גלאַנץ־לעיעלעס:**

„...נאָך דער מלחמה האָט אפשר הירשביין אַליין ניט געטראַכט, אַז ער וועט ווערן דער צענטר פון אַ נייעם און טיפן אויפלעב אין דער געשיכטע פון היגן [אַמעריקאַנער] יידישן טעאַטער. מאָריס שוואַרץ האָט איניינעם מיט אַ גאַנצער גרופּע נייע יונגע אַקטיאָרן, ווי בן־עמי, לאַזאַר פריד, מאַרק שווייד, יחיאל גאָלדשמידט, גרשון רובין, ציליע אַדלער, חנה אַפּעל, בערטאַ גערסטען א״א, באַשלאָסן צו גיין אויף אייגענע קעסט, גרינדן אַן אייגענע טרופּע. צי ער האָט יעמאָלט געוואָלט טאַקע געבן אַן אַנדערשטיקן בעסערן רעפּערטואַר, בין איך ניט זיכער. מיר דאַכט זיך, אַז ניין. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך פאַרנומען אויף אויסגעטראָטענע וועגן און — איז ברוך השם דורכגעפאַלן מיט אַ קנאַק. האָט מען איינגעטענהט מיט מאָריס שוואַרצן: „אויב דאָס אייגענע, וואָס אַנדערע פאַר דיר און מיט דיר, צו וואָס, איך בעט דיך, דאַרף מען דיך אינגאַנצן? עס מוז זיין עפּעס אַנדערש, פאַניע שוואַרץ, אַז ניט..." אָט יעמאָלט איז עס אונטערגעקומען פּרץ הירשביין.

איך בין זיכער, אַז מאָריס שוואַרץ האָט געמאַכט די פּראָבע מיט פּרץ הירשביינס טעאַטער־אידיליעס ניט מיט אַ צו לייכט געמיט. אָנערקענונג קומט אים, וואָס ער האָט ווייניקסטנס איינגעשטעלט, געפּרוווט. און צי עס איז „געגאַנגען"? פרעגט שוין ניט! דאָס איז געווען אַזאַ „גיין", אַז מיר וועלן עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. בינע און עולם האָבן זיך פּשוט געוואָרפן אין די אָרעמס פון פאַרגניגן, באַגייסטערונג, התעוררות. נאָך יעדער אויפפירונג האָבן די אַפּלאָדיסמענטן ניט געוואָלט אויפהערן. מאָריס שוואַרץ האָט געהאַלטן רעדעס יעדע נאַכט. הירשביין איז מיד געוואָרן פון „דערשיינען" אויף דער בינע און פון נייגן זיך צו דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם.

וואָס איז געווען אַזוינס? מען מעג עס פאַרשרייבן אויפן חשבון פון וואָס מען וויל: די רעאַקציע נאָך דער מלחמה־צערודערונג. ממילא אַן אויפנעם־גרייטקייט פאַר די גרין־פעלדערדיקע אידילישקייטן; אַ ווילן פון דער יידישער אינטעליגענץ צו האָבן אַ בעסער, טאַקע אַ ליטעראַריש טעאַטער; גרעסערע ליבשאַפט צו יידישקייט אַ דאַנק דער נאָך־מלחמהדיקער נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג, אַ דאַנק דעם נייעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. אָבער חוץ דעם אַלעם — טאַקע פּרץ הירשביין אַליין. די זויבערקייט פון זיין אייגענעם לעבנס־באַנעם. די פאָלקסטימלעכקייט פון זיין לשון, זיין אייגענע מענטשלעכע וואַרעמקייט, וואָס ער האָט אַריינגעטאָן אין די פאַרשוינען פון יאָדערדיקע פאָלקס־טיפּן. איך דערמאָן זיך ווי ביי אַ באַנקעט, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אין דער פולקייט פון זיין האַרץ, נאָך דעם פענאָמענאַלן דערפאָלג פון „די גרינע פעלדער" געגעבן לכבוד דעם „שולדיקן" פון דעם סוקסעס, האָט פּרץ הירשביין געזאָגט: „עס איז ניט בלויז מיין אויפטו. איך האָב דאָ געגעבן פּשוטע יידישע מענטשן. איר זייט דען אַ מבין ווי אַ יידישע מאַמע קאָן מיט איר וואַרעמקייט אָנפילן די בינע?". דאָס זיינען געווען ערלעכע און אמתע ווערטער. „די גרינע פעלדער", „דעם שמידס טעכטער" און אַנדערע. דאָ זיינען צוריקגעקומען צו די אַמעריקאַנער יידן יידישע מאַמעס, יידישע טאַטעס, און עס האָט זיך געטאָן. די אַקטיאָרן אַליין זיינען געווען גרינטלעך צעוואַרעמט. זיי האָבן אַליין הנאה געהאַט און מיר אַלע — מיט זיי. און אָט דאָס פּשוטע, דאָס יידישע און פאָלקסטימלעכע, האָט זיך גיך איבערגעזעצט אין דעם באַוווסטזיין פון אַלע ווי אַ נייע עפּאָכע אין יידישן טעאַטער. באמת: רענעסאַנס.

ווער האָט דען יעמאָלט ניט געהאַלטן שיר ניט פאַר זיין „נאַציאָנאַלן חוב" צו לויבן הירשביינס פּיעסן, שיקן דעם עולם אין יידישן טעאַטער? איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט צו ווערן אַ טעאַטער־רעצענזענט (ווי איך בין עס שפּעטער דוקא יאָ געוואָרן אויף דריי יאָר צייט), נאָר צו זינגען הללויהס צו מאָריס שוואַרצס הירשביין־אויפפירונגען מיטן גאַנצן האַרץ, מיט דער גרעסטער וויליקייט. איין רעצענזיע מיינע אויף דער טעאַטער־זייט פון „טאָג" האָב איך אָנגערופן: „גייט זען פּרץ הירשביינס דראַמע אין דעם יידישן קונסט־טעאַטער". איז צו מאָרגנס געקומען צו מיר דער [איצט] פאַרשטאָרבענער טעאַטער־אונטערנעמער [הערי] גאָטי, וואָס האָט געשטאַמט פון וואָלאָצלאַוועק, געקענט מיין וואָלאָצלאַווקער זיידע, און דערפאַר באַשלאָסן, אַז ער האָט אַ רעכט מיך צו דוצן, און אויסגעשאָסן: „דו ווייסט, וואָס אַזאַ רעצענזיע איז ווערט פאַר אַ טעאַטער? ווען דו זאָלסט ביי מיר בעטן פאַר אַזאַ קעפּל 500 דאָלאַר, וואָלט איך דען פאַר אַ מינוט זיך פאַרטראַכט?". דאָס איז געווען די מאָס התפעלות און פאַרחדושטקייט, וואָס דער הירשביין־„בום" האָט אַרויסגערופן ביי אַנדערע טעאַטער־פאַרוואַלטער. זייער חשבון איז געווען אַ זייער פּשוטער. פאַר דער קאַסע, האָט געגאָלטן דער כלל, טויגן ליטעראַרישע פּיעסן אויף כפּרות. מען לייגט צו די בעביכעס. כ׳ווייס, אַ ליטעראַרישע פּיעסע גיט מען אַמאָל אין אַ יובל פאַר אַ בענעפיס, אויס רעספּעקט צו אַן אַקטיאָר מיט אַ נאָמען. מיט אַנדערע ווערטער: אַ ליטעראַרישע פּיעסע איז אַ כבוד־פּיעסע. פאַר דער קאַסע שפּילט מען עפּעס אַנדערש. אָבער דאָ — זע נאָר: מאָריס שוואַרץ מאַכט געלט מיט פּרץ הירשביינען, מיט ליטעראַטור. הייסט עס (ליטעראַטאַציע — אויפן לשון פון די מענעדזשערס). פאַקטיש האָט פּרץ הירשביין געהאַט אָט די שאַפערישע, באמת רעוואָלוציאָנערע ווירקונג אויף אַנדערע טעאַטערס. מען האָט אָנגעהויבן זוכן גוטע פּיעסן, שיר ניט יאָגן זיך נאָך זיי".

**מאָריס שוואַרץ דערציילט וועגן דער צייט ווען ער האָט נאָך געשפּילט מיט קעסלערן:**

„...איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען הירשביינס פּיעסן: „יואל", „די נבלה", „פאַרוואָרפן ווינקל", „שמידס טעכטער", „פּוסטע קרעטשמע" און דערפילט די שיינקייט און עכטקייט פון דער נאַטור. מיין גאַנצע יוגנט האָט פאַר מיר ניי אויפגעלעבט. מיין שטעטל אין אוקראַינע, מיין מלמדס פאָטער איז דער „זיידע" פון „שמידס טעכטער", מיינער אַן אַלטער פעטער איז „ר׳ טודרוס" אין „פאַרוואָרפן ווינקל". אַלע פאַרשוינען האָבן זיך אָנגעקליידט אין בלוט און פלייש. איך האָב זיי דערזען לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן. ווען איך האָב שפּאַצירט אויף סעקאָנד עוועניו, האָב איך געזען די הירשביין־העלדן אין אַמעריקאַנער קליידער. אַ בענקשאַפט האָט מיך אַרומגענומען, אַ פאַרלאַנג צו שפּילן הירשביינס פּיעסן, און איך מוז דאָ אונטערשטרייכן, אַז אַ דאַנק הירש־

ביינס באַזוך צו קעסלערן אין טעאַטער, איז ביי געבוירן געוואָרן און געשטאַרקט געוואָרן דער געפיל, אַז איך מוז אַוועק פון שונד־טעאַטער.

יואל ענטין האָט מיט יונגע אַמאַטאָרן אויפגעפירט הירשביינס פיעסן אין פּראָגרעסיוו־דראַמאַטיק קלוב מיט גרויס דערפאָלג. איך האָב, צו מיין באַדויערן, יענע פאָרשטעלונגען ניט געזען צוליב מיין זיין פאַרנומען מיט שפּילן יעדן אָוונט. נאָר ווען איך האָב גענומען דעם „אירווינג פּלייס טעאַטער" האָב איך פריער פאַר אַלע געלייענט [פאַר] מיין שותף מאַקס ווילנער „דעם שמידס טעכטער". איך האָב אים געלייענט די פּיעסע אין זיין קוני אײלאַנד־היים. ער איז געזעסן אין זיין באַד־אַנצוג און זיך געקוויקט מיט אַ ביף־סטעיק. נאָכן ערשטן אַקט האָט ער גענומען כאַפּן. אַזוי ווי ער האָט געהאַט די דעה צוליב די ממתקים [געלט], וואָס ער האָט אויסגעלייגט אויף צו דינגען דעם אירווינג פּלייס טעאַטער, האָב איך געמוזט מאַכן אַ קאָמפּראָמיס און אָנהייבן מיט ליבינס „דער מאַן און זיין שאָטן" ניט מיט „דעם שמידס טעכטער". אָבער אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך אויפגעפירט הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". דער יונגער אַקטיאָר יחיאל גאָלדשמידט האָט אין דער פּיעסע שוין געשפּילט אַמאָל, האָט ער מיר איינגערעדט, אַז „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז בעסער פאַר אַן ערשטער פּראָבע איידער „שמידס טעכטער". דער דערפאָלג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז אַלע „שונד מענעדזשערס" האָבן געהייסן זייערע שונד־דראַמאַטורגן שרייבן ענלעכע פּיעסן. עדעלשטיין, דער מענעדזשער פון סעקאָנד עוועניו טעאַטער, האָט זיך געקראַצט די באַק, ווי זיין שטייגער, און געטענהט אין ראַיאַל קאַפע: „גיי ווייס, אַז אַזאַ דאַרער יונגערמאַן ווי דער פישביין ...זאָל אָנשרייבן אַזאַ סוקסעס. אפשר האָט ער נאָך אַזעלכע פּיעסן, אָבער מיט סאָנגס (לידער). ביי מיר מוז מען אונטערזינגען".

נאָך דעם דערפאָלג פון „פאַרוואָרפן ווינקל" האָב איך געשטעלט „דעם שמידס טעכטער", און אויך די דאָזיקע פּראַכטפולע קאָמעדיע האָט געוווּנען די סימפּאַטיע און די אָנערקענונג פון עולם און קריטיקער. דער טעאַטער האָט גענומען בליען. אַ פיינער אַראָמאַט האָט זיך געטראָגן פון דער בינע צום עולם. די אַקטיאָרן האָבן ממש אויפגעלעבט. נאָך הירשביינען בין איך געגאַנגען צו שלום־עליכמן, און אַזוי האָט דער טעאַטער אַרויסגעבראַכט אַלע וויכטיקע שאַפונגען פון אונדזערע אייגענע און פרעמדע דראַמאַטורגן, אָבער הירשביין איז געווען דער, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן „קונסט־טעאַטער".

פאַר מיר איז הירשביין תמיד געווען און געבליבן דער דיכטער־דראַמאַטורג, און כאָטש זיין כוח ליגט אין מאָלן דעם פאַרזייטיקן יישוב (זיינע העלדן זיינען קברנים, מילנער, מוכר ספרימניקעס, מאַמעס, וועלכע צינדן אונטער דאָס האָלץ אין אויוון, מיידלעך, וועלכע וואַשן פּאָדלאָגעס און בחורים, וואָס גנבענען זיך איבער פּלויטן צו כאַפּן אַ קוש אָדער אַ שמועס מיט דער האַרץ־באַגערטער), זיינען אַלע זיינע פּערסאָנאַזשן אוניווערזאַלע. הירשביינס ווערק זיינען ניט קיין צייט־זאַכן. זיי וועלן אפשר פאַרטוישט ווערן צייטווייליק, אָבער זיי וועלן לעבן און געשפּילט ווערן אין גאָר דער וועלט ווו יידישע אַקטיאָרן שטרעבן צו דעם געלייטערטן וואָרט און צו נאַטירלעכע מענטשלעכע איבערלעבונגען אויף דער בינע".



**דער אומגעהייערער דערפאָלג פון הירשביינס פּיעסן האָט אַ פּנים אַרויסגערופן קנאה־געפילן ביים דעמאָלט־לעבעדיקן וויכטיקסטן יידישן דראַמאַטורג אין אַמעריקע, לעאָן קאָברין, און ער איז אַרויסגעקומען מיט פאָלגנדיקן אַרטיקל:**

„מיר יידן האָבן ניט קיין מאָס. ביי אונדז איז אָדער גאָר אָדער גאָרניט... אָדער העכער פון אַלע הימלען אָדער נידריקער פון דער ערד... און אויב מיר זאָלן אָננעמען, ווי שעקספּיר זאָגט, אַז די וועלט איז אַ בינע און די מענטשן זיינען אַקטיאָרן, וואָלטן מיר געמוזט זאָגן, אַז מיר יידן, זיינען די מעלאָדראַמאַטישסטע אַקטיאָרן אויף דער וועלט־בינע... די מעלאָדראַמע האָט ניט קיין מאָס. ביי איר איז אָדער אינגאַנצן טייוול אָדער אינגאַנצן מלאך. אַזוי זיינען מיר אין יעדער זאַך און אַזוי זיינען מיר בשעת מיר אורטיילן אונדזערן אַ שרייבער צי אַן אַקטיאָר, אָדער בריליאַנטן אָדער טשוועקעס, אָדער אַלט און פאַרשימלט, אָדער העכער פון קונסט... ניטאָ ביי אונדז קיין מאָס. ניטאָ קיין מאָס ביי די מעלאָדראַמישסטע אַקטיאָרן אויף דער וועלט־בינע!

דאָס האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזן אין דעם אופן ווי אַזוי אונדזערע טעאַטער־קריטיקער האָבן אָפּגעשאַצט הירשביינס פּיעסן לעצטן יאָר און אויך אין דעם אופן ווי אַזוי מען האָט אים יאָרן־לאַנג ביי אונדז פאַרשוויגן. יאָרן־לאַנג האָט הירשביין געשריבן זיינע פּיעסן און קיינער האָט כמעט וועגן זיי אַ פּיפּס ניט געטאָן. אין רוסלאַנד איז ער אַרומגעפאָרן מיט זיינער אַ קאָמפּאַניע, האָט זיינע פּיעסן אויפגעפירט, און ניט דאָס פּובליקום און ניט די פּרעסע דאָרט האָבן, ווי ווייט איך ווייס, אים באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט געשענקט. און האָט אַ היגער דראַמאַטיק־קלוב אַמאָל זיינע אַ פּיעסע אויפגעפירט, האָט זעלטן־ווער פון אונדזערע טעאַטער־קריטיקער זיך ערנסט מיט איר גערעכנט. און האָט אונדזערער אַ טעאַטער אַמאָל זיינע אַ פּיעסע אָנגענומען, איז זי געבליבן ניט אויפגעפירט, און האָט אונדזער דוד קעסלער, מיט אַ יאָר פופצען צוריק, געפּרוווט אַמאָל אַרויסטרעטן אין הירשביינס פּיעסע „די נבלה", האָט ער, קעסלער, אין מיטן שפּילן דעם פאַרוק זיינעם אַרונטערגעריסן און גענומען שרייען „גוואַלד", און מען האָט ביי אים קוים געפּועלט, אַז ער זאָל די ערשטע פאָרשטעלונג ענדיקן...

און מיט אַמאָל... דורך אַ צופאַל פירט אויף שוואַרץ הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" אין מיטן וואָך. אַ פּיעסע אין וועלכער, ווי איך ווייס, שוואַרץ אַליין האָט דאַן ניט געגלייבט, און אין איין נאַכט ווערט געבוירן הירשביין „דער גרעסטער דראַמאַטורג" פון דער יידישער בינע, הירשביין „דער ערלייזער" פון דער יידישער בינע... און אונדזערע טעאַטער־קריטיקער צעלאָזן זיך, שרייען אַריבער איינער דעם אַנדערן, און די יידישע גאַס איז פאַרהילכט פון זייערע מעלאָדראַמאַטישע קולות: „דער עפּאָכע־מאַכער פון דער יידישער בינע", „דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע", „דער דיכטער פון דער שטילער דראַמע", און אַזוי ווייטער, קורץ, פון די דאָזיקע אַלע געשרייען האָט מען געקאָנט ציען איין שלוס, אַז אַלצדינג, וואָס איז ביז דאַן געשאַפן געוואָרן פאַר דער יידישער בינע, איז אין פאַרגלייך מיט הירשביינס שעפערישן טאַלענט אַלס דראַמאַטורג, גאָרניט מיט גאָרניט, אַז ערשט פון זיין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" הייבט זיך אָן די ריכטיקע יידישע דראַמאַטישע קונסט... בלויז איין וו. עדלין, ווי ווייט איך געדענק, האָט אין דעם דאָזיקן מעלאָדראַמאַטישן טומל, זיין גלייכגעוויכט

ניט פאַרלאָרן. ער האָט זיי דערמאָנט, די טעאַטער־קריטיקער, אַז די יידישע בינע האָט אַ סך דראַמען געזען, וואָס זיי זיינען ניט ערגער פון הירשביינס. זיינע רויִקע ווערטער זיינען אָבער פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם געשריי פון די אַנדערע, און זיי האָבן זיך גאָרניט געפרעגט, די היינטיקע שרייער, ווי קומט עס וואָס זיי האָבן פריער ניט באַמערקט אַזאַ דראַמאַטישן ריז ווי הירשביינען? ער שרייבט דאָך שוין באַלד אַזוי לאַנג ווי די עלטערע יידישע דראַמאַטורגן, וואָס זייערע פיעסן שפילט מען שוין באַלד אַ פאָר צענדליק יאָרן. זיי האָבן דאָך מסתמא זיינע פיעסן געלעזן, מסתמא געזען זיי אַמאָל אויפגעפירט פון דעם דראַמאַטיק קלוב, וואָס עטלעכע פון זיינע מיטגלידער, ווי גאָלדסמיט און טענענהאָלץ האָבן זיך טאַקע אַזוי אויסגעצייכנט אין די אייגענע הירשביינס פיעסן איצט ווען מען האָט זיי אין שוואַרצעס טעאַטער אויפגעפירט? פאַרוואָס האָבן זיי אים פריער פאַרשוויגן? דער תירוץ איז מעלאָדראַמע... אָדער שאַ אָדער הו־האַ...

שטעלט זיך די פראַגע פאַרוואָס פאָרט אָבער איז דער דאָזיקער מעלאָדראַמאַטישער הו־האַ וועגן הירשביינען דוקא געקומען לעצטן סעזאָן און ניט פריער? אויף דעם וועל איך פרוּוון ענטפערן, און דאָס וועט אונדז אפשר געבן דעם שליסל צו דעם היינטיקן צושטאַנד פון דעם יידישן טעאַטער בכלל. צווישן אונדזערע טעאַטערבאַזוכער האָבן מיר שטענדיק געהאַט אַ היבשן עולם, וואָס האָט די בעסערע פיעסן באַזוכט. ווו און ווען מען האָט אַ בעסערע פיעסע אויפגעפירט, איז דער דאָזיקער עולם געקומען און האָט דעם טעאַטער אָנגעפילט. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען אָן „יאַנקל בוילע" אין „אָדעאָן"־טעאַטער. אַ טעאַטער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, ווייט פון דער טעאַטער־געגנט, אַ קאָמפאַניע פון גאַנץ אומבאַוווסטע אַקטיאָרן שפילט דאָרט יעדן טאָג אַן אַנדערע פיעסע פון דעם ביליקסטן סאָרט. דער העכסטער פרייז פון אַ טיקעט איז דאָרט פינף און צוואַנציק סענט. פון דעם אַליין קאָן מען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ טעאַטער דער דאָזיקער „אָדעאָן" איז געווען. און דאָרט פיר איך אויף „יאַנקל בוילע", און ווען? אויף סוכות, דאָס הייסט, אין דער צייט ווען דער עולם איז געוווינט צו זען די ביליקסטע פיעסן, די אַזוי־גערופענע יום־טוב־פיעסן. און „יאַנקל בוילע" האָט דאָרט דעם גרעסטן ערפאָלג געהאַט. דער עולם, וואָס זוכט בעסערע פיעסן, איז אַפילו אַהין אויך געגאַנגען, און אַנשטאָט פינף און צוואַנציק סענט האָט ער אַ דאָלאַר פאַר אַ טיקעט [בילעט] געצאָלט, אין יענער צייט דער העכסטער פרייז, און אין דעם דאָזיקן טעאַטער, ווו מען איז געוווינט געווען יעדן טאָג אַן אַנדערע פיעסע צו שטעלן, האָט מען „יאַנקל בוילע" עטלעכע און פופציק מאָל געשפילט; היינט די אַרטיקלען מיט די לויב־געזאַנגען פון די טעאַטער־קריטיקער איבער דער דאָזיקער פיעסע. דער פאַרפאַסער פון „יאַנקל בוילע" קאָן זיי נאָר פאַרגלייכן צו די אַרטיקלען וואָס זיין קאָמעדיע „דעם דאָקטאָרס ווייבער" האָט אַרויסגערופן. איך דערמאָן די דאָזיקע אַרטיקלען, ווייל, ערשטנס, ווי עס ווייזט אויס, האָבן די טעאַטער־קריטיקער אָן זיי פאַרגעסן, שרייבנדיק וועגן הירשביינען, און, צווייטנס, אפשר וועט דאַן הירשביין אַליין זיך אַ מוסר אָפלערנען וואָס אים קאָן ערוואַרטן ווען אַ נייער „רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע" וועט אין איין שיינעם אָוונט פאַר אונדזערע טעאַטער־קריטיקער מיט אַמאָל אַרויפשווימען.

קורץ, אין יענער צייט צו שפילן אַ פיעסע עטלעכע און פופציק מאָל, בפרט אין יענעם טעאַטער, איז אַזוי ווי מען וואָלט אַ פיעסע אַ גאַנצן סעזאָן אין היינטיקער צייט געשפילט. וואָס איז געווען די אורזאַך פון אַזאַ אומגעוויינלעכן ערפאָלג? די ערנסטע באַציִונג פון די אַקטיאָרן צו דער פיעסע. דאָס איז אײנס, און ווידער, ווייל אַלע אַקטיאָרן זיינען פאַר דעם עולם, וועלכער איז די פיעסע געקומען זען, ניי געווען, און, דריטנס, ווייל זיי אַלע זיינען יונג געווען. איך האָב ליב אונדזערע אַלטע אַרטיסטן. איך האָב זיי מער ליב ווי איך האָב זיי ווען עס איז אַרויסגעוויזן. איך באַוווּנדער זייערע גרויסע אַרטיסטישע כוחות און די גרויסע ליבע זייערע פון פיאָנערן־אידעאַליסטן. יאָ, יאָ, פון אמתע אידעאַליסטן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צום יידישן טעאַטער. ציגל צו ציגל האָבן זיי געקליבן פאַר דעם גרויסן בנין, וואָס הייסט יידיש טעאַטער, און יעדן ציגל האָבן זיי אין דעם פייער פון זייער אייגענער נשמה געטונקט און צוזאַמען מיט אַ שטיק פון זייער יוגנט אין דעם בנין אַריינגעמויערט. מיר האָבן איצט אַ פעסטן בנין, אָבער אַלט זיינען די בויער, אַלט און שוואַך. די גרויסע אַרטיסטן און פיאָנערן פון אונדזער בינע, וואָס מיט דער הילף פון גאָרדין און פון די אַנדערע בעסערע יידיש־אַמעריקאַנישע דראַמאַטורגן האָבן זיי פון כמעט גאָרניט אויפגעבויט אונדזער היינטיקן יידישן טעאַטער. זיי זיינען פון דער צייט ניט געשאַנעוועט געוואָרן. דאָס איז זייער טראַגעדיע, דאָס איז אונדזער אַלעמענס טראַגעדיע. דער ווינטער איז געקומען, קאַלט אויפן האַרצן, אויף דער נשמה, דאָס בלוט צירקולירט שוין ניט אַזוי שטורמיש ווי אַמאָל... אָפגעשוואַכט איז דער ווילן, דער דראַנג, די שטרעבונג נאָך רום ביים אַלטן אַרטיסט. די אַרטיסטישע אַמביציע וואַכט איבערן קאָפ, אָבער ניט אינם האַרצן, און ווייל אַמאָל דער אַרטיסט זיך צונויפנעמען און זיינע אַמאָליקע מעכטיקע פליגל אַ הויב טאָן, זיי פאַלן באַלד צוריק. קיין כוחות ניטאָ! זייער רום איז אָבער פאַרזיכערט. זייער גרויסע אַרבעט האָבן זיי אָפגעטאָן און די יידישע צוקונפט וועט געוויס מיט ליבע און באַוווּנדערונג זיי דעם פאַרדינטן און בכבודן פלאַץ אָפגעבן ניט נאָר אַלס אונדזערע גרעסטע קינסטלער און שוישפילער, נאָר אויך אַלס די בויער פון אונדזער יידישן טעאַטער. מיר, וואָס האָבן זיי געזען אין זייער פולבלוטיקער קראַפט און שאַפונג, געדענקן זיי און זיי זיינען ביי אונדז טייער, אָבער ניט די אַנדערע, יענע, די פרעמדע, די יונגערע... יענע האָבן ניט געזען אונדזערע היינטיקע „אַלטע" דאַן ווען זיי זיינען יינגער געווען, ווען זיי האָבן, ווי פייערדיקע פאָנטאַנען, מיט פייער געשפריצט. און זען יענע אונדזערע באַרימטע אַרטיסטן היינט, ווען זיי זיינען שוין אויסגעשעפט, ווען זיי האָבן שוין מער ניט קיין געדולד צו לערנען אַ נייע ראָלע און שפילן דאָך נייע ראָלן, ווען צונג און האַרץ זיינען ביי זיי אָפגעקילט און די גאַנצע פאָרשטעלונג שלעפט זיך מחמת דעם גאַנץ אָפט ווי פעד, קערן זיי זיך אָפ פון די דאָזיקע אַרטיסטן און לויפן זען די יינגערע אַקטיאָרן.

דאָרט, ביי די יינגערע אַקטיאָרן ברענט נאָך די אַמביציע. די שטים איז הילכיק און יונג, און די ראָלן זיינען איינשטודירט און דער ווילן איז דאָ און דער ערנסט, און טאַקע די בעסערע פיעסע אויך, וואָרעם געזאָגט מוז ווערן, אַז די לעצטע יאָרן האָבן אונדזערע אַלטע אַרטיסטן, וואָס זיינען באַרימט געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער בעסערער פיעסע, זייער שטאַרק קעגן דער בעסערער פיעסע געזינדיקט. דערפאַר איז מען געלאָפן אַפילו אין „אָדעאָן"־טעאַטער צו „יאַנקל בוילע" און דערפאַר, און בלויז דערפאַר איז מען געלאָפן צו הירשביינס פיעסן אין שוואַרצס טעאַטער. נייע אַקטיאָרן זיינען דאָרט, וואָס האָבן זיך נאָך ניט צוגעגעסן דעם עולם, און

יונגע, און, דער עיקר, אַן ערנסטער, אַמביציעזער שפּילן פון וואָס ווערן אויפגעפירט אין די לעצטע יאָרן אין די טעאַטערס, ווו די „אַלטע" שפּילן... דערפאַר אויך, אַז אונדזערער אַ טעאַטער אַנאָנסירט אַמאָל אַ נייעם אַקטיאָר אָדער אַ נייע אַקטעריסע, מעג ער תמיד ערוואַרטן אַן איבערגעפאַקט הויז... דאָס, און נאָר דאָס, איז דער סוד פון פּרץ הירשביינס ערפאָלג, און בשום אופן ניט דערפאַר, ווייל דער לירישער הירשביין איז אַזאַ „ניט דאַ געוועזענער" דראַמאַטורג ווי מען פלעגט אַמאָל ריידן ביי אונדז אויפן טעאַטער־לשון ווי איך וועל דאָס ווייזן אין מיין קומענדן אַרטיקל".

**אין אַן אינטערוויו מיטן מחבר, האָט ער זיך אַזוי אַרויסגעזאָגט וועגן זיין פּיעסע:**

— 'גרינע פעלדער' איז די ערשטע, אָבער זעלבשטענדיקע טייל פון אַ טרילאָגיע, וואָס איך האָב אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין 1907. די צווייטע טייל האָב איך שוין אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען „צוויי שטעט", און דעם דריטן טייל וועל איך אינגיכן פאַרעפנטלעכן. אָבער, ווי געזאָגט, איז „גרינע פעלדער" אין זיך אַ זעלבשטענדיקע זאַך. „גרינע פעלדער" האָב איך אָנגעשריבן אין פאַרלויף פון די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין הויז פון מיין פריינט דוד פּינסקי, אין לאָנג ביטש, ווען איך בין אים געקומען מנחם אבל זיין נאָך דעם טויט פון זיין גאָטזעליקן זון.

„גרינע פעלדער" איז איינס פון די ווערק, וואָס איז הירשביינען זייער ליב, ווייל ס'איז אַן עכט יידיש ווערק; די פאַרהייליקונג פון דער תורה און דעם בן־תורה, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן בעסערן שטאָט־יידן. הירשביין גלייבט, אַז ס'איז אים געלונגען אַרויסצוברענגען די גייסטיקע עשירות און די יידישע צניעות פון דעם פאַרליבטן מיידל צינע אַזוי גוט ווי פון דעם תלמיד־חכם לוי יצחק און פון אַלע אַרומיקע. די ליבע, וואָס ווערט געשילדערט אין מערסטע דראַמאַטישע ווערק, איז די ליבע, וואָס ברענגט צו טראַגישע און דראַמאַטישע קאָנפליקטן.

מיך — האָט הירשביין באַמערקט — אינטערעסירט דאָס ניט. מיך אינטערעסירט די ליבע אין איר גאַנצקייט, אין איר דערהויבענער שיינקייט, ווו זי מאַכט דעם מענטשן גייסטיק העכער און זיין געמיט לויטערער און פריידיקער, און דאָס האָב איך געוואָלט אַרויסברענגען אין „גרינע פעלדער".

— און וואָס איז מכוח די מוזיק, וואָס איר פאַרפאַסט פאַר די אַנטראַקטן?

— מוזיק — האָט הירשביין געענטפערט — איז איינע פון די גרויסע אָנשיקענישן, ווי ס'איז אויך, למשל, מאָלעריי. אַזוי איז בנוגע מוזיק דער רצון ביי מיר שטאַרקער ווי דאָס קענען, אָבער פונדעסטוועגן קאָן איך ניט ביישטיין דעם נסיון און קאָמפּאָניר מיר מעלאָדיען פון צייט צו צייט. די אַנטראַקט־מוזיק פאַר „גרינע פעלדער" איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ ריי קאָמפּאָזיציעס, וואָס איך האָב פאַר זיך אַליין קאָמפּאָנירט אויף דער פּיאַנאָ אין פאַרשיידענע צייטן.

— איז אייך איינגעפאַלן צו געבן אייער אייגענע מוזיק פאַר אייער שטיק, ווייל ס'געפעלט אייך ניט די מוזיק, וואָס ווערט געווינלעך געשפּילט אין די אַנטראַקטן?

— קריטיקירן אַנדערע בין איך ניט מחויב — האָט הירשביין געענטפערט — איך האָב געגעבן מיין מוזיק, ווייל איך האָב עס געהאַלטן פאַר פּאַסיק.

צוגעקומענע שוישפּילער:

לייזאַ וואָראָן, מאַדאַם וואַקסמאַן, סעם אַדלער, א. צוויג, לואיס גילראַד און העגריעטאַ שניצער.